STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06192

MISHPOHE ORTSHIK

Shlomo Bickel

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

טאַנצן מיט פראַנץ מאַסיער. ער קוקט זיך צו ווי דער לאַנגער שוואַב מיטן דריבנעם פּנים און מיט די לאַנגע הענט, וואָס סטאַרטשען אַרויס פון די צו קורצע אַרבל, בייגט זיך צו צו מאַרטאַן און פרעגט זי עפּעס מיט אַ שמייכל. וואָס פרעגט ער זי? פאַר וואָס ווערט מאַרטאַ רויט און מאַכט מיטן קאָפּ אויף ניין? וואָס ניין? זי וועט נישט חתונה האָבן מיטן ייִד? פראַנץ שמייכלט, האַלט אין איין שמייכלען!

לייזער־בער האָט זיך קוים דערוואַרט ס'זאָל ליכטיק ווערן אין דרויסן. ער איז אַרײַן אין שטאַל, האָט געגעבן עסן די בהמות, האָט געפּוצט די פערד, האָט אויסגעקערט די אַבאָרע, נאָך אַ מאָל אַרײַן אין שטאַל, געגאַנ־גען פון איין בהמה צו דער אַנדערער און מיט יעדער געהאַט אַ לאַנגן, צערטלעכן שמועס.

דער אַלטער אַרטשיק האָט געקוקט מיט ליבשאַפט אויף זײַן בכור. ער ווייסט, אַז ווו לייזער־בער לייגט צו אַ האַנט איז נישט־אומזיסט, איז אָפּ־געטאָן אַן אַרבעט. ער, דער אַלטער אַרטשיק, געפינט זיך אויך נישט קיין אָרט אין דעם דאָזיקן פאַר פרי הייסן זונטיק, ס'דלויבעט אים עפּעס אונ־טערן לעפעלע אַ בודעניש ענלעך אויף אַ הונגער־געפיל נישט צו דער צײַט. צו אַזאַ נאַגעניש איז אַ סגולה אַ ציגאַר טוטון. ער פאַררייכערט און פילט, אַז די זלידנע פליג פון טראַכטעניש לאָזט זיך נישט פאַרטרײַבן מיט רויך. אפשר זיך פאַרטײַען מיט אַ שמועס?

— לייזער־בער, איך רעכן, אַז די מאַמע איז הײַנט מחויב צו קומען. זי'ט אַהיימברענגען אַ קמיע פונעם רבין, זאָלסטו זי אָפּהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ. אַזעלכע קליינטשיקע קמיעלעך היטן אַ מאָל מער אָפּ אַ מענטשן ווי תפילין אָדער אַפילו אַ מלאך.

— טאַטע, איך דאַרף נישט קיין קמיעות. איך האָב שוין ווער ס'זאָל מיך אָפּהיטן.

איידער דער אַלטער האָט נאָך אויסגעטראַכט וואָס צו ענטפערן, איז לייזער־בער שוין געווען פון יענער זײַט פאַרקן אויפן וועג, וואָס פירט אַ לײַכטן באַרג־אַרויף צו הערמאַן טײַפּעלס שטוב.

מאַרטאַן האָט לייזער־בער פירגעהאַלטן דעם חלום זײַנעם. מאַרטאַ האָט געלאַכט, אים געפרעגט ווי עס קומט, אַז „איין יודע" זאָל זײַן אַזוי נאַריש. „איין יודע", דאָס וואָרט האָט לייזער־בערן אונטערגעצונדן. ס'האָט זיך געגראַמט מיט די ווערטער, וואָס ער האָט זיי געהערט זאָגן אין חלום

פראַנץ מאָסיערן. פונקט די ווערטער און פונקט דאָס רויטע טיכל, וואָס זי טראָגט איצט, פאַרבונדן טיף אויף דער ברוסט ווי אַ שניפּס, — דאָס טיכל האָט זי געטראָגן, ווען זי האָט געטאַנצט מיט מאָסיערן. לייזער־בער איז אַרויס פון די כּלים. ער האָט גענומען זידלען מאַרטאַן מיט גראָבע ווערטער און אַז מאַרטאַ האָט נישט אָפּגעשוויגן, האָט ער פון איר אַראָפּגעריסן דאָס טיכל, עס אַרויפגעוואָרפן אויפן אַקסל, אַ פּראַל געגעבן מיט דער טיר און אַרויס אויפן הויף.

ווען לייזער־בער זאָל באַצייַטנס געווען דערהערן דאָס קול פון זייַן ייִנגסטן ברודער הערש־לייב, וואָס איז געשטאַנען אַנגעהאַנגען פון יענער זייַט פּאַרענטשעס און צו אים געשריגן, ער זאָל פון זיך אַראָפּוואַרפן דאָס רויטע טיכל, וואָלט ער זיכער געווען אויסגעמיטן דעם טויט. ווען ער זאָל געווען זען, ווי די אַרגאַטן פּרוון פאַרלויפן דעם וועג דעם בוהייַ, כּדי אים צו פאַרקירעווען אין אַן אַנדער זייַט, וואָלט ער נאָך באַצייַטנס געקאָנט צוריק אַרייַן אין שטוב. לייזער־בער איז געווען טויב און בלינד צום אַרום. ער האָט נאָר געזען מאַרטאַן טאַנצן מיט מאָסיערן און געהערט דאָס קאָכן פונעם אייגענעם בלוט.

דער בוהייַ האָט זיך מיט ווילדער שנאה אַ לאָז געטאָן צום רויטן טיכל. דער גרויסער סאַמעטענער גוף האָט זיך עפּעס ווי אײַנגעקאָרטשעט, געוואָרן קלענער, נאָך קלענער — פאַרשוווּנדן. ס׳זייַנען געבליבן נאָר די מאָרדע און דער נאַקן, זיי זייַנען זיך איצט צעוואַקסן אין דער ברייט און אין דער הויך און האָבן אויסגעפּילט דעם גאַנצן הויף. די אומהיימלעכע מאָסע פון מאָרדע און נאַקן געפינט נישט דעם גלייַכגעוויכט אין חלל. אַ טיפער ברום און זי פאַלט באַלד צו דער ערד. אַ שווונג מיט די הערנער און זי הייבט זיך העכער און העכער. אַרויף — אַראָפּ — אַן אויגנבליק. דער נאַקן האָט זיך אַ דריי געגעבן אויף רעכטס, גלייַך ער זאָל זוכן אַן אָנשפּאַר אין רעכטן האָרן — ניין, דער אָנשפּאַר איז לייזער־בער.

אַז דער קליינער הערש־לייב איז אַריבערגעשפּרונגען דעם פאַרקן און האָט דערלאַנגט דעם בוהייַ מיט אַ שווערן שטיין גלייַך צווישן די אויגן, אַזוי אַז דער בוהייַ איז מיט אַ מאָל אומגעפאַלן ווי אַן אונטערגעשניטענער בוים, איז שוין געווען צו שפּעט צו ראַטעווען לייזער־בערן. ער איז שוין געלעגן אַ גוסער אין אַ קאַלוזשע בלוט און פון צווישן די אויפגעריסענע קליידער האָבן ווי ווערים אַרויסגעפּויזעט די אינגעווייד.

6

שמעון ולוי

מאַנטיק אין דער פרי. העגעך אַרטשיק איז געפאָרן קיין נײַבורג. ער האָט צו טאָן בײַם אויספאָרש־ריכטער און בײַ דער חברה־קדישא. עס איז מיטגעפאָרן מיט אים אויך דער בירגערמײַסטער גוסטאַוו ענגעל. אין דער היים זײַנען געבליבן קריינע און די צוויי עלטערע יינגלעך, וועלוול און מענדל — שמעון ולוי.

קריינע זיצט אויף דר׳ערד לעבן מת. די פיס פאַררוקט טיף אונטערן קלייד. די הענט פאַרלייגט אונטער אַ שווערן ווינטערדיקן שאַל, וואָס פאַרדעקט איר דעם גאַנצן גוף פונעם האַלדז אָן. אויפן קאָפּ אַ טיכל, פאַרנט ווײַט אַרויסגערוקט ווי אַ שפּיציקער דאַשיק. מען זעט נישט קיין פּנים און קיין אויגן. אַרײַנקומענדיק פון דרויסן דאַכט זיך אויס, אַז דאָ האָט עמעץ אָפּגעלאָדן לעבן מת אַ גוט צונויפגעבונדענעם טלומיק שמאַטעס. מען גייט צו נענטער, דערהערט מען פון אונטער דעם דאַשיק אַ טרוקן קריצנדיק קול. דאָס קריצט קריינע אויס מיט איר קול שבחים אויף דער מצבה פון איר ערשט־געבוירענעם.

די דאַלעטע האָט באַרירט דעם שטיין: „אָך איז מיר, ווײ איז מיר, אַ בראָך צו דער מאַמען״!

די דאַלעטע הייבט זיך אָן אַרײַנבויערן טיפער און עס צייכענען זיך אָן לייזער־בערס מעלות־טובות:

— ס׳האָט זיך מיר אונאַדעט דער ווינטער אויף די פּלייצעס און מיך געהאַלטן אין שטוב. פלעג איך שוין זאָגן: לייזערקע, ברענג מיר אַרײַן אַ ביסל האָלץ פון דער קאַמער.

— די באַראַבולעס פונעם קעלער...

— דאָס האָלץ פון דער קאַמער...

— ער פלעגט מיר אַלץ צוטראָגן...

— נאָך וואָס האָט אים געטויגט די שיקסע, וואָס...

— דער רבי האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז די שיקסע איז זײַן מלאך־המות...

קריינע האָט דעם ציון איבערגעחזרט איין מאָל, צוויי מאָל, צען מאָל. זי האָט נישט אָפּגעטראָטן אויף אַ האָר נישט פון די ווערטער און נישט פונעם ניגון.

די מאָנאָטאָנישקייט פון דער מאַמעס באַוויינעכץ האָט ווי אײַנגעשלעפּערט וועלוולען, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל צוגעקלעפּט צו דער וואַנט און האָט זיך אײַנגעקוקט מיט אומרויִקע אויגן פון אַן 18־יאָריקן אויף די ליכט צוקאָפּנס. די פלעמלעך פון די ליכט זײַנען אַלע מאָל אַראָפּ־געלאָפן פון זייער הייך, האָבן זיך אַ שפּיל געטאָן אויפן שוואַרצן טוך אונטן און באַלד בחפזונדיק צוריקגעלאָפן אַרויף צו די לײַכטער. וועלוולען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די פלעמלעך פאַרברענען אַלע מאָל דער מאַמעס רייד, ווײַל עס זײַנען פּריקרע רייד, וואָס טויגן נישט פאַר לייזער־בערן. גערעכט זײַנען די פלעמלעך. ער, וועלוול, מיינט אויך, אַז לייזער־בער האָט געדאַרפט נעמען מאַרטאַן, ווײַל מאַרטאַ גלײַך זי וואָלט געווען גוסטאַוו ענגעלס טאָכ־טער און נישט הערמאַן טײַפּעלס. זי איז אַ פריילעכע, מאַרטאַ, האָט ליב צו אַרבעטן און אַ שטיף צו טאָן מיט אַלעמען. ער, וועלוול, אויף לייזער־בערס אָרט, וואָלט אויך חתונה געהאַט מיט איר. דער מאַמעס רבי און הערמאַן טײַפּעל — זיי האָבן דערהרגעט לייזער־בערן. דער רבי האָט אָנ־גערייצט די קמיע און הערמאַן טײַפּעל דעם בוהײַ. דער דאָזיקער געדאַנק איז קודם געווען עפּעס אַ שפּילעוודיק צונויפגעשטעלט געוועב, מיט וועלכן וועלוולס יינגלשער געמיט האָט זיך איבערגענומען. ער, וועלוול, האָט זיך עלעהיי דער טאַטע אָדער גוסטאַוו ענגעל אויך אַרײַנגעטראַכט אין דעם אומגליק מיט לייזער־בערן און האָט אַרויסגעבראַכט אַן אייגענע סברה. קאָן זײַן, אַז די סברה וועט אײַנגיין דעם טאַטן, אָדער אַפּילו דעם בירגער־מײַסטער, וואָס וועט אַ זאָג טאָן:

— הער מיך אָן, אָרטשיק, דער יונגע האָט רעכט, הערמאַנס פאַר־טײַפּלטע האַנט איז דאָ אין שפּיל. לייזער־בער האָט אויף זיך אַרויפגע־וואָרפן דאָס רויטע טיכל און איז אַנטקעגנגעלאָפן דעם בוהײַ? דערין קאָן גלייבן נאָר אַ נאַריש ווײַב, אָבער נישט איך, גוסטאַוו ענגעל.

איצט, אַז דער בירגערמײַסטער אַליין, וואָס דער טאַטע זאָגט אויף אים, אַז ער האָט נאָך אַזאַ קלוגן גוי נישט געזען און אַפּילו די מאַמע גיט

שלמה ביקל

*

משפחה אָרטשיק

שלמה ביקל

משפחה אָרטשיק

פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב
תשכ"ח — 1967

שלמה ביקל

משפחה אָרטשיק

פאַרלאַג „המנורה״, רח׳ זנגביל 24, תל־אביב, ישראל
"Hamenora" Publishing Hause, 24 Zangwill Str. Tel Aviv, Israel

©
אַלע רעכט געזיכערט

נדפס בישראל תשכ״ח
Printed in Israel 1967

דפוס „אורלי״, תל־אביב, טל. 32062

אַ מתּנה מיינע בוקאָווינער לאַנדסלייט
און נאָענטע פריינד, עדיט און ישראל פּאָלאַק

אינהאַלט

הקדמה 9

משפחה אָרטשיק

1. אַלט־ און ניי־קאָזמין 11
2. די פריינדשאַפט מיט גוסטאַוו ענגעל 16
3. קריינע פאָרט צום רוזשינער 21
4. צו מאָרגנס 24
5. לייזער־בערס טויט 26
6. שמעון ולוי 29
7. אָרטשיק קויפט פעלד 34
8. אין בית־דין־שטוב 39
9. וואָס טוט זיך אין ווין 45
10. די פאַרזאַמלונג ביים קלויסטער 54
11. די קראַטקעס 62
12. די אַסיפה 66
13. ביים הויז פון ראש הקהל 69
14. הערש־לייב און זעליג 75
15. אַ נייער ייד אין דאָרף 89
16. ביים טיש פון די דייטשע פּני 95
17. אין פפייפערס לייערשטיבל 100
18. דעם ערשטן נאָוועמבער אין טשערנאָוויץ . . . 105
19. אַ סקוטשנע ווינטער 114
20. דאָדיע שרייבט אַ בריוו 120
21. פון יענער זייט בריק 124

22. אין בראַניצקיס גאָרטן 128
23. מנשה, דער לוויה־גייער 134
24. דער „בעשאַו" 140
25. די מסירה 142
26. נוסיע גראַלניק גיט אַן עצה 145
27. צוויי בריוו 150
28. אין פאַריזערס אַכסניה 153
29. די חתונה 157

דריי דערציילונגען

אַ דאָרפסייד 165
דאָס בוררות 170
לייטענאַנט פישלער 181

פאַרטייטשונג פון לאָקאַליזמען

הקדמה

פֿאַרטראַכט האָב איך אַ טרילאָגיע, וואָס זאָל דערציילן וועגן הענעך אָרטשיקן, דעם יידישן פּויער און דעם ערשטן יידישן תּושב אין אַ בוקאָווינער דייטשער קאָלאָניע, זיין זון הערש לייב און זיינע אייניקלעך, הערש לייבס קינדער. פֿאַרענדיקט האָב איך דאָס ערשטע בוך מיט איבער דרייסיק יאָר צוריק צום טייל אין בוקאַ־רעסט און צום טייל בעת אַ זומער־וואַקאַציע אין דער שיינער קאַרפּאַטן־שטאָט בראַשאָוו.

דאָ אין ניו־יאָרק בין איך אַריין אין ווירבל פֿון אַנדערע, מער אַקטועלע ליטעראַרישע אינטערעסן און דאָס בוך איז גע־בליבן ליגן ביז — ביז ס׳איז מיר, מיט דער אָנקומענדיקער עלטער קלאָר געוואָרן, צוליב וואָס איך האָב פּלוצעם זיך גענומען שרייבן אַ ראָמאַן מיט אַ היסטאָרישן אָנהייב דערצו.

ס׳איז געווען אין די יאָרן ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה. היטלער פֿון דרויסן און די „אייזערנע גוואַרדיע" פֿון אינעווייניק האָבן אַלץ געדיכטער געמאַכט די לופֿט פֿון האַס און מורא אַרום דעם יידישן ישוב אין רומעניע. יידן, וואָס האָבן געוווינט אין רומעניע זינט דורות, און אוודאי מיר, די פֿון די ניי־צוגעקומענע פּראָווינצן, האָבן זיך דערפֿילט אויסגעוואָרצלטע מער ווי ווען ס׳איז.

דער ראָמאַן איז ערגעצוו געווען דער אונטערבאַוווּסטזיני־קער ענטפֿער דערויף: איך ווער פֿיזיש אויסגעוואָרצלט, איך שטיי מיטן וואַנדער־שטעקן אין האַנט, לאָמיך כאָטש אין דמיון זיין אַן איינגעוואָרצלטער צווישן די יידן פֿון שטאָט און פֿון

משפחה, וואָס פאַרבלייבן דאָ און וועלן ווייטער פּרוּוון ציען זייער געשיכטע פון עקשנותדיקן קיום.

די עקשנות האָט דאָס מאָל מיינע יידישע ברידער נישט געהאָלפן. די דייטשע קאָלאָניע איז היינט צו טאָג „יודען־ריין" און מיט היטלערס ווילן און מיט סטאַלינס הסכם אויך ריין פון דייטשן, פון די יידן אין ניי־קאָזמין איז פאַרבליבן בלויז אַ מאַסן־קבר, און די דייטשן — זיי זענען פליטים אין מערב־דייטשלאַנד.

האָב איך באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אָט דעם ערשטן באַנד (ווער ווייס ווען און אויב אַ צווייטער וועט קומען), וואָרעם איך האָב געפילט, אַז עס דאַרף פאַרצייכנט ווערן בעלעטריסטיש דער חלום פון הענעך אָרטשיק און פון זיין זון הערש לייב, וואָס דערמיט האָט עס זיך אָנגעהויבן. אַ חלום קאָן פאַרענטפערן און אָפּפרעגן. זייער טרוים איז מיין ענטפער און מיין פראַגע.

די דריי דערציילונגען: „בריינעס בוררות", „אַ דאָרפס־ייד" און „לייטענאַנט פישלער" זענען די צויטן פון שפּעטער מיט אַ דור און צוויי פון יענעם טראַגיש צונישט געוואָרענעם חלום און פון זיינע שאלות ותשובות.

ש. ב.

אַלט־ און ניי־קאָזמין

ייִדן זײַנען אין דאָרף דאָ סך־הכל צוויי. דאָס הייסט, געווען זײַנען אַ מאָל מער, נאָר זיי האָבן זיך כמעט אַלע אַריבערגעצויגן קיין נײַ־קאָזמין. נײַ־קאָזמין ליגט בײַם שטראָז, נעענטער צו דער שטאָט, נעענטער צום וואָקזאַל און ס׳וווינען דאָרט נאָר דײַטשן, די דײַטשן זײַנען איינס ווי איינס גבירים, קאַרגע מענטשן, האָבן אייגענע געוועלבן און קאָנען דעם וועג אין שטאָט אַרײַן בעסער ווי ייִדן. פאַר אַ פּאָרע ביליקער שפּאַנט דער דײַטש אײַן די פערד, פּרעסט אויף אַ מײַל די וועגס און קויפט אײַן אין גרעסטן שטאָטישן געוועלב. די תבואה האַלט ער ביז אין די טיפע פרעסט אַרײַן און טשאָטעט אָפּ דעם טײַערסטן פּרײַז. די קאַרטאָפל פאַרגראָבט ער איבערן ווינטער און פאַרקויפט זיי פאַר פּסח דירעקט צו בעסאַראַבישע סוחרים אָן אַ גראָשן מעקלערײַ. די מילך פירט ער צום קאָאָפּעראַטיוו און בײַם ייִדן קויפט ער אַ דעקע הייוון, אַ שפּאַלעכל צווירן און אַ פונטל צוקער. איינס ווי איינס סחורות בײַ וועלכע מע קאָן נתעשר ווערן.

האָבן טאַקע אין קירהס צײַטן אַלע צוועלף ייִדישע משפחות, אַחוץ איינער געלעבט צווישן די מאָלדאַוואַנעס. אין דײַטשן דאָרף האָט געוווינט נאָר איין ייִדישע פאַמיליע: די משפחה אָרטשיק.

איצט איז, פאַרשטייט זיך, אַנדערש. קיין פּרנסה איז טאַקע צווישן די דײַטשן נישטאָ. אָבער די בעלי־בתים אין לאַנד זײַנען די וואָלעכן. האַלטן די דײַטשן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, קאָן מען זיי קוקן גלײַך אין די אויגן. און מען איז זיכערער צווישן זיי.

1

הענעך אָרטשיקס בני־בית

אַז קירה האָט מיט הונדערט צוואַנציק יאָר צוריק אַראָפּגעבראַכט אין דער בוקאָווינע דײַטשע קאָלאָניסטן פון שילערס שוואַבנלאַנד און צווישן זיי פאַרטיילט די מלוכישע גיטער, איז הענעך אָרטשיק געווען אַ בעל־עגלה צווישן אַלע איבעריקע בעלי־עגלות אין סאַדאַגערע און אַפילו נישט געוווסט, אַז פון יענער זײַט טשערנאָוויץ צו דער נײַער מאָלדאַווישער גרענעץ צו איז דאָ אַ דאָרף קאָזמין. אין איינער אַן אויסגעשטערנטער זומער־נאַכט, ווען אָרטשיק בעל־עגלה האָט געפּויעט די פערד בײַם טערקישן ברונעם אין טשערנאָוויץ, נישט ווײַט פון אַן אײַנפאָרהויז, האָט אים עפּעס אַ לאַנגער דײַטשוק מיט אַ צורה גלײַך ער זאָל האָבן געשטאַנען דרײַ טעג אין אַ גאָסרעגן, אַ פרעג געטאָן מיט אַ ניגון פון אַ בעל־קורא אַ קאַליקע, און מיט אַ לשון, וואָס איז שטאַרק ענלעך צו ייִדיש, צי ער ווייסט נישט ווו מ׳קאָן דאָ איבערנעכטיקן — ער און זײַנע צוויי פערד און וואָגן.

נאָך דער דאָזיקער ערשטער באַגעגעניש האָבן פריילעכע פערד־ירידים און אַלדאַמאַשן מיט 96־גראַדיקן אָקאָוויט אויסגעקאָוועט אַ פרײַנדשאַפט, געטרײַ און פײַערדיק ווי דער שמיץ פון אַ בײַטש, צווישן סאַדאַגערער בעל־עגלה און דעם קאָזמינער דײַטשן קאָלאָניסט גוסטאַוו ענגעל. ווען גוסטאַוו ענגעל האָט אין יאָרן אַרום געפּראַוועט חנוכת־הבית אין זײַן גרויס הויז (אפשר די ערשטע געמויערטע שטוב מיט אַ שינדלדאַך אויף יענע פעלדער בײַם טײַך סערעט) איז שוין אָרטשיק בעל־עגלה געווען אַ קאָזמינער תושב, האָט געלאָזט צו דער אָדער און געראַטעוועט בהמישע לעבנס און געהאַט אַן אייגענע שטאַל, ווו ער האָט געכאָוועט די שענסטע פערד פאַר דער לעמבערגער אויסשטעלונג. געוואַקסן זײַנען בײַ הענעך אָרטשיקן זין, אַנפעלערדיקע, מיט ליבשאַפט צו בהמות, און מיט געטרײַשאַפט צו שכנים, מיט יאָדערדיקע פּלייצעס און מיט וויכערדיקע אויגן, פלינקע שפילערס און האַמעטנע דאַוונערס.

לייזער־בער, דער עלטערער, איז נאָך געבוירן געוואָרן אין סאַדאַ־

גערע. דער ברית זײַנער איז אויסגעפּאַלן פּונקט אין טאָג פון דער גרויסער סאַדאַגערער שריפה, האָט מען אים געמוזט אָפּלייגן אויפן אַנדערן טאָג, ווײַל ס׳איז קיין מנין נישט געווען. אַרטשיק און דער עיקרשט זײַן ווײַב קריינע האָבן דערין געזען אַ שלעכטן סימן און זײַנען געווען מער ווי זיכער, אַז פון לייזער־בערן וועט קיין ייִד נישט אויסוואַקסן. קריינע איז געווען אַ בעל־הבתּישע טאַכטער. דער פֿאָטער האָט געהאַנדלט מיט דרום־פּרוכטן פון סטאַמבול און איז פון זײַנער אַ נסיעה אַהין נישט מער צוריקגעקומען. איז קריינע געוואַקסן בײַ אַ מאַמען אַן עגונה און האָט אַן נדן און אַן אויס־שטײַער געמוזט חתונה האָבן מיט אַרטשיק בעל־עגלה.

דאָס ייִנגל מיטן פֿאַרשפּעטיקטן ברית האָט טאַקע נישט אויסגעזען ווי אַ ייִדיש קינד. בלויע אויגן, פֿלאָווע, גלאַטע האָר, אַ פֿאַרשטאָפּטער קאָפּ און אַ רוחישע גבורה. דאָס אַלץ האָט קריינען דערמאָנט אין פֿעטער עשיו. זי האָט אים טאַקע נישט אַנדערש גערופן ווי עשיו און האָט זיך נישט געהידושט, וואָס שפּעטער מיט יאָרן אין קאַזמין איז לייזער־בער געווען אויסגעבונדן מיט אַלע שוואַבישע שקצים, מיט זיי אין איינעם געקאָליעדע־וועט און געפּראַוועט „קירכוויי", און די שוואַבישע מיידלעך מיט די גע־שפּרענקלטע פּנימער און מיטן זעלנערישן הילוך זײַנען פֿאַר אים אויס־געגאַנגען.

וואָס מער קריינע האָט דערפון געליטן, אַלץ מער האָרץ און טרערן האָט זי אַרײַנגעלייגט אין ליכטבענטשן און אין דער שבת־נאָכמיטאָגדיקער צאינה־וראינה און אַלץ מער האָט זי זיך געטרייסט דערמיט, וואָס לייזער־בער האָט אָפּגעהיט כיבוד־אָב־ואם און בפרט איר, דער מאַמען, ממש דאָס אָרט געבלאָזן.

— מאַמע, ניטע, טילעך דיר אַרײַנברענגען האָלץ און טילעך דיר אָנ־לייגן אַ פֿײַער און טילעך אַרויפֿדרייען אַן עמער וואַסער.

און דאָס וואָס די אייגענע מאַמע רופֿט אים עשיו אַרט אויך נישט לייזער־בערן. ער נעמט עס אָן פֿאַר אַ חכמה און וואָלט דערפֿאַר דער מאַמען וווּליונגיש אַ רוק געטאָן דאָס טיכל איבערן שטערן און איר אַ קוש געטאָן. ס׳איז בײַ אים עלעהיי אַ פּוכקע שוואַביש שיקסל גיט אים אַ זאָג באַלאָן, און ער איר דערפֿאַר אַ צי בײַם בלאָנדן צאָפּ און אַ קוש צווישן די שפּרענ־קעלעך אויף דער באַק.

פון די איבעריקע דרײַ זין זײַנען וועלוול און מענדל אַ צווילינג, ייִנ־

גער פאַר לייזער־בערן, און לערנען נאָך אין חדר. קריינע האָט אירע צווי־לינג־זין גערופן מיטן צונאָמען שמעון־ולוי. צי מענדל און וועלוול לערנען טאַקע אין חדר איז נישט זיכער. זיכער איז נאָר, אַז זיי גייען טאָג־אײַן, טאָג־אויס, אַחוץ שבת, כמעט אַ מײַל וועגס קײַן נייבורג און בלײַבן דאָרטן איבערן טאָג מיט ברויט מיט פּוטער אום זומער, און מיט ברויט און פּאָווידלע אום ווינטער.

אַלע אויף דער נאַכט האָט די מאַמע טענות צו די חדר־ייִנגלעך. זי ספקט בכלל צי זײַנען זיי אַ מאָל געווען אין חדר. זי איז חושד, אַז זיי שפּילן די גאַנצע ליבע זומערטעג אין „קוטשקע־פּאַליעסטרע" בײַם ייִדישן בית־עולם, און איז כמעט זיכער, אַז זיי פאַרפעלן נישט מיטן טאַטן און מיט „עשׂיון" די דינסטאָגדיקע פערד־ירידים אויפן זאַרינעק.

— אַז אין דער היים פאַרהערן אַ פּרשה חומש האָט נישט ווער, סײַדן דער פאַרער פישער, ער קאָן יאָ, אָבער אויף דײַטש — דאָס גיט אַ זאָג קריינע מיט אַ ביטער שמייכעלע און נעמט בשעת־מעשה דורך איר מאַן העגעכן מיט אַ פּאָר אויגן וואָס שרײַען:

— גזלן, ווייל ס'איז אָנגעשריבן געוואָרן אויבן, אַז דו, אָרטשיק בעל־עגלה, זאָלסט זײַן מײַן מאַן, האָט מײַן טאַטע געמוזט אומקומען אין סטאַמבול און דערצו נאָך פאַרשוואַרצט ווערן אין הימל צוליב אייניקלעך גויע־צעס?

און גלײַך זי זאָל דאָס אַלץ האָבן נישט נאָר געטראַכט, נאָר טאַקע געזאָגט, רעדט זי ווײַטער און שטיקט זיך אין טרערן:

— ער קומט דאָך מיר, דער טאַטע, עליו השלום, יעדע נאַכט צו חלום און רײַסט פון מיר שטיקער: סטײַטש, קריינע, ווו זײַנען דײַנע בנים עוסקים בתורה? איך שייל דאָך מיר אָפּ דאָס פּנים פאַר די אָבות און פאַר אַלע גוטע מלאכים.

העגעך מיט לייזער־בערן עסן ביידע שוויַיגנדיק זייער קאַשעפּעניע און בויערן אַרײַן מיט הכנעה די אויגן אין די פעטשטערנדלעך אין שיסל, מיט דער זעלבער הכנעה, מיט וועלכער זיי קוקן אונטערוועגס אין אַ שיינער זומערנאַכט אויף די שטערן אין הימל.

אָרטשיק פאַרשטייט נישט דעם ווײַבס דאגות. ער איז צופרידן מיט זײַנע בנים. לייזער־בער רײַט דורך אַ סוס, שטייט דער גאַנצער זאַרינעק און גאַפט. דעם ווילדסטן אָגער איז נאָך נישט געלונגען אַראָפּצוואַרפן

לייזער־בערן. אַז זײַן בכור גיט זיך אַ לייג אַוועק מיט דער ברוסט אויפֿן פּערדס האַלדז און קומט אויס מיט דעם קאָפּ צווישן אָגערס אויערן, מעג שוין יענער אויסדריגען מיט די אונטערשטע פֿיס וויפֿל ער וויל, ער כאַפּט אַ בײַטש הינטן אַרומעט, אַ זעץ אין דער זײַט און פֿועלט בײַ זיך באַלד צו גיין אין אַ לײַכטן טראַפּ, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן. און וועלוול, אַ שנעק, נאָך אַפֿילו נישט קיין בר־מצוה, טוט אָן אַ פּערד די שלייעס, מעגן זיך אַלע שוואָבן קומען צו אים לערנען.

— דײַנע דאגות, קריינע, זײַנען ווערט לײַטיש געלעכטער. וואָס ווילסטו פֿון די קינדער? דער הייסט בײַ דיר עשיו, יענער שמעון־ולוי. וואָס זײַנען זיי שולדיק, וואָס דײַן טאַטע דאַרף האָבן אַ למדן אין הימל? קירה טרײַבט ייִדן פֿון די דערפֿער, וויל זיי זאָלן ווערן פּויערן, אַז נישט הייסט ער זיי וווינען אין טשערנאָוויץ בײַם האָם — און זי דאַרף למדנים. אַ שיין וווינען דאָרט בײַם האָם: אָן איבערגעלייף פֿון גאַליצישע כניאָקעס, ווײַל מ׳קאָן דאָ עסן כשר פֿלייש ביליק און בענטשן ליכט אומזיסט. אײַ, ווי נעמט מען אַ גרייצער אויף צו קויפֿן דאָס ביליקע פֿלייש? — זײַנען זיי דאָך דערויף כניאָקעס. למדנים דאַרף זי! האָסט דאָך אַ מיזיניק, מאַך פֿון אים אַ רב, אַז ער וועט וועלן. ווי קליין ער איז, קעמט ער שוין אויך אויס אַ פּערד אַזאַ יאָר אויף מיר.

אָרטשיקס באַסאָווע בעל־עגלה־קול איז געבליבן הענגען ווי אַ שווע־רער גליווער אין דעם דלת על דלת־שטיבל. קריינעס שטים וואָלט נישט געגרייכט זיך דורכצורײַסן מיט אָן ענטפֿער.

אין ווינקל אויף אַ געשטעל איז געשלאָפֿן דער זעקסיאָריקער מיזיניק הערש־לייב. זוניקער חלום און נאַכטישער פּחד האָבן געשפּילט אויף זײַן שיינעם קינדערשן פּנימל. דער טרויעריקער צער פֿונעם סטאַמבולער זיידן האָט זיך געראַנגלט מיטן טאַטנס פֿריידיקן באַגער צו לעבן און צו פּראַצע. הערש־לייב האָט זיי דערוויַיל ביידע גובר געווען מיט רויִקן, זיסן שלאָף.

2

די פריינדשאַפט מיט גוסטאַוו ענגעל

פון יענעם טאָג אָן, ווען דער קרייַזהויפּטמאַן האָט געשיקט רופן צו זיך דעם פאַרער פישער און אים מודיע געווען, אַז לויט אַ דעקרעט פון דער לעמבערגער גענעראַל־קאָמאַנדע ווערט ניי־קאָזמין אָפּגעטיילט פונעם אַלטן מאָלדאַוואַנישן דאָרף און ווערט אַ פּאָליטישע געמיינדע פאַר זיך מיט אַן אייגענעם ריכטער — פון יענעם טאָג אָן הייבט זיך אָן די מלחמה צווישן די צוויי רייַכסטע משפחות אין דער קאָלאָניע, צווישן די ענגעלס און די טייַפעלס.

הערמאַן טייַפעל איז אַ שוואָב אַ דיקלייַביקער מיט אַן אָנגעדראָלן פּנים און מיט אַ געדיכטער געלער וואָנצע, וואָס דער רעכטער און דער לינקער שפּיץ אירער האָבן ערגעץ בײַם סאַמע מיט האַלדז זיך געשפּילט אין צאַרטע אינטימע באַגעגענישן. ער טראָגט אַ שווערן רינג אויף דעם לינקן יינגסטן פינגער און אַ גראָבן שטעקן אין דער רעכטער האַנט און זעט אויס ווי דאָס דאָרפישע בייזע געוויסן. הערמאַן טייַפעל איז געווען זיכער, אַז דער קרייַזהויפּטמאַן דאַרף אים און וועט אים באַשטימען פאַר דאָרפסריכטער. עס זיינען אויך געווען זיכער דעריין הערמאַן טייַפעלס ברידער און שוואָגערס, שוועגערינס און פלימעניצעס, און בכלל די גאַנצע, גרויסע משפּחה טייַפעל אין דאָרף.

און ס׳האָט שוין טאַקע געהאַלטן דערבײַ, אַז די שדים (אָרטשיק האָט אַזוי מגייר געווען די טייַפעלס און דער נאָמען איז דער משפחה פאַרבליבן אין גאַנצן קאַנט אויף איבער הונדערט יאָר) זאָלן אויספירן. זיינען זיך עטלעכע מלאכים (די ענגעלס) און אָרטשיק צונויפגעקומען בײַם פאַרער פישער אין שטוב, האָבן געגעסן פיראָגן, האָבן פאַרטרונקען מיט מעד און האָבן באַשלאָסן צו פאָרן צום קרייַזהויפּטמאַן און אים אַזוי צו זאָגן:

— ס׳וועט זיין לייַטיש געלעכטער, אויב זיין מאַיעסטעטס אונטערטאַנען וועלן זיך דאַרפן משפּטן פאַר אַ ריכטער, וואָס הייסט טייַפעל. דער דאָזיקער נאָמען פונעם דאָרפסריכטער קאָן נישט אַנדערש ווי מינערן דעם גלאַנץ פון דער הייליקער אַפּאָסטאָלישער קרוין און פון דער הייליקער רעליגיע.

די דאָזיקע רעדע, וואָס מיר גיבן דאָ איבער בקיצור, האָט פֿאַרטראַכט און אַראָפּגעזאָגט דער כיטרער פּאַסטאָר מיט אַ פֿרומער מינע און דרך־אָגב צוגעגעבן, אַז גוסטאַוו ענגעל איז אַחוץ דעם, וואָס ער איז אַ געטרײַער אונטערטאַן און היט שטרענג אָפּ די געזעצן פֿון דער הייליקער רעליגיע, אויך זייער באַליבט אין דאָרף „בײַ אַלע קאָנפֿעסיאָנען“, מיט איין וואָרט, ער איז אַזוי ווי זײַן נאָמען. דער קרײַזהויפּטמאַן האָט אויסגעהערט די מינדלעכע פּראָשעניע מיט דער פֿירגעשריבענער פּראָטאָקאָלאַרישער העפֿלעכקייט פֿון אַ קייסערלעכן שליח און האָט מיט די אויגן דורכגעמושטרירט די פּנימער פֿון דער „דעלעגאַציאָן“. זײַן בליק איז געפֿאַלן אויף אָרטשיקן, וואָס איז דאָ געשטאַנען ווי דער פֿאַרטרעטער פֿון „אַלע קאָנפֿעסיאָנען“, בײַ וועלכע גוסטאַוו ענגעל איז לויט דעם פּאַסטאָרס רייד געווען באַליבט. אָרטשיק האָט פֿאַרקאַטשעט די וואָנצעס און אַראָפּגעגלעט די באָרד, גלײַך ער זאָל איצט דאַרפֿן פֿרײַ מאַכן דעם וועג פֿאַר אַ שטאַרקן גלעזל אָקאָוויט און האָט אַרויסגעשלעפּט פֿון אונטער דער צונג די עטלעכע ווערטער, וואָס דער פּאַסטאָר האָט פֿאַר אים צוגעגרייט.

— אויך אונדזער הייליקע טאָראַ זאָגט, דאָס שדים (דער פֿאַרער פּישער האָט פֿאַרריכט: ער מיינט טײַפֿעל) טאָרן ניכט רעגירן איבער מענטשן.

די רייד זײַנען בײַ אים, הגם ערשט נעכטן פֿריש־צאַפּלדיק אַרײַנגעלייגט, גיך פֿאַרלעגערט געוואָרן און ער האָט זיי נאָר מיט גרויסער מי געקאָנט אַרויסציִען. דערבײַ האָט ער די וויכטיקסטע ווערטער, ווי למשל, אַז גוסטאַוו ענגעל איז „איין וואַהרער פֿאַטער פֿיר אַלע קאָנפֿעסיאָנען“ פֿאַרגעסן.

דער קרײַזהויפּטמאַן האָט צוגעזאָגט צו ענטפֿערן שריפֿטלעך.

גוסטאַוו ענגעל איז ווי אַ דאָרפֿסריכטער געווען אַ „וואָרער פֿאָטער“ פֿאַר זײַן אייגענער משפּחה און פֿאַר זײַנע פֿרײַנד. ער האָט דער עיקרשט וואַך געהאַלטן אין זיך דאָס פֿײַערל פֿון דאַנקבאַרקייט צום קרײַזהויפּטמאַן, צום פֿאַרער פּישער און צו אָרטשיקן. פֿאַרן קרײַזהויפּטמאַן איז ער געווען דער געטרײַסטער דינער און האָט אים אַראָפּגעלייענט די ווונטשן פֿון פּנים. אַ גאַנצן חזיר־פֿלייש איבערן יאָר, אויף „ווײַנאַכט“ צוויי געשטאָפּטע אינדיקעס און „פֿאַנקוכן“ אויף „אָסטערן“ — דאָס איז געווען כמעט ווי אויסבאַדונגען און אַ חוץ פּאה און שכחה און טאַקע נישט־פֿאַרגעסענע, און

טאָקע פון דער מיט פעלד אויכעט. אויבסט: פון חוצפּהדיק פּאַררויטלטע עפּל ביז דיקלײַביק־פּרײַנדלעכע באַרן און זאַפטיקע קלוגע פלאָמען, האָבן דעם קרײַזהויפּטמאַן קיין מאָל נישט פאַרפעלט.

דעם פּאַסטאָר פישער צוליב האָט דער ריכטער (הגם אַליין איז ער ליבער געזעסן בײַ אַ גלעזל מעד און אַ פעשל קאָרטן), אַכטונג געגעבן, אַז די יוגנט זאָל אָפּהיטן דעם „גאָטעסדינסט" אין דעם נײַ־אויסגעבויטן קלוי־סטער. בײַ אַ פּלוגתּא צווישן פּאַסטאָר און אַ בעל־הבית וועגן לוויה־ אָדער חתונה־געלט איז תּמיד דער פּאַסטאָר געווען גערעכט.

פאַר אָרטשיקן עפּעס צו טאָן איז שוין געווען שווערער. אַ שדיש מסירהלע בײַם קרײַזהויפּטמאַן, וואָס איז אויסן געווען אָרויסצוטרײַבן אָרטשיקן פונעם דאָרף, ווײַל ער פאַרנעמט זיך נישט מיט לאַנדווירטשאַפט, האָט ער אָפּגעשריגן. דאָס אָפּשרײַען איז גוסטאַוון לפּי ערך גרינג אָנגעקומען.

בײַ איינעם פון זײַנע וויזיטן מיט „כל־טוב" בײַם קרײַזהויפּטמאַן ערב „ווײַנאַכט", האָט ער אים דערציילט ווי אַזוי דער ייִד אָרטשיק און זײַנע זין האָבן אָפּגעראַטעוועט דאָס דאָרף פון אַ שׂריפה.

ס'איז געווען אויפן אַנדערן טאָג נאָך „מאַריאַ־הימעל־פאַרט". „די לײַט" האָבן געאַרבעט בײַם אײַנזאַמלען די תּבואה און גערעדט געאַנקט גאָט, וואָס דער רעגן איז דאָס יאָר געווען ווי ס'דאַרף צו זײַן אין חודש מײַ, ווען ער פירט די תּבואה אַרויס פון דער ערד און נישט אין אויגוסט, ווען ער שטערט איר דעם וועג צום שײַער. ווער בלײַבט דעמאָלט אין דער היים. אַז אַפילו די נעכט ווערן אויסגענוצט אויף צו בינדן דעם שפּעט געשני־טענעם געטרשטן בײַם פײַכטן לבנה־שײַן? האָט זיך בײַ פראַנץ פאַשערן, וואָס וווינט אין שכנות מיט די טײַפלישע שטיבער און האָט בײַ איינעם פון די טײַפעלס געטויפט פאַר אַ יאָרן אַ קינד, אָנגעצונדן אַ סטערטע ווייץ. האָט געקאָנט דאָס גאַנצע דאָרף אָוועקגיין מיטן פײַער, ווען נישט דאָס, וואָס קיין ווינט איז נישט געווען, און וואָס אָרטשיקס ייִנגסטע ייִנגל האָט בײַ צײַטנס דערזען די שׂריפה. דאָס דאָזיקע ייִנגל אָרטשיקס איז געראָטענער פון אַלע זײַנע קינדער. רעכנט און שרײַבט ווי אַ שילער פון דער טשערנאָ־וויצער לאַטײַן (מײַן פיליפּ, וואָס איז אין דער צווייטער לאַטײַן איז מיט אים זייער באַפרײַנדט און זאָגט, אַז ער קאָן אַפילו דײַטשישע גראַמאַטיק) און האָט ליב לאַנדווירטשאַפט ווי אַן „עכט דויטשעס קינד". און דורכגע־טריבן איז ער ווי „צען יודען צוזאַמען". דער הער קרײַזהויפּטמאַן קענען

אים פירען אויף אַ פעלד אום פרילינג, דערקענט ער אין דעם אויפגע־גאַנגענעם גראָז, צי ס׳איז ווייץ אָדער קאָרן און הער קרײַזהויפּטמאַן וואָלטן געמעגט הערן, ווי שיין ער דערציילט געשיכטען פון דער ביבעל.

האָט אָט דער קליינער לייבע באַמערקט דאָס פײַער, איז אין איין אָטעם געלאָפן צום קלויסטער און האָט אָנגעהויבן קלינגען. אַן אַלטער אויף זײַן אָרט וואָלט זיך געוועזן פּאַרלוירן און דערבײַ אַזאַ שווערער גלאָק „פיר זאָ אײַנען בובען״. און ערשט דערנאָך אָרטשיק מיט זײַנע עלטערע דרײַ זין, זיי האָבן קאָפּוט געמאַכט די פערד בײַם ברענגען וואַסער פון אַלט־קאָזמין, וואָלטשינעץ און טשערפּקאָוץ און אַרויסלאָזן דאָס פי פון שטאַל בײַ „די־זעם דומען קערל פראַנץ פאַשער״, האָט זיך אויך דערמאָנט נאָר אָרטשיקס עלטסטער זון. דער עלטסטער זון, — האָט גוסטאַוו ענגעל צוגעגעבן מיט אַ געמוטשעטער פריילעכער מינע וואָס האָט געהייסן: מיר געפעלט עס נישט, אָבער דיר, הער קרײַזהויפּטמאַן, ווייס איך, וועט עס הנאה טאָן — דער עלטסטער זון לייזער־בער, וויל זיך זאָגאָר טויפן און חתונה האָבן מיט אַ שוואָביש מיידל.

דאָס אַלץ האָט גוסטאַוו ענגעל דערציילט דעם קרײַזהויפּטמאַן, וואָס האָט צוגעהערט מיט איין אויער און בשעת־מעשה געטראַכט וועגן געשמאַקן חזיר־פליישׁ און וועגן די געסט, וואָס וועלן בײַ אים מאָרגן זײַן. כדי וואָס גיכער פּטור צו ווערן פון זײַן איצטיקן נישט־אָנגעלייגטן און צו באַרע־דעוודיקן גאַסט, האָט דער קרײַזהויפּטמאַן פאַרענדיקט דעם שמועס זאָגנ־דיק: זאָ אײַנען יודען בראַוכען וויר. ער פאַרדינט איינע בעלאָנונג.

*

שטײַערן און יקרות האָבן געדריקט די פויערן פון קאָזמין און זיי גע־צווּונגען צו פאַרקויפן פאַר אַ שיבוש זייערע פעלדער צו די שוואָבן. אין די טערקיש־מאָלדאַווישע צײַטן האָט מען פורמאַנעוועט בײַם פריץ, גע־טראָגן אים אַ שטײַג הינער איבערן יאָר און מ׳איז געווען אַ סקודעלניק, אַ באַפרײַטער פון שטײַערן און געקאָנט אָפּשפּאָרן אויף אַ פעלץ און אַ פּאָר פּאַסטאָלעס פאַר זיך און פאַרן הויזגעזינט. איז אַ צאַראַן (פּויער) נישט געווען קיין פוילער און נישט מורא געהאַט פאַר אַ פּאָר מײַל וועגס, האָט ער אָנגעלאָדן פאַר געציילטע גראָשנס אַ וואָגן האָלץ אין וואַלד און איז געפאָרן קײַן סניטין אָדער זאַלישטשיק. פון אַזאַ נסיעה האָט מען אַהיימ־

געבראַכט אַ מטבע אין בײַטעלע און אַ ביליק פלעשל אָקעוויט פאַר זיך און פאַרן ווײַב. איצט מוז מען פאַר אַ וואָגן האָלץ באַצאָלן דרײַ מאָל אַזויפיל שטײַערן וויפל ער קאָסט און ראַגאַטקעגעלט און בריקגעלט, אַז כאָטש ווער פאַרשוואַרצט אומזיסט און דאָס פלעשל אָקאָוויט נעמען בײַ דיר דערנאָך נאָך צו די זשאַנדאַרן, ווײַל מ׳טאָר נישט אַרײַנפירן קיין בוקאָווינע קיין גאַליציאַנער בראָנפן. ווייסט דער רוח: איין מלוכה און מ׳טאָר נישט. און מאָלדאַווישן ווײַן טאָר מען אַוודאי נישט, איז אַ יקרות אויף בראָנפן און ווײַן, אַז ס׳טריקנט דער גאָרגל און פון די „באַטעזן" האָט נאָר דער גלח הנאה.

איין גערעטעניש דערלעבט נישט דאָס אַנדערע און מ׳באַדט זיך אין חובות, ווערט פון דעם ביסעלע פעלד אַלץ ווייניקער. שוואַבן קויפן און ווערן נתעשר.

אויך אָרטשיק וואָלט גערן געוועזן אַ קונה, עס ליגן בײַ אים אַ שפּאָר ביסל פלאָרינען אין קאַסטן און וואַרטן זיי זאָלן מגולגל ווערן אין גוט געמיסטיקטע פעלדער. איז אָבער קירהס חכמה אין לשער. וווינט אַ ייִד אין דאָרף, מוז ער זיך פאַרנעמען מיט ערדאַרבעט, אָבער ער טאָר נישט האָבן קיין דאָרפיש אייגנטום. מ׳דאַרף זײַן אַ מיניסטער־קאָפּ זיך קאָנען אַרויסצודרייען פון קירהס פּאַראַגראַפן. און דאָ האָט אָרטעמיע טאַדיראַש אין אַ זײַטנגאַס אויפן סאַמע גרענעץ, צווישן אַלט־ און נײַ־קאָזמין צו פאַר־קויפן אַ הונדערט פראַזשין גאָרטן, נישט גאָרטן, נאָר גילדענע ערד. טאַדי־ראַש איז אַ געניטער בעל־הבית. מיסטיקט ער זײַנע פעלדער יאָר־אײַן, יאָר־אויס און ווייס ווי אַזוי און מיט וואָס צו פאַרזייען, ציט נישט אַרויס פון דער ערד דעם מאַרך פון די ביינער מיט יעדעס יאָר רק ווייץ און קאָרן, קאָרן און ווייץ. און בײַ טאַדיראַשן צו קויפן וואָלט אים ניחא געווען אויך דערפאַר, וואָס ער, טאַדיראַש, מוז נישט פאַרקויפן צוליב טרויעריקע חובות, נאָר צוליב אַ שמחה אין דער משפחה. ער מאַכט חתונה זײַנעם אַ זון מיט אַ טשערעפּקאָוצער שיקסע, וויל ער דאָ פאַרקויפן און אין טשע־רעפּקאָוץ קויפן.

דאַרף טאַדיראַש די פלאָרינען, אָרטשיק האָט זיי, נאָר קירה דערלאָזט נישט.

3

קריינע פּאָרט צום רוזשינער

אָרטשיק און זײַן װײַב קריינע זײַנען געװען אײַנגעשפּאַנט צו אַ צע־װילדעװעטער טרויקע פון צרות, װאָס האָבן זייערע פּאַרהאָרעװעטע לײַבער און געמאַטערטע נשמות געשלעפּט אַהין און אַהער — אויף פּאַהיבעל.

ערד טאָר מען נישט קויפן. איז אויב נישט הײַנט, װעלן די „שדים״ מאָרגן פועלן בײַם קרײַזהויפּטמאַן, און אַז נישט בײַם קרײַזהויפּטמאַן איז בײַם ״לאַנדעסמיניסטעריום״, אַז מ׳זאָל אָרטשיקן אַרויסטרײַבן פונעם דאָרף. דרייען זיך דאָך דערפון אַליין שוין איבער די געהירן אין קאָפּ. נאָך װייניק, ליובעװעט זיך לייזער־בער מיט הערמאַן טײַפּעלס שיקסע, פּאַרברענגט דאָרט האַלבע טעג און נעכט. איז נישט־גענוג די בושה װאָס דער „עשיו״ טוט אָן טאַטע־מאַמע פאַר די נײַבורגער ייִדן, שיקט דער „שד״ נײַע שטאָפּעטן צו אָרטשיקן, אַז דער זון זײַנער זאָל זיך אָפּלאָזן פון אַ „קריסטלעך מעדכען״, װײַל ס׳װעט נישט אַנדערש װי געשען אַן אומגליק. און װעל כּולם אַ נײַע גזירה: קירה האָט אַנגעהויבן נעמען צום מיליטער. ס׳זאָל דעם לייזער־בערן אָרן, װאָס ער װערט אָקאָרשט 23 יאָר און דאַרף גיין פּאַרשװאַרצט װערן ערגעץ צװישן די טיראָלער גושעס. פאַרקערט, לויט שװאָבן דערציילן, װיל „עשיו״ חתונה האָבן מיט מאַרטאַן און װערן אַן אָפיציר בײַ קירהן.

קריינע קוקט אויף אָרטשיקן מיט תּרעומות. יעדער בליק אירער — אַ נעץ פון דערשטיקטן צער און פון דערװאָרגענע קללות, װאָס אָרטשיקס בעל־עגלהשע געמיט פּלאָנטערט זיך אין זיי װי אַ פערד אין אַרונטערגע־פאַלענע שלייעס. פאַר נײַבורגער ייִדן שעמט ער זיך אויסצודערציילן דאָס הארץ, און װאָס קאָן מען פון זיי, װי פון קריינען, מער דערװאָרטן אַחוץ מוסר? האָט ער אַ פּרוװ געטאָן זאָגן קריינען, אַז ער װיל זיך באַראָטן מיט גוסטאַװ ענגעל אָדער מיטן פאַרער פישער, איז זי אַרויס מיט לשון גאָר אויף צו פאַרברענען:

— דערפאַר איז דאָך טאַקע בײַ דיר אויסגעװאַקסן אַזאַ עשיו, װײַל

רק מיט גויִים ביסטו איין קנעפּל. דו אַליין ווּעסט נאָך אויך אין אַ ליאַדע טאָג גיין אין קלויסטער אַרײַן. און די איבעריקע קינדער, הלואי, איך זאָל ליגן זאָגן, וועלן נאָך ליגן אויפן שוואַבישן צווינטער.

און גלײַך דער געזאַנק, אַז צווישן די קינדער אירע געפינט זיך אויך איר בר־מצוה־בחור הערש־לייב — דער מלמד באַרימט זיך מיט זײַנער אַ פּרשה חומש — וואָלט איר געוועזן אַ שטאָך געגעבן בײַם האַרץ, האָט זי זיך מיט אַ מאָל אָנגעהויבן מינען, געוואָרן בלייך ווי די וואַנט און געפאַלן חלשות. אַ דערמונטערטע האָט זי מיט אַ שוואַך קול ווי אַרײַנגעשעפּטשעט אָרטשיקן אין אויער: איכ׳ל פאַרן קיין סאַדאַגערע, כ׳ל מיך צושלאָגן צום רוזשינער און בײַ אים בעטן אַן עצה. אָרטשיקן איז גראַמער געוואָרן אין האַרץ. ער האָט געהאָפּט, ער איז געווען זיכער.

צום קייסער אין ווין האָט זיך אַ פּשוטער בשׂר ודם גיכער געקאָנט צושלאָגן ווי צום רוזשינער אין סאַדאַגערע. ווער האָט זיך דאָרט אומגע־קוקט אויף עפּעס אַ דאָרפס־יידענע, וואָס האָט אין אַ מילדן נאָכפּסחדיקן טאָג אַרומגעוואָגלט אַ פאַרלוירענע איבער דעם רחבותדיקן הויף? אײַזיק משרת, וואָס האָט געכאַפּט אין דער יד אַרײַן און צוגעזאָגט אפשר נאָך הײַנט צו רעדן מיט איינעם פון די גבאים, האָט מאָרגן געהאַט אַן אויס־רייד: קריינע קאַזמינער האָט דאָך נעכטן אַליין געזען די רביצין מיט דער עלטערער שנור פאָרן שפּאַצירן מיט פיר פערד נאַשפּיץ. און אין אַזאַ טאָג האָט ער, אײַזיק, נישט אַ מינוט צײַט. ער איז טרוד מיט דער קאַרעטע, מיט די פערד און מיט אויספירן דער רביצינס קאַפּרירע באַפעלן. האָט קריינע אײַנגעזען, געהאָפּט און זיך געטרייסט אויף איבער מאָרגן. איבער מאָרגן האָט אײַזיק זי קוים דערקענט און געבעטן, זי זאָל אים נישט דולן, ווײַל ער האָט זיך נישט די הענט און ווייסט נישט וווּ דער קאָפּ איז אים.

אַזאַ עזות האָט קריינען געגעבן אַ זעץ אין האַרצן ווי מיט אַ דאַבניע. אַ ווייטיק האָט איר אײַנגעקלעמט דעם אָטעם ווי מיט צוואַנגען. זי האָט דערזען דעם מלאך־המוות פאַר די אויגן. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי איז אַ מאַמע פון קינדער און האָט אויפגעהויבן אַ געוואַלט, וואָס האָט זיך אָוועקגעלייגט איבערן הויף ווי אַ שווערע טונקעלע שטורעם־כמאַרע. אײַזיק משרת איז אַנטלאָפן און חסידים זײַנען זיך צוזאַמענגעלאָפן.

— שאַ, וואָס איז?

— ט׳ל איך מיך באַלד שטעלן דערציילן.

— גיבער!

ייִדן האָבן געשריגן, קריינע האָט זיי אַלעמען איבערגעשריגן מיט איר צעצויגענעם משוגע־יאָמערלעכן קול, נאָך וועלכן ס'האָבן זיך ווי צע־שויבערטע צויטן נאָכגעשלעפּט דער צער פון טויזנטער אומגליקלעכע מאַמעס און די יללות פון נשׂרפים, וואָס זײַנען קוים מיטן לעבן אַנטרונען פון פײַער.

די צונויפגעלאָפענע האָבן זיך דערשראָקן און זײַנען אַנטשוויגן גע־וואָרן. אין דער שטילקייט האָט זיך קריינע ספּאָמיענטעט, זיך אײַנעווייניק באַרויִקט און געהאַט צײַט אַ טראַכט צו טאָן, אַז פון דעם געוואַלט אירן קאָן זי אפשר געהאָלפן ווערן. איר קול איז מיט אַ מאָל איבערגעאַנדערשט געוואָרן. מיט אַ שטים פון אַ וויינערקע בײַ לוויות און מיט ווערטער וואָס דראַפּען זיך איינס נאָך ס'אַנדערע פּאַרזיכטיק, ווי זעלנער צום שׂונאס פּאָ־זיציעס באַרג־אַרויף, האָט זי אָנגעהויבן אויסצוכליפּען אירע צרות.

מענטשן האָבן פאַרשטאַנען, זיך צוגעהערט, ווער שטיל און ווער מיט אַ קרעכץ, געענדיקט האָט זיך עס דערמיט, וואָס שמערל גבאי האָט אָוועק־גערופן קריינען אין אַ זײַט און איר געהייסן וואַרטן אויף אים מאָרגן נאָכן ערשטן מנין.

4

צו מאָרגנס

שמערל גבאי איז אַ ייִד, אַ דאַרער מיט אײַנגעפאַלענע באַקן, פון וועלכע געלע האָר וואַקסן אַרויס טרויעריקע ווי גראָז פון אַ קבר אַרויס. עפנט ער דאָס מויל שאָקלען זיך די האָר ווי לאַנגע בײַוול־טאַסמעס איבער זײַן קליינעם גוף און וואַרפן אַן אַ פּחד. אַט פאַלן די טאַסמעס אַראָפּ און דעם רוזשינערס גבאי בלײַבט שטיין אין גאַנצן עטלעכע טפחים די גרויס און דערצו נאָך אַן אַ באָרד. רײַכע רוסישע מקורבים, וואָס לאָזן אַ גוטע אַדיזנע פאַרגינען זיך חוזק צו מאַכן:

— שמערל, רעד נישט, ווייל עסט פאַרלירן די באָרד.

שמערל רעדט טאָקע ווייניק און אַז גערעדט, איז בקיצור, בתכלית הקיצור. אַ וואָרט צוויי און ער שווײַגט ווײַטער. אין דער באָרד לייגט זיך דעמאָלט אַ שטילקייט ווי פאַר אַ שטורעם.

אַז קריינע האָט שמערלען דעם אַנדערן טאָג אין דער פרי אויסדער־ציילט איר צער, האָט ער אויסגעהערט, געאײַליק געשריבן דאָס קוויטל און געטראַכט, אַז אויף אַזעלכע צרות איז גענוג זיך צו פּראַווען בײַ אים. האָסטו געהערט: אַ ישובניק וויל קויפן פעלד, דער זון זײַנער דאַרף שטיין צו די זעלנער. שטיין צו די זעלנער איז דאָך הײַנט צו טאָג עפּעס צרת רבים. ער וועט אַפילו נישט איבערשמועסן מיטן גבאי־ראשון. ער איז בכוח אַליין צו פאַרדינען דעם פדיון בײַ אַ דאַרפסיידענע.

נאָר אַז דאָס קוויטל איז שוין כמעט געווען בײַם סוף און קריינע האָט אַזוי שטיל, גלײַך זי וואָלט קוים געקאָנט עפענען דאָס מויל, אַ זאָג געטאָן, אַז איר בכור ליובעוועט זיך מיט אַ שיקסע און וויל זיך שמדן, האָט עס בײַ שמערל גבאי אָפּגענומען דעם גאַנצן קוראַזש.

די באַקן־קברים זײַנען זײַנען געוואָרן נאָך טיפער און די ליפּן האָבן געמורמלט מיט ציטער: „רחמנא לצלן“.

— קום מאָרגן — די צוויי ווערטער זײַנען פײַכט און דערשראָקן אַרויסגעפאַלן פון צווישן די בײַוול־טאַסמעס פון זײַן באָרד.

— קום מאָרגן, — די ווערטער האָבן קריינען נאָכגעהאַווקעט מיט שוואַרץ־הינטישער אומהיימלעכקייט פון אַ מעשׂה־נורא און געלאָזט אויפֿ־ציטערן אין איר די אַנגסט פון אַ בייזער אָנונג.

אין אַ פּעדערשטן גרויסן צימער זיצט ביַי אַ לאַנגן שמאָלן טיש שמואל־אבא גבאי־ראשון און שריַיבט איבער מיט רש״י־כּתב דעם רוזשי־נערס שבתדיקע תורה פֿאַר די ריַיכע חסידים. דאָס גרויסע פּעטע פּנים זיַינס מאַכט דעם איינדרוק פון אַ גוט געראָטענעם טשאָלנט־קוגל. אין דער טיף הנדלען זיך צוויי איבעריקע ראָזשינקעס, עלעהיי שמואל־אבאס קליי־נע פֿאַרזשמורעטע אייגעלעך. דעם גבאיס באָרד איז אָן אַ פֿאַרב, דאָס הייסט, מעגלעך אַז אַ מאָל האָט זי יאָ געהאַט עפּעס אַ קאָליר, נאָר איצט זעט זי אויס גליַיך מ׳וואָלט די האָר אירע געוועזן צען מאָל געזשמיקעט אין זודיקן אָקריפּ און דערנאָך איינציקוויַיז יאָרן לאַנג געטריקנט אין אַלטע פֿאַרשימלטע ספרים אויפֿן בוידעם.

אַ פּנים אָן מינעס. צער און פֿרייד ליגן ערגעץ באַהאַלטן אין די טיפֿע פּעטשיכטן אונטער דער הויט. אויפֿן אויבערפֿלאַך שפּרייט זיך אַ גליווער־דיקע גליַיכגילטיקייט, וואָס פֿאַרפֿלאַנטערט די צונג אַפֿילו ביַי ריַיכע חסידים. ביַי קריינע קאַזמינער האָט דער פֿאַרשטאַרצטער ייִד ביַים לאַנגן טיש אָפּגענומען דאָס לשון. זי האָט געזוכט אויסצומיַידן אַ באַגעגעניש מיטן גבאי־ראשונס אויגן און זיך ווי אין באַהעלטעניש איַינגעקאָרטשעט אונטער שמערלס דאַרער פּלייצע.

שמואל־אבא — קוים וואָס ער רעדט, און דערצו נאָך — אין טיש אַריַין:

— ס׳דאָ ווייניק ייִדישע מיידלעך? דיַין בכור דאַרף דווקא אַ שיקסע?

— און פּלוצעם זיך אַ שטעל אויף, צוגעגאַנגען נאָענט צו שמערלען און אים אַריַינגעבורטשעט אין זיַין ביַיוולדיקער באָרד:

— איידער אַ שיקסע, איז שוין גליַיכער דער מלאך־המות!

5

לייזער־בערס טויט

אַ מײַאָווער זונטיק־פֿאַרמיטאָג בײַ הערמאַן טײַפּעל אויף דער רחבֿות־דיקער אָבאָרע. אַן אָנגעגליטע נודנע שטילקייט. דערהערט זיך דער אָרגל־שפּיל פֿונעם דערבײַיִקן קלויסטער — דאַכט זיך אויס, אַז די שטילקייט האָט זיך הייזעריק פֿאַרהוסט. צערעווען זיך די בהמות אין שטאַל — האָט עפּעס אַ שטעכעדיקער ווייטיק אַרויסגעריסן בײַ דער שווײַגעניש אַן אומ־היימלעך קול.

אין דער היים זײַנען געבליבן אַכטונג צו געבן אויף דער שטוב און אויף דער ווירטשאַפֿט טײַפּעלס טאָכטער מאַרטאַ און צוויי אַרגאַטן.

די אַרגאַטן — צוויי יונגע וואָלעכן פֿון אַלט־קאַזמין — שטייען ווי צוגעקלעפּטע בײַם טויער פֿונעם שײַער און פֿאַרווײַלן זיך שווײַגנדיק מיט שפּילן „אום־גראַד״. דער פֿאַרלירער צאָלט מיט אַ זויערער מינע פֿון האָפֿענונגסלאָזיקייט דעם אויסבאַדונגענעם געוועט־קרייצער. דער געווי־נער נעמט אים מיט דער האָפֿערדיקייט פֿון גלײַך „אַזוי דאַרף צו זײַן״ און האַרכט אַוועק פֿון זײַן גליק צו וויכטיקערע זאַכן.

— געאָרגי, גיב אַ קוק ווער ס׳איז דאָרט בײַם גאָרטנטירל.

— ס׳קאָן זײַן דער בעל־הבית. מ׳דאַרף אַרויסלאָזן די בהמות פּויען.

— ניין, לאָז קודם אַרויס דעם בוהײַ אויף שפּאַציר.

— ווער בעל־הבית, וואָס בעל־הבית?! אַזוי פֿרי פֿונעם קלויסטער?

— ס׳איז מאַרטאַס זשידאָן!

לייזער־בער איז דורכגעלאָפֿן איבער דער אָבאָרע גלײַך צו מאַרטאַן אין שטוב אַרײַן. לייזער־בער האָט די גאַנצע נאַכט נישט געקאָנט שלאָפֿן. הגם ער האָט געוווּסט: מאַרטאַ האָט אים ליב און וועט נישט חתונה האָבן מיט אַן אַנדערן „מעג מען זי שנײַדן מיט מעסערס״ (אַזוי האָט זי אים ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק פֿאַרזיכערט), האָט ער פֿון דעסטוועגן נישט געקאָנט פֿאַרגעסן, אַז הײַנט קומט פֿאָר בײַ ווילהעלם הוביך אין גאַסטהויז דאָס „טאַנצקרענצכען״ און מאַרטאַ וועט דאָרט זײַן אָן אים. אָט זעט ער זי

צו, אַז ער פֿאַרשטעקט דעם גאַנצן פֿאַרער פּישער און צען אַזעלכע ייִדן ווי איר מאַן אין דער פּאָדעשווע — אַז ער אַליין, גוסטאַוו ענגעל, זאָגט, אַז וועלוול איז גערעכט —

האָט זיך ביַי וועלוולען מיט אַ מאָל צעוואַקסן אַ זיכערקייט און אַ צו־פֿרידנקייט מיט זיך, אַ צופֿרידנקייט, וואָס האָט אים געמאַכט פֿאַרגעסן אין דעם טויטן ברודער, אין דער מאַמען, וואָס זיצט דערנעבן און באַווייַנט אים. דאָס געפֿיל פֿון צופֿרידנקייט האָט וועלוולען אַ טרייַב געטאָן אַרויס אין דער פֿרייַער לופֿט, אַרויס מיט אַזאַ אימפּעט, גלייַך עמעץ זאָל אים האָבן פּלוצעם נאָכגעלאָזט די וואַשקעס, וואָס האָבן אים ביז איצט געצוימט.

אין דרויסן בייַם טירל, וואָס פֿירט פֿונעם הויף אויפֿן שטראָז, איז גע־שטאַנען דער צווילינג־ברודער מענדל. וועלוול האָט אים אַ כאַפּ געטאָן בייַם אַרבל, אים אַוועקגעשלעפּט פֿונעם פֿאַרקן און גיך, רעשיק דערציילט וועגן אַלץ וואָס ער האָט געטראַכט און אויך נישט פֿאַרגעסן צוצוגעבן, וואָס גוסטאַוו ענגעל וואָלט דערצו געזאָגט.

מענדל, אַ שטיקל כּבֿד־פּה, האָט ווי זייַן שטייגער איז געוועזן בייַם שמועסן, אַרויפֿגעצויגן די אונטערשטע ליפּ אויף דער אייבערשטער, גלייַך ער וואָלט וועלן אַז די געציילטע ווערטער, וואָס אים קומט אָן מיט צרות זיי אַרויסצוברענגען, זאָלן ניט אַנטלויפֿן נאָר זאָלן בלייַבן ביַי אים אין מויל אויך אויף אַן אַנדערש מאָל, און האָט סוף־כּל־סוף אַ זאָג געטאָן:

— נו, אַז הערמאַן טייַפֿעל האָט דערהרגעט לייזער־בערן, זייַנען מיר דאָך לייזער־בערס ברידער, מיר'ן שווייַגן? קום!

וועלוול האָט זיך דערשראָקן פֿאַרן ברודערס ווערטער. ס'האָט אים אַ ציי געטאָן צוריק אין שטוב אַרייַן צו הערן דער מאַמעס שבֿחים וועגן לייזער־בערן. ס'האָט אין אים אַ גראָב געטאָן אַ געפֿיל פֿון בענקשאַפֿט נאָכן טאַטן, וואָס דאַרף באַלד קומען פֿון נייַבורג מיט די מאַלאַטשעס. ס'האָט אים געגראַבלט אַ נייגעריקייט צו דער לוויה, וואָס וועט אויפֿרודערן דאָס דאָרף און אָנשפּיצן אַלעמענס אויפֿמערזאַמקייט צו זייַן טאַטן, צו אים אַליין, דעם טויטנס ברודער. עפּעס האָט לאַנג געוואָרט אין אים אויף אַזעלכע איבערלעבענישן און ער וועט זיי איצט אָנווערן.

אָבער מענדלס אויגן זייַנען געווען שאַרף און באַפֿעלעריש ווי תּמיד. דאָס מויל זייַנס איז געווען פֿאַרהאַקט אין אַ שווייַגעניש פֿון האַרטן ביטול.

און צום סוף האָט זיך וועלוולען אויסגעדאַכט, צי אפשר האָט ער טאַקע געהערט, ווי מענדל האָט מיט כּעס אַ זאָג געטאָן:

— הערש־לייב איז מער מענטש פון דיר. מיט אים וואָלט מען נישט געדאַרפט קיין סך רעדן...

*

„ס'איז דען געווען אַ לוויה? ס'איז געווען אַ פאַרשלעפעניש" — האָט אין די שבעה־טעג קריינע זיך אַלע מאָל דערמאָנט מיט אַ ביטערן זיפץ. און זי האָט ניט מגזם געווען.

לייזער־בערן האָבן אויף אַ וועגעלע אָפּגעפירט קיין נײַבורג גוסטאַוו ענגעלס זון פיליפּ מיט אַן אַרגאַט. אָרטשיקן און קריינען האָבן די זשאַנדאַרן צוריקגעהאַלטן אין קאָזמין אויף פּראָטאָקאָל: ווו זײַנען וועלוול און מענדל? ווען זײַנען זיי אַוועקגעגאַנגען פון דער שטוב? אין וועלכער ריכטונג? ווו איז תּמיד געלעגן די האַלצהאַק? שאלות אָן אַ שיעור אויף וועלכע אָרטשיק האָט געענטפערט רויק און פּינקטלעך און קריינע איינס איבער ס'אַנדערע און מיט אַ קוויטש.

ערשט אויפן אַנדערן טאָג אַרום מיטאָג, איז מען געוווּיר געוואָרן, אַז וועלוול מיט מענדלען זײַנען אין דער נאַכט אַריבערגעגאַנגען די מאָלדאַווישע גרענעץ אין מיהאַלען.

אָרטשיקן איז אַראָפּ אַ שטיין פונעם האַרץ. קריינע האָט אים ניט פאַרגונען. זי האָט אים גענומען טרייבערן:

— הלוואי וואָלט איך געווען געבליבן צווישן ייִדן און דאָס ווײַסטע דאַרף נישט געווען דערקענט! וואָלט איך אַזאַ אומגליקלעכע מאַמע ניט געווען! דרײַ קינדער מיט אַ מאָל. אַז דיר האָט זיך געגלוסט צווישן שוואָבן, האָסטו שיינע ייִדישע קינדער מגדל געווען. הלוואי איך זאָל ליגן זאָגן: פון הערש־לייבן וועט אויך נישט זײַן קיין לײַט, אַז ער וועט בײַ צײַטנס נישט אַרויס אין שטאָט אַרײַן.

אָרטשיק האָט עפּעס געוואָלט ענטפערן, זיך אָבער איבערגעלייגט, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, זיך אויפגעהויבן פונעם שבעה־בענקעלע און צוגעגאַנגען צום פענצטער. אין הויף האָט זיך הערש־לייב געפּאָרעט בײַ דער ווירטשאַפט. אָרטשיק האָט געקוקט מיט אומצוטרוי אויף זײַן מיזינעקס האַסטיקע באַוועגונגען. וועט ער טויגן צו דער אַרבעט, פאַרשטיין אָפּצוהיטן די בהמות? ער האָט זיך תּיכף אַליין געענטפערט: הערש־לייב איז אַלע

מאָל געווען דער קלוגסטער און אַז מע קען דערלאַנגען אַ צעווילדעוועטן בוהײַ מיט אַ שטיין און טרעפֿן סאַמע צווישן די אויגן, האָט מען ב״ה דאָר־פֿישע הענט. אָבער... וועט ער האָבן דעם קאָפּ בײַ דער אַרבעט, ווי לייזער־בער און אַפֿילו וועלוול און מענדל? לייזער־בער האָט קיין מאָל ניט פֿאַר־געסן צו געבן עסן דעם הונט צו דער צײַט, אין זיבען געהאַט צו פֿאַרקייט־לען דעם קורניק אויף בײַ נאַכט. אַפֿילו בײַ רײַכע שוואָבן מיט געדונגענע הענט האָט זיך שוין געטראָפֿן, אַז דער טכויר זאָל זיך קאָנען אַרײַנשפּאַצירן צו די הינער און אַז דער הונט זאָל אין אַ הייסן זומערטאָג שעהענווײַז אַרומ־קאַוועטשן מיט אַ דאַרשטיקן לעקער אין דרויסן.

— הערש־לייב, מ׳דאַרף אויסשיטן זערנעס פֿאַר די הינער. ס׳איז אַ גאָטס רחמנות.

— האָסט דיך צו שפּעט דערמאָנט, טאַטע, — האָט הערש־לייב קורץ אָפּגעענטפֿערט.

אָרטשיק האָט אַ שמייכל געטאָן פֿאַר פֿרייד. און דערנאָך, ווי ער וואָלט מיט זײַנע ווערטער וועלן שטיפֿעריש פּעטשלען זײַן מיזיניק אויף די פּוכקע באַקן זײַנע, האָט ער אויסגעפּליעסקעט אַ פֿרעג:

— און דעם הונט שוין געגעבן פֿרעסן?

געענטפֿערט האָבן הערש־לייבס אויגן, וואָס האָבן דאַנקבאַר פֿאַר דער צערטלעכקייט אַ לויכט געטאָן מיט אַ יאָ גלײַך דעם פֿאָטער אין פּנים אַרײַן. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. זיי האָבן זיך אײַנפֿאַרשטאַנען: מ׳דאַרף קויפֿן פֿעלד. הענט צו דער אַרבעט וועלן זײַן.

7

אַרטשיק קויפט פעלד

דער נײַער קאָמענדאַנט פון די טײַפּעלס, פּריץ טײַפּעל, האָט געירשנט פון זײַן טאַטן הערמאַן טײַפּעל אי דאָס גאַנצע פאַרמעגן און אי די שׂנאה צו די ענגעלס און צו זייער ייִד אַרטשיק, פון טשערנאָוויץ, וווּ ער איז געוועזן אַ שילער אין דער דײַטשישער גימנאַזיע און שווער אָבער דאָך געענדיקט דעם פערטן קלאַס, האָט פּריץ מיטגעבראַכט אין דאָרף אַרײַן אַ ביסל שטאָטישע געשליפנקייט און אַ טראָפּן פון דער נײַער ליבעראַלער אידייִש־קייט, וואָס האָט מיט יאָרן שפּעטער אַזוי שטורמיש אַרויסגעאָטעמט פון דער מערץ־רעוואָלוציע אין 48סטן יאָר.

פּריצס שטאָטישע געשליפנקייט: ער הייבט פון דער ווײַטנס דעם הוט פאַר גוסטאַוו ענגעל. פון דער נאָענט זאָגט ער הויך און פריינדלעך: „גוט מאָאָרגן, הער בירגערמײַסטער”, און ציט דערבײַ סטודענטיש ווויל־יונגיש צונויף דאָס פּנים. דאָס זאָל הייסן: איך בין אַ העפלעכער מענטש און האָב דיך זייער העפלעך פײַנט.

פּריצס ליבעראַלע אידייִשקייט: ער רופט דעם פאַרער פישער ניט „האָכווירדען”, נאָר „הער פאַרער”. ער אינטערוועניִרט טאַקע בײַם קרײַז־הויפּטמאַן, אַרויסצוטרײַבן אַרטשיקן פונעם דאָרף, אָבער ניט דערפאַר, ווײַל אַרטשיק איז אַ ייִד, נײַערט ווײַל „זיין האוז איסט איינע וואָרע מער־דערגרובע”. נאָר אַז דער קרײַזהאַופּטמאַן שווײַגט און פּריצן דאַכט זיך אויס, אַז מ׳מוז נאָך עפּעס זאָגן, איז ער מוסיף, און זײַן קול ווערט דערבײַ מאָדנע שטילער:

— דער יודע איסט יאָ פּפערדעציכטער און ניכט לאַנדווירט.

דער נײַער ליבעראַליזם האָט פּריצן פאַרשאַט אי בײַם קרײַזהויפּטמאַן און דער עיקרשט בײַ אַרטשיקס ווײַב קריינע. בײַם קרײַזהאַופּטמאַן האָט גוסטאַוו ענגעל דערלאַנגט אַ קליין מסירהלע: פּריץ טראָגט זיך אַרום מיט רעבעלישע אידייען קעגן דער „הייליקער קירכע” און קעגן „דאָס האַבס־בורגישע ערבהאַוז”.

ביי קריינען? ביי קריינען איז אויך גוסטאַוו ענגעל געווען דער מסור:

— זי מיינען, קריינע, אַז פריץ מיט זיינע טייפעלס ווילן אייך אַרויס־טרייבן פונעם דאָרף, ווייל איר זענט יידן?! ניכט די שפור! ביים קרייז־האַופּטמאַן זינגט פריץ אימער דאָס זעלבע ליד: ביים אַרטשיק איסט יאַ איינע וואַהרע מערדערצוכט.

קריינען האָט עס אָנגעכאַפּט ביים האַרץ. ס׳האָט איר אַ זעץ געטאָן אין פּנים אַריין אַ היץ, ענלעך אויף דער היץ וואָס אָטעמט אַרויס פון אַן אויס־געהייצטן אויוון. זי האָט אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ אין אַ זייט, ווי זי וואָלט געזוכט אַ קיל לופטל. אַ שבועותדיק קנישעקל, וואָס האָט מיט קריינעס הילף געהאַלטן אין אַריבערשפּרינגען פון דער בלעכערנער פאַן צו גוסטאַוו ענגעל אין טעלער אַריין, האָט זיך דערפילט פריי און זיך אַראָפּגעגליטשט פונעם טיש. דער בירגערמייסטער האָט דערשפּירט אַ פייכטקייט אין די וואָנצעס: אַ שאָד — דווקא צו דעם קנישעקל, דעם קלענסטן און דעם פריילעכסטן האָט ער געגלוסט. קריינע האָט זיך אַ וויש געגעבן דאָס פּנים מיט אַ שפּיץ פונעם פאַרטעך און ערשט איצט, אַז זי איז פּטור געוואָרן פון דער נודנער איבעררוקעניש פון פאַן צו טעלער, האָט זי צייט זיך אַ נעם צו טאָן און אָנועקצולייגן איר מאַמישן ווייטיק, וואָס אַ שאָד, וואָס זי רעדט, ווייל מאַנצבילן פאַרשטייען ניט:

— אַז וויסטע רוחות זאָלן דעם טייוול טראָגן און זאָלן אים פאַר־טראָגן אין דער שאול תחתיה אַריין. דער טאַטע זיינער (מינען זאָל ער זיך) האָט מיר אַוועקגעהרגעט דאָס שענסטע קינד מיינס און איך — אויף אַלע פּוסטע וועלדער — אַ מאַמע פון רוצחים. ווי לאַנג לעבט פריץ, צי ער האָט נישט אַריבערגעשטעלט מיינע קינדער די גרענעץ, כדי מע זאָל זאָגן, אַז זיי האָבן געהרגעט.

— זאָג איך דאָך טאַקע — האָט אַרטשיק אויפגעהויבן זיין שווערן קאָפּ פונעם טעלער — גיי אַנטלויף פונעם דאָרף, וועט מען אין סאָדאָ־גערע מיינען, אַז די קינדער זיינען רוצחים.

אַרטשיק האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. די ווערטער, וואָס גוסטאַוו ענגעל האָט זיי מיט אים ווי איינגעחזרט, האָבן זיך דאָס מאָל געקאַטשעט פון זיין מויל פלינק און רירעוודיק, ס׳האָט זיי געטריבן דער אימפּעט, גיך אַריינצודרינגען צו קריינען אין מוח, אין האַרץ און אַרויסצורייסן ביי איר דעם יאָ: מ׳מוז בלייבן אין דאָרף.

*

געקויפט האָט מען צוויי שיינע לאַנעס אויף גוסטאַוו ענגעלס נאָמען. און גוסטאַוו ענגעל האָט אַרויסגעגעבן אַ בריוו און באַשטעטיקט האָט דעם בריוו דער פאַרער פישער, אַז די דרייַ מאָרג אַקער, וואָס ער, גוסטאַוו ענגעל, האָט געקויפט ביי אַרטעמיע טאָדעראַש, זייַנען געקויפט פאַר הענעך אָרטשיקס געלט. צו אָרטשיקן געהערט בכן סיַי דאָס נאַקעטע אייגנטום און סיַי דער באַנוץ פון אָט דעם פעלד. וויַיטער איז זיך גוסטאַוו ענגעל מתחייב, אַז ווי באַלד ער וועט פילן זיך דערנענטערן דעם סוף פון זייַנע טעג, צו מאַכן טעסטאַמענט און אָפּצוזאָגן דאָס פעלד אויף זייַן זון פיליפּ, וואָס ווייסט דערפון, אַז די דרייַ מאָרג אַקער אויף דער רעכטער זייַט וועג צו דער מאָלדאַווישער גרענעץ, זייַנען ניט זייַנע און ניט זייַן טאַטנס, נאָר הענעך אָרטשיקס און נאָך זייַן טויט הערש־לייב אָרטשיקס.

אַז הערש־לייב האָט פירגעלייענט דער מאַמען גוסטאַוו ענגעלס בריוו, איז דער אַלטער אָרטשיק געזעסן אָנגעשפּאַרט מיט דער רעכטער זייַט בייַם טיש, זיך איַינגעהערט מיט די אויערן, מיט די אויגן, מיטן גאַנצן פּנים, מיטן גאַנצן גוף. מיט די ליפּן האָט ער נאָכגעמורמלט די ווערטער פונעם בריוו, געוואָלט איַינהאַלטן דעם האַסטיקן טעמפּאָ זייערן, זיך געשראָקן, אַז אָט אַנטלויפט דאָס לעצטע וואָרט און מיט אים דאָס פעלד, דאָס גאַנצע דאָרף, און ער, אָרטשיק, בלייַבט ליידיק און לויז שטיין אין נייַבורגער מצרים־געסל אָדער בייַם טשערנאָוויצער האם: וויפל גיט איר ר׳ ייִד? — זעצט איַיך אויף! כ׳גיי שוין פאָרן!

נאָר אַז דער בריוו האָט זיך געענדיקט און אָרטשיק האָט דערפילט לעבן זיך דאָס פעלד אַזוי נאָענט אויף צו דערלאַנגען מיט דער האַנט, האָט ער ברייט, צופרידן אַ שמייכל געטאָן און זיך אָפּגערופן צו קריינען, וועלנדיק איר פאַרשאַפן נחת דערמיט, וואָס ער מאַכט זי פאַר אַ שותף צו זייַנע פּלענער:

— מאָרגן אין דער פרי ל׳איך מיט הערש־לייבן אַרויספאָרן זען, ווי ס׳האַלט מיטן גערשטן און מיט די קאַרטאָפל. ווער ווייס צי אַרטעמיע האָט גוט אויסגעסאַפּעט די קאָרטשעס. ער האָט זיכער געהאַט דאָס גענאַר. ער האָט דאָך געוווסט, אַז ער פאַרקויפט. די פּרוכט איז מייַנע. איך דאַרף איַינזאַמלען. אַזוי האָט מען אַרייַנגעשריבן אין קאָנטראַקט.

קריינע איז געזעסן ווי אויף שפּילקעס. ס׳האָט זי געאַרט די געזונטע

זיכערקייט פון איר מאַנס רייד. אָרטשיקס ניט־פאַרהוילענע האָפערדיקייט האָט צו איר דערטראָגן דעם ריח פון גויִישקייט, פון טעמפּער האָרעוואַניע, און זי האָט שאַרפער ווי אַלע מאָל דערפילט דאָס שווערע אומרעכט פון איר ביטערן גורל: זי, די טאָכטער פון ר׳ ישראל סטאַמבולער, וואָס האָט גע־הייסן נאָכן בעל־שם, איז געווען אַ זײַדענער ייִד און אַ גרויסער סוחר, זאָל חתונה האָבן מיט אַ ייִד, וואָס קאָן קוים עברי, זאָל ווערן אַ מאַמע פון עברינים און צוקוקן די גדולות זייערע: ס׳טײַטש, אַ גליק האָט זי געטראָפן, דער מאַן און דער זון אירער זײַנען צו מזל געוואָרן דאָס, וואָס אַלע אין דאָרף — שוואַבן און וואַלעכן.

קריינע האָט אַ קוק געטאָן מיט שׂנאה אויף דעם הויכן ברייטן ייִד מיט די גרויסע פֿײַכטע אויגן פון אַ געמאַסטעטן אָקס. איר שׂנאה האָט זיך צום ערשטן מאָל אין איר לעבן אויך צוגעכאַפּט צו איר מיזיניק הערש־לייבן, וואָס איז צו להכעיס איר און אַלע אירע חלומות נישט בעסער פון זײַן טאַטן. זי האָט דערפילט אַ באַדערפעניש צו טופּען מיט די פיס, צו וויינען און צו צערײַסן זייער פרייד, גיך און מיט עקשנות, ווי זי האָט אַ מאָל, ווען איר טאַטע האָט נאָך געלעבט, צעריסן אַ נײַ קלייד, וואָס איז איר נישט געפעלן געוואָרן.

אָרטשיק מיט הערש־לייבן האָבן זיך אויפגעהויבן. זיי האָבן זיך געלאָזט גיין צו דער טיר. זי האָט זיי אָפּגעשטעלט מיט אַ ביטער שמיי־כעלע:

— אַבי מ׳האָט אַרײַנגעשריבן אין קאָנטראַקט. און אַז מ׳האָט אַרײַנ־געשריבן איז שוין זיכער, אַז אַזעלכע שוואַבישע צדיקים, ווי גוסטאַוו ענ־געל מיטן פאַרער פישער וועלן נישט צונעמען דאָס פעלד? ס׳דאַרף זיך נאָר דער פאַסטאָר איבערבעטן מיט די טײַפעלס, איז אויס בריוו. ווערסט מירצעשעם האָרעווען אויף גוסטאַווס קינדער! פאַר וואָס עפּעס צו זײַן פאַסטאָר? פאַר וואָס ניט צו דײַן רבֿ? דאָ האָט קריינע אויסגעשאָסן אין אַ גיפטיקן געלעכטער און איבערגעחזרט: „דײַן רבֿ! דײַן רבֿ! נישטאָ ווער ס׳זאָל לאַכן!“

דער מאַמעס געלעכטער האָט אין הערש־לייבן אָפּגעקלונגען מיטן גע־פילדער פון אַן אַלטן חפץ, וואָס איז פלוצעם אומגעפאַלן און זיך אַוועקגע־לייגט פאַפּעריק פאַר די פיס. און גלײַך ער וואָלט וועלן געבן צו פאַרשטיין

דעם געפּלעפּטן טאַטן זײַנעם, וואָס ס׳איז דאָ פּאָרגעקומען, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— טאַטע, בײַ גוסטאַוו ענגעל וועסטו לײַכט פּועלן, ער זאָל זיך אויך מתחייב זײַן פאַרן רב.

פון דעם יונגן בחורס ווערטער האָט געווייעט מיט ישוב־הדעת. ס׳האָט זיך פון זיי אַרויסגעהערט: ברוגז ווערן וואָלט געווען אַ נאַרישקייט. אַן אַלטע זאַך דאַרף מען אויפהייבן און ערגעץ ווו אָנשפּאַרן, כדי זי זאָל זיך ניט פּלאָנטערן פאַר די פיס.

8

אין בית־דין־שטוב

ס׳איז געווען אין אַ פרי־האַרבסטיקן דינסטיק, יריד־טאָג אין נײַבורג. איבער דער נײַער הילצערנער בריק, וואָס פאַרבינדט די שטאָט מיטן גרעסטן טייל אַרומיקע דערפער, האָט זיך געצויגן אַ המון מענטשן, פאָרנ־דיק, רײַטנדיק און צו פוס.

פורלעך מיט געפלאָכטענע דעכער פון פריקעס, אונטער וועלכע עס סקאַוועטשן יעמערלעך חזירים. אויף די דעכער — שטײַגן מיט הינער, וואָס דושען זיך און רײַסן איינס פון ס׳אַנדערע די פעדערן, פאַר ענגשאַפט און דאָרשט.

דאָס פירן וואָלעכישע האַספּאַדאַרעס האָב און גוטס אײַנגעבײַטן אויף ווינטערדיקע מלבושים.

לאַנגע וועגענער מיט אַריבערגעלייגטע ברעטלעך צום זיצן. פון הינטן לויפן נאָך צוויי־דרײַ לאַשיקעס אין ביליקע גורטענע קאַפּעסטרעס. אַ שיקסע, וואָס זיצט קנאַפּ בײַ דער זײַט פונעם וואָגן, פירט אויף אַ שטריק אַ שיין געכאַוועטע טעלעצע, וואָס קאָן קוים נאָכהאַלטן דעם גיכן שפּאַן פון די פערד, בלײַבט אַלע מאָל שטיין און לאָזט אַרויס אַ לאַנג געצויגענעם מרוקע, וואָס זײַן טײַטש איז: „וווּ זײַנען מיר ערגעץ? אין סדום? ווי גיט מען דאָס ניט אויף אַזאַ לאַנגן וועג אַ טרונק וואַסער?״. דאָס פאָרן שוואָבישע משפחות מיט זייערע טעכטער אין שטאָט אַרײַן. דער טאַטע וועט פאַרקויפן אַ טע־לעצע, אַ לאַשיק און וועט זיך נאָכפרעגן נאָך אַ פּאָר גוטע דעמבענע סלו־פּעס און אַ פּאָר בינטלעך שינדלען. אפשר וועט ער נאָך אויספּייען צו פאַר־ענדיקן ביז ווינטער דעם צובוי צום שײַער. די טעכטער וועלן אַ שמעק טאָן צו די געוועלבן אויף רינגפּלאַץ, וועלן אײַנהאַנדלען צירבענדלעך, פּאַ־טשערקעס און אַנדערע קליינינקייטן, וואָס מאַכן אַ מיידל „אויף ס׳גאַנצע״ שענער.

פון די רוטענישע דערפער קומען פויערטעס צו פוס, מייסטנס מיט אַ צוואַנציק־דרײַסיק איילן געבלייכטע לײַוונט, וואָס זיי וועלן דאָ איבערלאָזן

אין שטאָט פאַר אַ נײַער האַרבעטקע אָדער אַ קיפּטאַרל, וואָס וועט זײַן גוט אי פאַרן מאַן און אי פאַר די דרײַ עלטערע יונגען.

איידער מ׳פאַרנעמט זיך אויף דער בריק מוז יעדער אײַנצאַלן דעם פּדיון בײַ יחיאל ראַגאַטניק. אַ האַלבער קרייצער פאַר אַ קאָפּ און אַ קרייצער פאַר אַ פערד. דער ראַגאַטניק, אַ ייִד — אַ ספּרונזשינע, שטרעקט הענט, קאַסירט, לאָזט אַראָפּ אין קעשענע און פאַרזעט נישט קיינעם. ער האָט צוויי קאַסאָקע אויגן אין קאָפּ און טויזנטער אויגן אין די הענט. איין מויל, אָבער ס׳שטייט נישט אַ מינוט. פיר לשונות שטופּן זיך דאָרט בײַנאַנד און מישן זיך נישט אויס.

— בונאַ זיואַ, מאָש וואַסילע! טשע פאַטשע זאָיִצאַ? מאַי בינע? סלאַוואַ דאָמנולוי! (גוט מאָרגן, זיידע וואַסיל! וואָס מאַכט זאָיִצאַ? בעסער? גאָט צו דאַנקען!).

— דאָברעי דען, קאַטערינאַ! ביכמע פּײַנע פּאַלאַטנאַ! (גוט מאָרגן, קאַ־טערינאַ! כ׳לעבן, פּײַנע לײַוונט!).

— אַ, גוט־מאָרגן, הער בירגערמײַסטער! זאָ פּרי? דער הער קרײַז־הויפּטמאַן שלעפּט נאָך זיכער!

— וואָס הערט זיך, ר׳ הענעך? מסתם יאָרצײַט? גייט אַרײַן אין דער כאַדאַגאָרער קלויז.

קריינע, ווי איר שטייגער איז, האָט געענטפערט פאַר אָרטשיקן. וואָס הייסט יאָרצײַט? אַלע אונדזערע יאָרצײַטן געפאַלן פאַר פּסח. מיר האָבן זיך אײַנגעקויפט, פאָרן מיר מיטן הער בירגערמײַסטער צום רב.

דעם ראַגאַטניקס גאַנצע פלינקייט איז מיט אַ מאָל צערונען. ער האָט מיט אַ מאָל אויפגעהערט צו זען און האָט מן־הסתם אויסגעלאָזט ניט איין פורל. דער מוח זײַנער האָט געאַרבעט און אים נישט געגעבן קיין רו: וואָס הייסט, מיט אַ גוי צום רב? וואָס ווילן זיי טאָן בײַם רב?

דער ראַגאַטניק האָט געהאַט אַ ביטערע שעה. ער האָט זיך קוים דער־וואַרט ס׳זאָל ווערן אַרום עלף, ער זאָל זיך קאָנען אַוועקכאַפּן אין שטאָט אַרײַן און הערן, וואָס דאָ טוט זיך. אַזוינס געשעט דאָך עפּעס נאָר איין מאָל אין אַ יובל...

*

דער אַלטער נײַבורגער רב ר׳ בצלאל תּאומים איז שוין געווען צוריק פונעם דאַוונען אין דער דערבײַיקער שול, און איז געזעסן אין בית־דין־שטוב

ביים איבערבייסן. פון אַ פלאַכן שיסעלע האָט אַרויסגעדאַמפט אַ קליינע מאָמעליגע פון ווייסן גריצנמעל. דער רב האָט געבלאָזן מיט די ליפּן אויפן הייסן געקעכץ און די לאַנגע ווייסע באָרד האָט זיך נאָכגעשאָקלט, זיך מעשׂה שאָלטיק נאָכגעקרימט דער אומבאַהאָלפענער עבודה פון די ליפּן. מיט דעם צינערנעם לעפל אין דער ציטערדיקער, בלייכער האַנט האָט דער רב אַרומגעצירקלט דאָס געקעכץ און אויסגעשניטן אויפן טעלער אַלץ קלענערע קרייזן פון גריץ. מ׳האָט באַשיימפּערלעך געזען, אַז ר׳האָט מער הנאה פון דער איידעלער צייכן־אַרבעט, ווי פונעם עסן. און נישט קיין חידוש. אַ ייִד אַ חלוש, וואָס געדענקט אַליין נישט ער זאָל ווען ס׳איז געווען האָבן אַ צאָן אין מויל, פלעגט ער איין מאָל, צוויי מאָל איבערן טאָג אַ כאַפּ טאָן אַ ביסל געקאָכטן גריץ, אויף צו דערהאַלטן דאָס חיות. דאָס שטיקל פלייש צו דער שבתדיקער סעודה האָט אים תמיד צעהרגעט די יאַסלעס און אים אַ תל געמאַכט פונעם עונג־שבת. די רביצין האָט דערפון געהאַט גרויס יסורים און נאָך מער — אויף צו קלאָגן זיך פאַר די ווייבער.

קיין לערנער איז ר׳ בצלאל ניט געווען. אויב ס׳איז אים דערפאַר אפשר געקומען אַן עונש אויף דער וועלט — איז זיין ווייב, ריווע די רביצין, זיכער געווען גאָטס אמתער שליח. קהל האָט אָבער פונעם רב געהאַלטן, די פּני־העיר — צוליב זיין געוואַלדאָוונעם יחוס (צען און מער דורות רבנים זיינען געשטאַנען הינטער זיינע פּלייצעס און האָבן, אַז מע האָט באַדאַרפט, געקאָנט זכותים דערלאַנגען). סתם בעלי־בתים און בעל־מלאכהס — פאַר זיין פרומקייט און צוגעלאָזנקייט צו מענטשן.

דערזען אַריינקומען צוויי מאַנצבילן און אַן אשה נאָך זיי, האָט זיך דער רב אויפגעהויבן, איז אַנטקעגנגעגאַנגען די געסט און די מאַנצבילן אָפּגעגעבן „שלום עליכם״. דערנאָך האָט ער, ווי זיין שטייגער איז געווען, אַרויסגענומען דאָס טאַבעק־פּושקעלע, געעצהט די מאַנצבילן צו נעמען אַ שמעק, ווייל דער טאַבעק האָט אַלע טעמים. אַז אַרטשיק און ענגעל האָבן זיךביידע אָפּגעזאָגט, האָט ר׳ בצלאל זיך אַליין פאַרגונען אַ היפּשן שמעק און... האַפּציו... האַפּציו... דאָס פּנים האָט זיך משונה פאַרצויגן, די נאָז האָט געמאַכט נאַריש־ווילדע קאָזשעלקעס און די באָרד, די באָרד, ווי איר שטייגער איז געווען ביי ר׳ בצלאלן, האָט זיך נאָכגעקרימט, געוואָרפן מיט זיך אַהין און צוריק, געקייכט פאַר געלעכטער.

— פראַזיט, האַכוירדען — האָט גוסטאַוו ענגעל יעדן ניס באַגלייט

מיט אַ העפֿלעכן ווונטש, עלעהיי דער קרײַזהאַופּטמאַן און נישט דער בײַ־בורגער רב זאָל זיך האָבן צעניסט.

ר׳ בצלאלן זײַנען קשה געוואָרן די דײַטשישע ווינטשעוואַניעס, און אַז די נאָז האָט זיך אולאַיעט, האָט ער אַ פרעג געטאָן טאַקע דעם בעל־דבר אַליין אין אַ געבראָכענעם דײַטש:

— זי זײַנען קיין יודע ניכט?

— רבי, ווי איז מיר, איר קענט נישט דעם הער ענגעל? זיי זײַנען דאָך בירגערמײַסטער פון דער קאַזמינער דײַטשישער קאָלאָניע — האָט קריינע אויסגעכאַפּט דעם ענטפער, כדי צו פֿאַרגלעטן דעם פֿריקרען אײַנדרוק פונעם רבס פראַגע.

ר׳ בצלאל האָט דערפילט, אַז עפּעס וויכטיקס, אויסנעמלעכס קומט הײַנט פֿאָר אין זײַן בית־דין־שטוב און אַז אויף אים ליגט הײַנט מער אחריות ווי תמיד אָפּצוהיטן דעם כבוד און דעם אָנזען פון זײַן רבנות. ער האָט זיך אָװעקגעזעצט אויבן אָן אויפן שטול, האָט אַראָפּגענומען דעם קאָלפּאַק און איז צוליב מלכות געבליבן זיצן אין דער יאַרמלקע.

געטענהט האָט אָרטשיק, געפּלאָנטערט מיט דער צונג און אַרויסגע־בראַכט די ווערטער אין זיבן שווייסן. קריינע האָט זיך אַלע מאָל אַרײַנ־געמישט. ענגעל האָט די גאַנצע צײַט געשוויגן. דער רב אויך. נאָר אַלע מאָל, ווען ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער בירגערמײַסטער וויל עפּעס זאָגן, האָט ער זיך מיט גרויס חשיבות אַ גלעט געטאָן די באָרד און זיך כמעט צעשריגן אויף זײַן דײַטשישן לשון:

— לאָסען זיי דעם הער בירגערמײַסטער שפּרעכן.

גוסטאַוו ענגעל האָט געקוקט מיט דרך־ארץ אויפן רב און געטראַכט, אַז ווען דער פֿאַרער פּישער זאָל אויסזען אַזוי מאָגער און פרום ווי דער רב און זאָל דערצו נאָך נישט זײַן קיין שיכור און נישט שפּילן אין קאָרטן, וואָלט ער אַליין, גוסטאַוו ענגעל, אויך געוועזן אַן אַנדערער, וואָלט געלאָזט די טײַפעלס רודעווען אין דער קאָלאָניע און ער אַליין וואָלט נישט פֿאַרפֿעלט קיין שום געבעט אין דער קירכע. עפּעס אַזוי ווי דער רב האָבן געדאַרפט אויסזען די הייליקע אַפּאָסטאָלן, דער הייליקער יאָהאַן דער טויפער, וואָס וועגן אים פלעגט אים דערציילן זײַן פרומע מאַמע אין די ווינטערנעכט. גוסטאַוו ענגעל האָט, זיצנדיק אַזוי קעגן דעם יידישן „האָכווירדען" אי מקנא געוועזן אָרטשיקן פֿאַר זײַן רב און אי זיך דערפילט נאָך נעענטער

צוגעבונדן צו אים. ער האָט אין דעם מאָמענט אַפילו נישט געהאַט קיין שום תרעומות צו קריינען, נאָר פאַרקערט, פאַרשטאַנען פאַר וואָס זי פילט זיך זיכערער מיט דעם שוואַכן אַלטן מענטש בײַם טיש, איידער מיטן פאַרער פישער.

אַז ר׳ בצלאל האָט ענדלעך משׂיג געווען וועגן וואָס דאָ גייט, האָט ער געהאַט אַ באַדערפעניש צו זאָגן אַ פאַר ווערטער פאַר אַזאַ גוטן גוי:

— כשמו כן הוא, אויף אײַך זאָגט אונדזער הייליקע תורה, אַז די חסידי־אומות־העולם קומען אויך אין גן־עדן.

קריינע מיט אָרטשיקן האָבן, אויף ווי ווײַט זיי האָבן געקאָנט, פאַר־טײַטשט פאַרן בירגערמײַסטער דעם רבס ווערטער. פון זייער טײַטש האָט גוסטאַוו פאַרשטאַנען, אַז לויט „האַכווירדען״ איז ער „איין וואַהרער ענגעל פונעם פאַראַדיס״. דעם רבס קאָמפּלימענט האָט אויף אים אַ ווייץ געטאָן מיט וואַרעמער, היימישער לופט. ס׳איז אין אים געוואַקסן דער רעספּעקט צו זיך אַליין. ס׳איז אים אויף זיכער קלאָר געוואָרן, אַז ער איז טאַקע גאָר עפּעס אַנדערש ווי די טײַפּעלס. ס׳זעט אײַן זײַן חשיבות נישט נאָר דער קרײַז־הויפּטמאַן, נאָר אויך — אַזאַ „געטלעכער מאַן״.

מיט אַ מאָל איז אים דורכגעלאָפן דורכן קאָפּ אַ געדאַנק נישט צו לאָזן פאַרבײַגיין אומאויסגענוצט אַזאַ גליקלעכן מאָמענט. ער האָט זיך אויפגע־הויבן, האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַרן רב אין יענער הכנעהדיקער פּאָזע, אין וועלכער ער קושט אין דער „אויפערשטעהונגסנאַכט״ די עוואַנגעליע אין פאַרער פישערס האַנט און האָט תחנונימדיק אַרויסגעמורמלט:

— זעגנען זי מיך, האַכווירדען.

ביי קריינען האָט זיך דאָס פּנים צעשטראַלט ווי קיין מאָל נישט. זי האָט מנצח געווען. אַ גלײַכן? אַ יידישער רב מיטן פאַרער פישער!

אין אָרטשיקן, פאַרקערט, האָט זיך עפּעס אַ וואַקל געטאָן. אפשר דאַרף טאַקע אַ ייִד זיצן אין שטאָט אין דער נאָענט פון צדיקים, וואָס קאָנען בענטשן און ווײַזן דעם ריכטיקן וועג. אפשר זיך אָפּלאָזן פון קאַזמין און ווערן צוריק אַ בעל־עגלה צווישן ייִדן?

— גאָט זאָל שיקן שפע אויף דײַן פעלד און שפע אין דײַנע שטאַלן, אַ בענטשונג צו דיר און צו דײַנע קינדער. אַ בענטשונג צו דײַן געווערק! אמן!! — האָט ר׳ בצלאל אַרויפגעלייגט זײַנע בלייכע, ציטערדיקע הענט אויפן בירגערמײַסטערס קאָפּ און געשאָקלט מיט דער משה־רבינו־באָרד

מיט אַזאַ פּרומקייט און אחריות, גלײַך ער זאָל כאָטש שטיין אויפן הר־עיבל און בענטשן דאָס פֿאָלק ישראל.

קריינע מיט אָרטשיקן האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, גלײַך זיי וואָלטן געווען זיכער, אַז אַזוי וועלן די ברכות, וואָס פֿלאַטערן איצט אין דער לופֿט קאָנען אַ פּאָכע טאָן מיט זייערע פֿליגל אויף אויף זיי.

נאָר ר׳ בצלאל האָט פֿאַר זיי געהאַט נאָך אַנדערע ווערטער. אפשר האָט ער גאָר נישט געטראַכט דערצו, אַז די ווערטער זײַנען:

— איר זאָלט וויסיק זײַן, אַז באַאַרבעטן ערד איז אַ גרויסע זאַך. עובדי־אדמה היו אבותינו. טל־ומטר איז געזאָגט געוואָרן נאָר פֿאַר אײַך. נאָר חלילה נישט אַרבעטן אום שבת, אָפּהיטן מצוות, ראש־השנה, יום־כיפּור און יאָרצײַטן אין שטאָט מיט ייִדן — זײַנען שטאַרקער געווען ווי די שבע־ברכות, וועלכע מע האָט אָרטשיקן און זײַן ווײַב געזונגען אונטער דער חופּה. שטאַרקער ווי די שבע־ברכות, וואָרעם ערשט איצט האָט זיך קריינע פֿאַרבונדן מיט איר מאַן צו איין דעה און צו איין געדאַנק: די דרײַ מאָרג פֿעלד בײַם טערעשענער וועג.

9

וואָס טוט זיך אין ווין?

וואָס טוט זיך אין ווין? עס איז טאַקע אמת? אַזוי פיל מענטשן האָט מען אויסגעהרגעט? די אונגאַרן מאַרשירן קיין ווין? מע האָט אונטערגעצונדן דעם קייסערלעכן פּאַלאַץ? פערדינאַנד איז אַנטלאָפן? וווּהין? קיין אינסברוק? ווו ליגט אינסברוק?

קינד און קייט אין ניי־קאָזמין האָט זיך נאָכגעפרעגט, זיך געסודעט, זיך געצויגן בײַ דער צונג, זיך מיט מורא אַליין פאַרפּאַטשט ס׳מויל. אַ וואָלטשינעצער לערער איז געזעסן אין נײַבורג בײַ קאָסמאַנען אין קרעטשמע און בגילופנדיק אַ פּלוידער געטאָן, האָט ער שוין פאַרשפּאָרט אַהיימצוקומען.

אַ סברא, אַז מע האָט אים אָפּגעפירט קיין טשערנאָוויץ צו דער גענעראַל־קאָמאַנדע. אין דאָרף איז שוין דאָ אַ נײַער לערער און מע ווייסט נישט ווו יענעמס געביין איז אַהינגעקומען.

וואָס טוט זיך אין ווין?

עס ווייסן עס נאָר גוסטאַוו ענגעל און פריץ טײַפעל. דער בירגערמײַסטער ענגעל ליגט איבער בײַם קרײַזהויפּטמאַן. טרעפט זיך, אַז ער איז יאָ אין קאָזמין, האָרעוועט ער ווי אַן אַרגאַט בײַ דער ווירטשאַפט. ער טוט די פּשוטסטע אַרבעטן: וואַרפט אַרויס ס׳מיסט פון שטאַל, בעט אויס שטרוי פאַר די בהמות און שיילט אַפילו אָפּ עטלעכע שילקעס קוקורודזעס פאַר די הינער. צו הוביכן אין גאַסטהויז — נישט ער שמעקט אַרײַן. צו וואָס זאָל ער קומען? מען זאָל אים פרעגן? ער מעג דען דערציילן??!

פריץ טײַפעל שפּאַצירט דורך אַלע פאַרטאָג דאָס דאָרף. ער זוכט כלומרשט מענטשן אויפן טאָג. עס שטראָמט פון אים גוט־אויפגעלייגטקייט און העפלעכקייט. די כיטרע אויגן זײַנע נישטערן אַרויס מענטשן פון אומעטום: פון שטיבער, שטאַלן, שײַערן, פעלד און וועגן, כדי זיי אַקעגנצוטראָגן אַ ברייטן גוט־מאָ־אָ־רגן. דאָס מויל רעדט אַרויס איין וואָרט און

די אויגן פלאַפּלען לאַנגע, פאַרכאַפּנדיקע מעשׂיות. האָבן אָבער פאַרהאַ־רעוועטע פויערן נישט קיין צײַט זיך צוצוהערן וואָס אויגן דערציילן.

פריץ געפינט יאַקאַש צײַט. אין מיטן דער גרעסטער אַרבעט לאָזט ער איבער די ווירטשאַפט (איינע פון די סאַמע רײַכסטע אין קאָזמין), פאַרגינט זיך אָוועקצונעמען די בעסטע פערד פון דער אַרבעט, פאָרט קיין טשער־נאָוויץ און בלײַבט דאָרט נעכטיקן צוויי און דרײַ נעכט. דער פאַרער פישער, ענגעלס רעכטע האַנט, איז געוואָרן איין שמעלקע מיט פריץ טײַפּעל. מ'מאַכט זיך וויזיטן און מען ווערט נישט פאַרטיק מיטן רעדן.

ענגעלן אַרט כלומרשט נישט דעם פאַרערס פרײַנדשאַפט מיט פריצן. מע דערציילט אים: דער פאַרער איז נעכטן געווען ביז שפּעט בײַ נאַכט בײַ פריצן. בייזערט זיך ענגעל אויפן דערציילער און מוסרט אים: עס איז דאָך לײַכט צו פאַרשטיין! פריץ איז דער איינציקער אין דאָרף, מיט וועמען אַזאַ געלערנטער מאַן ווי דער פאַרער קען רעדן אַ וואָרט.

— און אַז פריץ איז דער איינציקער, וואָס זשע בין איך? מיט מיר, דעם בירגערמײַסטער, האָט דער פאַרער נישט וואָס צו רעדן?

דער ענין ווערט פאַר ענגלען אַליין קשה און פריקרע, אָבער פון ד'עסטוועגן יענעם גיט ער מיט אַ לײַכטן געבייזער צו פאַרשטיין:

— און איך האָב איצט ווירקלעך נישט קיין צײַט פאַרן פאַרער. דער קרײַזהויפּטמאַן וואָלט וועלן אַלע בירגערמײַסטערס זאָלן כאָטש יעדן טאָג זײַן אין נײַבורג און אין דער ווירטשאַפט איז דאָ אַרבעט איבערן קאָפּ. אויף דער נאַכט איז מען מיד. ס'ציט אין בעט אַרײַן. און מען איז דאָך נישט קיין יונגערמאַן מער.

דער האַרבסט האָט זיך געצויגן אַ לאַנגער, אַן אומרויִקער, גענאַגט בײַם האַרץ מיט אומבאַרעכטיקטע האָפענונגען אויף עפּעס וואָס מוז אויך קומען אַהער קיין קאָזמין, נאָר מע האַלט עס אָפּ אין וועג; דער עפּעס האָט געשראָקן מיט טונקעלע אַנונגען וועגן ווײַטע געשעענישן, וואָס שמעקן נאָך בלוט, נאָך נישט פאַרזייטע פעלדער און נאָך לײדיקע שטאַלן...

אין אַ פאַרשנייטן דעצעמבער־נאָכמיטאָג קנאַפּ פאַר ווײַנאַכטן האָט זיך גוסטאַוו אומגעקערט פון נײַבורג. ער איז נישט צוגעפאָרן צו זיך אַהיים, נאָר געבליבן שטיין מיטן שליטן פאַרן קלויסטער. ער האָט געשיקט אַרויס־רופן דעם קירכען־זינגער און מיט זײַן הילף אויפגעקלעפּט צוויי פּאַפּירן. איידער מען האָט זיך אומגעקוקט זײַנען שוין אַרום דעם טויער געשטאַנען

מאַנצבילן, ווײַבער, קינדער און האָבן געלייענט. מע האָט זיך אַרויסגענו־מען די אויגן אין דער האַרטער גראָער טונקלקייט און מע האָט געלייענט. דאָס קלענערע פּאַפּיר איז געווען באַדרוקט מיט שיטערע גרויסע אותיות און האָט דערציילט דעם סוד אויף גיך און אָן איבעריקע העוויות:

— מיר פערדינאַנד דער ערשטער פון גאָטס גענאָד... נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת... דאָס גליק פון מײַנע פעלקער... זאָגן זיך אָפּ פונעם טראָן... געליבטן פּלימעניק פראַנץ יאָזעף...

דאָס צווייטע גרעסערע פּאַפּיר מיט געדיכטע קליינע אותיות איז גע־ווען די פּראָקלאַמאַציע פונעם נײַעם קייסער צו „מײַנע פעלקער״.

דעם אויפדערנאַכט איז בײַ ווילהעלם הוביך אין גאַסטהויז געווען פולער ווי תמיד. מ׳איז געזעסן אַרום דעם לאַנגן שמאָלן טיש בײַ דער רעכטער וואַנט און מע האָט געטרונקען: ווער אַ גלאָז מאָלדאַווישן ווײַן, ווער אַ גלאָז גאַליצישן מעד און ווער אַ קעלישיקל אָקעוויט. מע האָט נישט פאַרביסן מיט גאָרנישט, מע האָט געקײַעט די ווינער געשעענישן.

— דער יונגער קייסער וועט האָבן אַ שווער שטיקל אַרבעט מיט די אונגאַרן — גוידערט זיך דער אַלטער קריסטיאַן פאַשער און דאָס שווערע שטיקל אַרבעט קומט בײַ אים אויס נישט שווערער ווי די האַרעוואַניע, וואָס ער האָט דאָ אַנומלט געהאַט מיט זײַן טײַערסטער קו. זי האָט אָפּגעקרענקט עטלעכע טעג און ערשט האָט ער געמוזט דורכפירן אַ נויט־שלאַכטונג. ס׳זײַנען אים דערנאָך אַרויסגעקראָכן די אויגן ביז ער האָט דאָס פלייש אָפּגעשטופּט צו אַ נײַבורגער קצב.

אַ טיפער זיפץ רײַסט זיך אַרויס פון אונטער פאַשערס געדיכטער מילי־טערישער וואָנצע. דער זיפץ גייט נישט, ווי די אַרומיקע מיינען, אויפן חשבון פון דעם יונגן קייסער. ניין, ער דערמאָנט גאָר מיט ליבשאַפט די יונגע פאַרשניטענע בהמה.

— דער קאָסוט איז נישט אַבי ווער. עס איז אַ פאַרטײַפלטער קערל — שנײַדט דורך די געדיכטע קרעטשמע־לופט מיט זײַן דין ווײַבעריש קולכל אַ שוואָב וואָס זיצט בײַ דער מיט פון טיש. אַלע מאָל ווען אַדאָם מאַנץ טוט אַזאַ הויכן קוויטש, הייסט עס, אַז ער זאָגט נישט גלאַט אַזוי, אַבי עפּעס צו זאָגן, נאָר ער וויל מע זאָל מיט אים מסכים זײַן. און טאָמער נישט, איז ער גרייט אָנצוכאַפּן בײַם לאַץ, צו געבן פּעטש, צו צעברעכן די פלאַש אויפן טיש און אַ וואָרף צו טאָן אַ בענקל גלײַך צום שענקער אין די פּאַליצעס.

ער אַליין, אַדאַם מאַנץ, בלײַבט דווקא נאָכן קוויטש אַ שווײַגנדיקער נאָך מער ווי פֿאַרן קוויטש. נאָר וואָס ס׳קאָן געשען, אַז טאָמער איז מען נישט מסכּים, דאָס קאָן מען זען פֿון דעם גאָרגל, וואָס יאָגט זיך מיט ווילדן אימפּעט אַרויף און אַראָפּ נישט צום אײַנשטעלן אונטער דער הויט פֿון אַדאַמס לאַנגן, שמאָלן האַלדז. אָט שפּרינגט עס אַרויס, דאָס עפּעלע, פֿון אונטער דער הויט און מאַכט אָן אַ חורבן אין קרעטשמע, אין דאָרף, אין גאַנץ וויַן. ס׳זאָל נאָר עמעצער זיך דערוועגן אָקעגנצורעדן.

דערווײַלע דערוועגט זיך קיינער נישט, פֿאַרקערט...

— דער נײַער קייסער וועט אויסשרײַבן וואַלן אין די געמיינדעס, וועט צונויפרופֿן אַ פּאַרלאַמענט, די בירגער אַליין וועלן פֿירן דעם שטאַט — שטופּט אַרויס די ווערטער פֿונעם מויל יאָהאַן גערמאַן און פֿאַרהאַקט זיך אַלע מאָל בײַ די אותיות, וואָס נייטיקן זיך אין דער הילף פֿון זײַנע דינע ווי אויסגעווירטע ליפּן. גערמאַן איז אַ שוואָב אין די פֿערציקער, פֿריץ טײַפֿעלס אַ חבר פֿון דער טשערנאָוויצער גימנאַזיע און אַ בן־בית בײַם פֿאַרער פֿײַ־שער. די ווערטער קומען אים אָן שווער, אָבער איין מאָל אַרויסגעקומען, טראָגן זיי זיך אין ריטעם פֿון דעקלאַמאַציע, טרעפֿן צו יונגע געמיטער און פֿאַרטײַטשן דעם ענין פֿאַר אַלטע בעל־הבתּישע מוחות.

אין אַ ווינקל בײַ דער טיר איז געזעסן מאַרטין ענגעל, דעם בירגער־מײַסטערס אַ געשוועסטערקינד און האָט געטשאַטשקעט אויף אַדאַם מאַנצס האַלדז. אַז דער גאָרגל האָט זיך אײַנגעשטילט, גענומען שווימען זאַכט און רויִק פֿון שלונג צו שלונג, איז מאַרטין אַרויס מיט לשון. ער האָט געשיט ווי פֿון אַ זאַק, קוים די ווערטער צו כאַפּן און איז דערבײַ געפֿלויגן מיט די אויגן איבער אַלע פּנימער.

— כ׳האָב גערעדט מיט גוסטאַוון. קאָסוט וועט קיין סך מיסט נישט מאַכן. אַלטער קייסער, נײַער קייסער — אָרדענונג בלײַבט אָרדענונג. די רוסן שיקן הילף קעגן די רעבעלן...

— פֿון וואַנעט ווייסטו? — האָבן זיך קולות געראָבעט, דינע, בורטשענ־דיקע און פּײַפּנדיקע געשפּאַרט צו מאַרטינען, אויף אים אָנגעוואָרפֿן אַ מורא. אַדאַם מאַנצס „איכה״ האָט גענומען לויפֿן ווילד און מיט רציחה.

מאַרטין האָט זיך בײַ צײַטנס אַרויסגערוקט פֿון קרעטשמע. עס האָבן אים נאָכגעיאָגט, ווי בייזע ווינטן, בליקן מיט שׂנאה און קולות אויף דורס צו זײַן. מאַרטין איז איצט געלאָפֿן צו גוסטאַוון דערציילן, אַז דאָס

דאָרף איז רעבעליש. דאָס דאָרף וויל וואַלן, עס איז קעגן קייסער, עס האַלט מיט די אונגאַרן... עס האַלט מיט פּריץ טײַפּעל...

*

גוסטאַוו ענגעל איז נישט געווען אין דער היים. ער איז געזעסן בײַ זײַן יִידישן שכן, העגעד אַרטשיק, אין קיך און זיך אויסדערציילט ס'האַרץ. ס'איז אַ צײַט מיטן קאָפּ אַראָפּ — האָט ער מיושבדיק פֿאַרביטערט געטענהט — ווו האָט מען דאָס געהערט, אַז אַ קייסער זאָל מוזן אַנטלויפֿן און אַז נישט דאָס אַמט נאָר דער פּעבל זאָל פֿירן ס'גרויסע וואָרט? שולדיק איז מען אין די אַמטן. מע האָט צו פֿיל געדולדט. אַרעסטירן האָט מען זיי אַלע באַדאַרפֿט בײַ צײַטנס. וויפֿל מאָל האָב איך געזאָגט דעם קרײַזהויפּטמאַן: דער פּריץ טײַפּעל איז אַ רעבעל. קירך איז פֿאַר אים קיין קירך נישט און ער לאַכט זיך אויס פֿונעם אַמט. וואָס זשע האָט געענטפֿערט דער קרײַזהויפּטמאַן? ער האָט אויך געלאַכט. איצט זעט ער שוין אַז מיט געלעכטער פֿירט מען נישט קיין לאַנד.

גוסטאַוו האָט געמאַכט אַ פּויזע. ער האָט זיך פּלוצעם געכאַפּט, אַז ער האָט צום ערשטן מאָל אין זײַן לעבן געבראַכט איבער די ליפּן אַזעלכע שאַרפֿע רייד קעגן אַן אַמט, קעגן קרײַזהויפּטמאַן. ער איז נתפּעל געוואָרן פֿון זײַנע אייגענע ווערטער. נישט פּריץ, נאָר ער אַליין איז גאָר דער רעבעל. דאָס דאָזיקע געפֿיל האָט מיט אַ מאָל צעשטויבט זײַן פֿאַרביטערטקייט און אַרײַנגעיאָגט אין אים קוראַזש און האָפֿערדיקייט.

— אַז דער קרײַזהויפּטמאַן פֿאַרשטייט נישט ווי צו פֿירן, וועל איך אים ווײַזן ווי אַזוי. דערויף בין איך גוסטאַוו ענגעל און ווייס, אַז דײַטשן האָבן ליב אָרדענונג. מײַנע שוואָבן (גוסטאַוו האָט מיט אַ מאָל דערפֿילט אַ פּאַטערלעכע וואַרעמקייט צו אַלע קאָזמינער שוואָבן) וועלן זיך נישט לאָזן אַרומפֿירן בײַ דער נאָז פֿון אַ ליבעראַלן לאַ־יוצלח ווי פּריץ טײַפּעל. זיי וועלן געטרײַ בלײַבן דעם קייסער און זייער בירגערמײַסטער. איך וועל...

זײַן פּנים האָט זיך צעשטראַלט פֿאַר פֿרייד. ער איז געוואָרן אויפֿגעראַמט ווי נאָך עטלעכע גוט פֿאַסמאַקעוועטע גלעזער גליווײַן. אַ געדאַנק איז אים דורכגעלאָפֿן דורכן קאָפּ (עס איז פּשוט נישט צו פֿאַרשטיין ווי אַזוי דאָס איז אים ערשט איצט אײַנגעפֿאַלן). ער וועט אָרגאַניזירן דאָס גאַנצע דאָרף צו אַ מאַניפֿעסטאַציע פֿון סימפּאַטיע פֿאַרן דער קרײַזהויפּטמאַנשאַפֿט אין נײַבורג. דאָס גאַנצע דאָרף וועט זינגען „גאָט ערהאַלטע". דער קרײַז־

הויפּטמאַן וועט עס מודיע זײַן קיין ווין. מע וועט דאָרט וויסן, אַז די דינאַס־טיע האָט אַן אָנשפּאַר אין גוסטאַוו ענגעל.

קריינע און אָרטשיק האָבן די גאַנצע צײַט געשוויגן. אָרטשיקן האָט זיך יאָ עפּעס געפּלאָנטערט אויף דער צונג צו פרעגן, למשל, דאָס, צי ס׳איז אמת אַז די ליבעראַלן שלאָגן זיך אין ווין אויך פאַר די ייִדן; צי ס׳איז אמת אַז זיי ווילן ייִדן זאָלן מעגן וווינען אין דאָרף, זאָלן מעגן קויפן פעלד... געוואָלט פרעגן אָבער נישט געפרעגט. אָרטשיק האָט אַ קוק געטאָן אויף זײַן ווײַב קריינע און זיך דערמאָנט ווי זי האָט אַנומלט געוויינט אַז ער און הירש־לייב זאָלן זיך נישט מישן אין גויִשע מחלוקתן. ס׳איז נישט זייער דאגה און זאָלן זיי געדענקען, אַז דער בירגערמײַסטער האָט זיי אין די הענט מיטן פעלד וואָס איז אויף זײַן נאָמען.

הערש־לייב איז געשטאַנען פּונקט אַקעגן בירגערמײַסטער און אומרויִק געגראַבלט מיט די נעגל אויפן טיש. ווערטער האָבן זיך געריסן פון זײַנע ליפּן, ווערטער שפּיציקע אויף דורכצושטעכן גוסטאַוו ענגעלס טראַכטע־נישן און אים ווײַזן, אַז זײַנע פּלענער זײַנען נישט מער ווי פאַוועטיניע. ער האָט די ווערטער צוריקגעהאַלטן, זיי פאַרגראָבן מיט די נעגל טיף צווישן די האָלץ־פעדעם אויפן טיש. אָבער די אויגן זײַנע, די קײַלעכדיקע שוואַר־צע אויגן זײַנע, וואָס ער האָט געירשנט פון קריינען, האָבן גערעדט הויך און פײַערדיק און געגעבן צו פאַרשטיין דער מאַמען, אַז ער קען נישט שווײַגן, ווײַל ס׳גייט וועגן ייִדן, ס׳גייט טאַקע וועגן מעגן קויפן פעלד אויפן אייגענעם נאָמען. קריינע האָט געזוקט דאָס קאַפּיטל אַלץ מער נאָך פאַרנט אויף צו פאַרדעקן ס׳פּנים און געענטפערט האָבן הערש־לייבן בלויז די קנייטשן אַרום די ליפּן וואָס האָבן זיך אַרויפגעצויגן ביז צו דער נאָז און געגעבן דעם מויל דעם אויסזען פון אַ שאַרפן שנאָבל. דאָס פאַרשנאָבלטע מויל האָט אויסגעדריקט אי שרעק און אי וואָרענונג.

— וואָס זאָגסטו, הערש־לייב? — האָט זיך פּלוצעם אָנגערופן גוסטאַוו ענגעל — דו ביסט דאָך עפּעס אַ קלוגער בחור, איאַ, עס וועט זײַן אַ דער־הויבענע מאַניפעסטאַציע? ווין וועט געוווּיר ווערן ווער גוסטאַוו ענגעל איז...

— און וואָס וועט איר טאָן מיט די וואַלאַכן פון אַלט־קאָזמין און מיט די עטלעכע ייִדן?

הערש־לייבס ווערטער זײַנען פאַרן בירגערמײַסטער געקומען אַזוי אומגעריכט און אַזוי ראַפּטעם, אַז אויפן ערשטן מאָמענט האָט ער פאַרגעסן

אַז דאָס רעדט אָרטשיקס אַכצן־יעריק ייִנגל און איז געווען זיכער אַז דאָס האָט דער קרײַזהויפּטמאַן אַ נעם געטאָן אָפּווענדן זײַנע פּלענער. ער, ענגעל, האָט גאָר דערצו נישט געטראַכט. נאַטירלעך מוזן זיך אין דער מאַניפעסטאַציע אויך באַטייליקן די וואַלאַכן און די ייִדן. אַלע דאַרפן איצט אַרויסווײַזן לאָיאַליטעט צום הייליקן טראָן פון די האַבסבורגער.

— הער בירגערמײַסטער — האָט הערש־לייב מיט ייִנגלשער דרייסטקייט אַ געשריי געטאָן — די וואַלאַכן וועלן נישט מיטגיין מיט אײַער מאַניפעסטאַציע. זיי ווילן פרײַהייט. דער שטײַערזאַמט פּרעסט בײַ זיי אַרויס דעם לעצטן גראָשן. און די ייִדן ווילן גלײַכע רעכט מיט אַלעמען.

צום ערשטן מאָל בײַ אָרטשיקן אין שטוב האָט גוסטאַוו ענגעל אַ ציש געטאָן מיט שׂנאה:

— רעבעל! רעכט קאָן געבן נאָר דער קייסער. איך! — נישט פריץ טײַפעל.

— וואָדען?! — האָט קריינע געפּרווט פאַרווישן הערש־לייבס ווערטער — דאָס האָט ער דאָך טאַקע געמיינט. דער קייסער, דער נײַער קייסער וועט געבן רעכט די ייִדן. זיי וועלן מעגן קויפן ערד אויף זייער נאָמען.

הערש־לייבט האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט. ער האָט גערעדט ווײַטער ווי פון אַ באַלעמער אַראָפּ:

— די רעוואָלוציע וועט באַפרײַען אַלע פעלקער און אויך די ייִדן. אײַער פיליפּ גלייבט אויך אַזוי. מיר האָבן ביידע געלייענט די „בוקאָווינער פּאָסט". דאָרט שרײַבט דאָקטאָר שטערצער, אַז די וואַלאַכישע פירערס ווילן אײַנרעדן די פּויערן, אַז זיי דאַרפן קעמפן פאַרן קייסער קעגן די אונגאַרן, ווייל דער קייסער וועט עפּענען שולן אויף רומעניש פאַר זייערע קינדער. די פּויערן אָבער ווייסן, אַז די רעוואָלוציע וועט זיי געבן מער, אַ סך מער. זי וועט פון זיי אַראָפּנעמען דעם יאָך פון שטייערן צום פּריץ און וועט זיי געבן ערד און פרייהייט. זיי און די ייִדן אויכעט.

אָרטשיק האָט געזויגן מיט די אויגן, מיט די ליפּן, מיטן גאַנצן פּנים הערש־לייבס ווערטער. ער האָט הנאה געהאַט וואָס זײַן זון לייענט אין איינעם מיט פיליפּן די צייטונג און קען אַ שמועס טאָן מיטן בירגערמײַסטער נישט ערגער ווי אַן אויסגעשטודירטער שוואָב. עס איז אים, אָרטשיקן, נישט אײַנגעפאַלן אַ קוק צו טאָן אויפן בירגערמײַסטער, וואָס איז געזעסן מיט אַ רציחהש פאַרזשמורעט פּנים און געזידלט זײַן זון פיליפּן, וואָס נאָר

ער האָט אים געזען דאָ שטיין אַ וואָיליונגיש פֿאַרפּלאָמטן און פּאַטאַקעווען דעם „יודענבענגעל". די זידלערײַען זײַנען געווען פֿאַרשטיקטע, האָבן נישט דערגרייכט ביז צום מויל, אָבער די ליפּן זײַנען זיך אַלע מאָל צונויפגעקו־מען און הויך אַ טשמאָקע געטאָן. דער טשמאָק האָט אָפּגעקלונגען ווי אַ היל־כיקער פּאַטש אויף פּיליפּס נישט־געזעענעם פּנים.

— הער בירגערמײַסטער, איר הערט צו און נעמט ערנסט, וואָס אַזאַ שמאַראָצער זאָגט? — האָט קריינע געפּרוווט אַרויסרײַסן ענגלען פֿון שווײַגעניש, אין וועלכער ער האָט זיך אײַנגעקלעמט — ער האָט עפּעס גע־הערט קלינגען און קען נישט נאָכזינגען.

גוסטאַוו ענגעל האָט נישט געענטפֿערט. ער האָט געשוויגן, געטשמאָקעט מיט די ליפּן, נישט פּאַרטיק געוואָרן מיט די פּעטש פּאָר פּיליפּן. וואָס אַלץ מער אַ פּאַטש, אַלץ מער צעקאָכט זיך די רציחה אין גוסטאַוון און וואָס זידי־קער דער כעס, אַלץ לײדיקער ווערט אַרום אים. ער זעט נאָר איינעם — פּריץ טײַפּלען און ער הערט ווי ער גיט אים אַ העפּלעכן, אַ צעשמייכלטן: גו־טן אַ־אַ־בענד, הער בירגערמײַסטער.

— גוטן אָבענד, גוטן אָבענד! דאָס דאַרף איז רעבעליש. דאָס דאַרף וויל וואַלן. דאָס דאַרף איז מיט פּריצן — דאָס האָט מאַרטין ענגעל ענדלעך געפֿונען דעם בירגערמײַסטער בײַ אַרטשיקן אין שטוב און זיך פֿאַרנומען אַרויסצוווײַזן זײַן געטרײַשאַפֿט און אים אָפּצוגעבן זײַן פּאָליציייִשן באַ־ריכט.

— אַלע זײַט איר רעבעלן — האָט דער בירגערמײַסטער זיך אַ לאָז געטאָן צו מאַרטינען אים דורס צו זײַן. מאַרטין איז אויסגעווען די צײַט.

גוסטאַוו ענגעל האָט גענומען שפּאַנען אַהיים. די נאַכט וואָס ער האָט זי מיט אַ פּאָר שעה צוריק איבערגעלאָזט אַ ווײַס אויסגעפּוצטע, אַ שטײַף געמידערטע, איז איצט געווען נישט צום דערקענען. אַן אויסגעטועטע פֿון אירע פּראָסטיקע בגדים, האָט זי, די נאַכט, זיך געניאַרעט אין געדיכטער בלאָטע אויפֿן שטראָז, אויף גערטנער, אויף פֿעלדער. אַ נאַסע און אַ ווינ־טיקע האָט זיך די פּינצטערניש אַלע מאָל אַ הייב געטאָן און זיך אײַנגעג־קוקט אין די באַלויכטענע שויבן פֿון הוביכס גאַסטהויז, זיך אײַנגעהערט צום פֿרייד־געשריי מיט וועלכן דער שוואַבישער עולם האָט דאָרט אויפֿ־גענומען פּריץ טײַפּלען, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ באַנק און מיט זײַן טי־פֿער באַסאָווער שטימע געגעבן צו פֿאַרטײַטשן די געשעענישן אין ווין.

אַ גאַנצע נאַכט איז בעט האָט זיך גוסטאַוו ענגעל געאַמפּערט מיטן קרייזהויפּטמאַן, מיט זיין זון פּיליפּ און — מיטן שלאָף וואָס האָט אים רעבעליש געמיטן.

ווען ס׳האָט אָנגעהויבן שאַריען האָט ער זיך אויפגעזעצט אין בעט, אַ האַלב פאַרשלאָפענער געמאַכט דעם סך־הכל פון דעם שווערן, פאַרגאַנגענעם טאָג און דערנאָך אַ כלומרשט באַרויִקטער אַ געשריי געטאָן צו זיין ווייב:

— עפּי, דו שלאָפסט?! — כ׳האָב דיר תּמיד געזאָגט, אַז איך טו דאָס בעסטע וואָס איך קען. אָבער די צענטראַל־רעגירונג איז קיין רעגירונג נישט. דאָס איז אַן איינפאַכער קוואַטש.

אַ צעבראָכענער איז דער בירגערמייסטער דערנאָך שווער און טיף אַנטשלאָפן געוואָרן.

10

די פאַרזאַמלונג ביים קלויסטער

ס'איז געווען אָנהייב פרילינג. אַ לײַכטער ווינט טרײַבט מיט כל אמצי כוחות אויף קעריק די קאַלטע גראָע כמאַרע, וואָס ציט זיך אַהער פון דער גאַליצישער גרענעץ. דער הימל באַוויַזט זײַן יונגע בלויקייט און וואַרעמט אויס די סלידעס פון שטיוול, באַקאַנטשעס, פּאַדקאָווען און באַרוועסע פיס אויפן בלאָטיקן שטראָז. ס'באַקט זיך די ערשטע סטעזשקע פונעם דײַ־טשישן דאָרף צום וואַלעכעשן קלויסטער. ס'לויפט אַהין קינד און קייט.

די זונטיקדיקע סלוזשבע האָט זיך אָקאָרשט געענדיקט. פונעם קלויס־טער קומט אַרויס דער גלח טיפּאַ, אַ מענטש אין די פערציקער, מיט אַ זויבער אַרומגעשוירענעם קוואַדראַט־בערדל, מיט ברודיקע תאווה־אויגן און מיט אַ זאַטן, פריילעכן פּנים. טיפּאַ איז ערשט אַ יאָר צוויי גלח אין דאָרף. ער שטאַמט פון טראַנסילוואַניע פון יענע דערפער אַרום אַלבאַ יוליאַ, ווו זקנים געדענקען נאָך דעם אומגליקלעכן רעבעל האָריאַ, וואָס דער „גוטער קייסער" יאָזעף דער צווייטער האָט אים אַרײַנגעגעבאַרט קיין ווין און דערנאָך אומברחמנותדיק אומגעבראַכט. טיפּאַ האָט געענדיקט דעם באַרימטן הער־מאַנשטעטער גלחים־סעמינאַר און דערנאָך פאַרבראַכט היפּשע עטלעכע יאָר אין דער מאָלדאַווע ביים רײַכן שווער אויף קעסט. מיטן שווערס הילף זיך געפּרוווט צוטולען צו פּאָליטיק, אָבער מאָלדאַווישע באָיאַרן האָבן נישט געהאַלטן פון טראַנסילוואַנישע רעבעלן, וואָס זעען אויס ווי איידעלע קאַטאָליקן, גריבלען זיך צו פיל אין ביכלעך און בראָיען קעגן מלכות. אין דער בוקאָווינע פילט זיך טיפּאַ בײַ זיך אין דער היים. דער מענטשלעכער אַרום איז דאָ כמעט דער זעלביקער ווי אויף יענער זײַט קאַרפּאַטן. דאָ ווייסן אַלע אַז ער איז זייער אַ געלערנטער און אַז ער וועט נאָך אַ מאָל ווערן בישאָף. טיפּאַ איז זייער צופרידן אַז מ'זאָגט עס אים. ער איז דעמאָלט עפּעס זיכערער בײַ זיך מיט זײַן קאַריערע. ער גיט נאָר בשעת מעשה אַן אומרויִקן טראַכט צי זײַן ווײַב, וואָס איז עלטער פאַר אים אויף עטלעכע יאָר, איז אַסטמאַטיש און האַלט זיך אין איין דאָקטערן, אָבער פון דעסטוועגן...

ווער ווייס ? איר פּאָטער, דער באָטאָשאַנער פּריץ קלימעסקו איז אַלע זײַנע יאָרן געווען אַ קראַנקער מענטש און געלעבט האָט ער לענגער פון אַלע געזונטע.

אויפן ברייטן פּלאַץ, וואָס פאַרן קלויסטער — אַ מענטשן־געדרענג ווי אויפן נײַבורגער „זאַרינעק" אין אַ יריד־טאָג. בײַם שטיינערנעם פּלויט פאַרן הויז, וואָס אַקעגן קלויסטער האָט דער אַלט־קאָזמינער דאָרף־סטעל־מאַך צונויפגעמײַסטרעוועט אַ טריבונע. דאָ וועלן באַלד אַרויסטרעטן פּריץ טײַפּעל, דער גלח טיפּאַ, דער לערער סעמעניוק און אַ טשערנאָוויצער גאַסט און וועלן רעדן צום עולם. דערווײַל זיצט נאָר טיפּאַ אַליין אויף דער טריבונע. דער עולם האָט אים בײַם אַרויסקומען פונעם קלויסטער באַגעגנט מיט פריידיקע געשרייען, אים אַ כאַפּ געטאָן אויף די הענט, שיר נישט צעריסן די טענדע־ווערענדע, אים אַ צעשטראַלטן צוגעטראָגן צום באַלעמער. דערזען אַז פון די איבעריקע רעדנערס איז נאָך קיינער נישטאָ, איז פון טיפּאַס פּנים מיט אַ מאָל פאַרשוווּנדן די אויפגעראָמטקייט. ס'שטייט טיפּאַן נישט אָן, וואָס ער איז דאָ דער ערשטער אויף אַ ליידיקער טריבונע. ווער זײַנען דאָס די איבעריקע, וואָס ער, טיפּאַ, זאָל אויף זיי וואַרטן ? אַ שוואַבישער פּויער, אַ לערער, וואָס קאָן קוים דעם אַ־בע־צע, און עפּעס אַ טשערנאָוויצער דאָקטער אָן פּאַציענטן ! ער האָט זיך דערפילט באַליידיקט פון די רעדנערס, וואָס האָבן פאַרשפּעטיקט און פון דעם הונדערט־קעפּיקן עולם, וואָס פאַרשטייט נישט אַז אים, טיפּאַן, דאַרפן צוטראָגן צום באַלעמער נישט דער שוואַב מאַנץ און דער וואָלעך ברינדזאַ, נאָר טאַקע פּריץ טײַפּעל און דער טשערנאָוויצער דאָקטער, ווײַל... (אַ דראָזשע פון הנאה לויפט דורך זײַן גאַנצן קערפּער) ער וועט אַ מאָל זײַן בישאָף און גלייביקע קריסטן וועלן אים אויפנעמען מיט טריומף־בויגנס און מיט דער עוואַנגע־ליע אונטער חופּה־שטאַנגען. דער עולם פאַרשטייט נישט אָפּצוגעבן כבוד ווען ס'געהער, טופּעט מיט די פיס און פּאָדערט רעדן. טיפּאָס פּנים ווערט וואָס אַ מאָל פינצטערער. עס וואַקסט אין אים אויס אַ געפיל פון רוגזה צו דעם גאַנצן מין רעוואָלוציע, וואָס האַלט דעם לערער סעמעניוק פאַר זײַנסגלײַכן. און ווער ווייס וויפל די גאַנצע רעוואָלוציע וועט אָנהאַלטן ? ער וועט זיך נאָר האָבן פאַרשמירט דאָס פּנים אין ווין און בײַם סינאָד אין טשערנאָוויץ.

— הוראַ ! ס'טראַיאַסקאַ !

פנימער און קולות האָבן זיך מיט אימפּעט אויסגעדרייט צום שטראָז ווו ס׳איז אָנגעלאָפן אין אַ פריילעכן טראָפּ פּריץ טײַפּעלס ברישקע. טײַ־פעל, דער טשערנאָוויצער דאָקטער און דער לערער סעמעניוק האָבן גע־הויבן די קאַפּעלושן, געגריסט דעם המון אויף דײַטש און רומעניש:

„זאָל לעבן די פרײַהייט״! „טראַיאַסקאַ ליבערטאַטעאַ״!

פונעם עולם האָט צוריקגעדונערט:

„זאָל לעבן דער פרײַ געוויילטער בירגערמײַסטער פּריץ טײַפּעל״!

„זאָל לעבן דער קומענדיקער דעפּוטאַט דאָקטאָר שטערצער״!

אויפן וועג צו דער טריבונע האָבן זיך פּריץ טײַפּעלס אויגן צונויפ־געשטויסן מיט דער שטעכעדיקער בייזקייט אין גלח טיפּאַס פּנים. ער האָט געפּרוּווט אים איבערבעטן פון דער ווײַטנס מיט אַ לאַנג אויסגעצויגענעם „האַבע די ערע, הער פּפאַרער״, מיט אַ ברייטן שמייכל, מיט אַ גוטברודע־רישן מאַך מיט דער האַנט און אַז דאָס אַלץ האָט נישט געהאָלפן, האָט אַ גע־לונגענער אײַנפאַל פון אים אַרויסגעשריגן:

„עס לעבע האָכווירדען טיפּאַ, אונדזער קומענדיקער טשערנאָוויצער בישאָף״!

דער עולם האָט אונטערגעכאַפּט מיט התלהבות, געהויבן די הענט און געוואָרפן מיט די היטלעך.

טיפּאַ איז אַנטקעגנגעגאַנגען פּריץ טײַפּלען ביז צום ראַנד פון דער טריבונע, אים אַרומגענומען און זיך מיט אים צעקושט.

די באַגײַסטערונג פון דעם עולם איז געוואָרן אַלץ ליאַרעמדיקער, אַלץ צעלאָזענער — דולער.

דער ערשטער האָט גערעדט פּריץ טײַפּעל. ער האָט גערעדט וועגן דער פאַרברידערונג פון די דײַטשן מיט די רומענער „אונטערן בלויען הימל פון פרײַהייט״. די ווינער בירגער האָבן אויסגעקעמפּט וואָלן צו די געמיינדעס. אין קאַזמין וועלן די וואָלן פאַרקומען קומעדיקן זונטיק און „אַלעס וואָס ליבט פרײַהייט און איז זאַט פון גוסטאַוו ענגעלס טיראַנײַ (הו, האָ! האָט געשריגן דער עולם — נידער מיטן סאַטראַפּ!) זאָל שטימען פאַר דער פרײַהייטס־ליסטע, וואָס אין איר שפּיץ „האַבע איך די ערע צו קאַנ־דידירן״.

די פאַרזאַמלונג האָט אַפּלאַדירט. פּריץ האָט לכתחילה געטראַכט דאָ צו פאַרענדיקן זײַן רעדע. נאָר אַז אים האָט זיך געגומען אויסדאַכטן, אַז

עפּעס אַ מידקייט האָט זיך אַרײַנגעגנבֿעט אין דער פֿאָלקס־פֿאַרזאַמלונג, האָט ער איבערגעוואַרט די האַנטקלאַפּעריי און ווײַטער געצויגן דעם לעצטן זאַץ:

„און אויף וועלכער עס קאַנדידירן אַחוץ מיר אַזעלכע ערווירדיקע בירגער ווי דער שוסטער האַראַנד און דער לאַנדאַרבעטער הײַנץ פּפייפער, די פֿרײַהייט קען נישט קיין אונטערשייד צווישן אָרעם און רײַך".

דער עולם האָט אין איין אויגנבליק אויפֿגעזוכט מיט די אויגן האַראַנדען און פּפייפערן, וואָס זײַנען געשטאַנען אין דער זײַט פֿון דער טריבונע בײַם שטיינערנעם פּלויט, און דערנאָך נישט אויפֿגעהערט אויסצורופֿן מיט ווילד־פֿריידיקע אויסגעשרייען און מיט ווינטשעוואַניעס אויף אַ לאַנג לעבן די צוויי „ערווירדיקע בירגער". די צוויי חשובֿע בירגער האָבן געדאַנקט מיט טיפֿע פֿאַרנויגן, דער שוסטער האַראַנד — מיט פֿריילעכע זשעסטן מיט דער האַנט און אַז דער עולם האָט זיך גאָר אַלץ נישט באַרויִקט, האָט זיך האַראַנד דערמאַנט, אַז בײַ אַ צירקוס־פֿאַרשטעלונג אין טשערנאָוויץ האָט ער געזען ווי דער „דומע אויגוסט" האָט געדאַנקט דעם פּובליקום מיט אַ לופֿטקוש. האַראַנד האָט לאַנג נישט איבערגעטראַכט, צוגעלייגט אַ פֿינגער צו דער סאַמע מיט וואַנצע, אים דערנאָך מיט אימפּעט אָפּגעריסן פֿון דאָרט און וווּיליונגעריש צוגעוואָרפֿן דעם עולם. ס'איז אויסגעבראָכן אַ שטורמיש געלעכטער.

פֿריץ האָט האַלב פֿרײַנדלעך און האַלב באַפֿעלעריש אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צו דער פֿאַרזאַמלונג, געוואָלט אײַנשטילן דעם געלעכטער און געבן דאָס וואָרט דעם צווייטן רעדנער. דער עולם האָט נישט געזען נישט זײַן האַנט און נישט אים. ס'איז מיט אַ מאָל געוואָרן אויס פֿאַרזאַמלונג. דער המון האָט זיך צעטיילט אויף הײפֿלעך מענטשן, וואָס שטייען ווי תמיד אין אַ געוויינטלעכן זונטיק בײַם שטראָז פֿאַרן קלויסטער, פֿאַר דער קרעטשמע, דערציילן זיך אַ קאָמישע מעשה און לאַכן, קײַכן, האַלטן זיך בײַם בויך פֿאַר געלעכטער. פֿריץ האָט זיך דערשראָקן. ער האָט דערפֿילט ווי אין די דאָזיקע געלעכטערס ווערט צעטרענצלט זײַן גאַנצער אויטאָריטעט. ער האָט מיט אַנגסטן דערזען, ווי ס'וועדט אויף אַן אמת צעשמאָלצן דער אונטערשייד צווישן אָרעם און רײַך. די וואָלעכישע אַרגאַטן זײַנען, וואָס האָבן ביז הײַנט געציטערט פֿאַר זײַנעם אַ קוק, זענען מיט אים פּלוצעם געוואָרן אויף „דו", קלאַפּן אים אויף דער פּלייצע, קומען אַלץ נענטער צו זײַן עסצימער,

שפּאַנען אַרום אין די גראַבע באַקאַנטשעס זייערע איבערן דיל, צעקריצן מיט די פּאַדקאָווקעס די פריש אײַנגעלאָזענע פּאַרב און זעצן זיך אַוועק בײַם טיש. ער פּרוּווט דערמאַנען, אַז אין דרויסן וואַרט נישט אָפּגעטאָנענע אַרבעט. ס׳ענטפערט אַ שמייכל. ער טוט אַ בייזן קוק אויף די אַרגאַטן, נעמט שרײַען... ס׳קומט אים אַנטקעגן חוצפּהדיק געלעכטער.

אַ פּאַרמאַטערטער טראַכט ער צום בירגערמײַסטער גוסטאַוו ענגעל, צום קרײַזהויפּטמאַן, צום זשאַנדאַרן־וואַכמײַסטער. ער וועט גיין צו זיי און זיי זאָגן, אַז ער איז נישט מער מיט די רעבעלן, ער איז פּאַרן הייליקן טראָן פון די האַבסבורגער. ער איז פּאַר אָרדענונג...

דער געלעכטער האָט זיך אולאַיעט. די הייפּלעך מענטשן האָבן זיך ווידער צוזאַמענגעקנאַטן צו אַ רויקן מאַסע־קאַלאַס, וואָס שווײַגט און לעכצט נאָך ווערטער. די פּאַרזאַמלונג האָט זיך געצויגן ביז אין שפּעטן נאָכמיטאָג אַרײַן. פּריץ איז די גאַנצע צײַט געבליבן זיצן אויף דער טריבונע, גערעדט מיט דעם און מיט יענעם, געשמייכלט צו יענעם און צו דעם, אָבער מיט זײַנע טראַכטענישן איז ער געווען ווײַט פון דאַנען. ער איז נישט געווען מיט דער פרײַהייט, ער איז געווען אַקעגן איר...

דער גלח טיפּאָ און דער טשערנאָוויצער דאָקטער שטערצער האָבן גערעדט מיט פײַער און געהאַלטן וואָך די באַגײַסטערונג פונעם עולם. דער גלח טיפּאָ האָט דערציילט די וואַלעכן וועגן די גרויסע נאַציאָנאַלע קאַמפן פון די טראַנסילוואַנישע רומענער, אָבער דער עיקרשט האָט ער געשיל־דערט אין זייער שיינע פּאַרבן זײַן אייגענע ביאָגראַפיע. לויט זײַנע ווער־טער איז אויסגעקומען אַז ער, טיפּאָ, איז שוין קינדווײַז געווען אַ נאַציאָ־נאַלער העלד און ווי אַ דערוואַקסענער וואָלט ער דאָרט אין הערמאַנשטאַט, קאַרלסבורג און קראָנשטאַט געווען אויפגעטאָן גדולות, נאָר — האָט ער צו פּאַרשטיין געגעבן — דער הערמאַנשטעטער אָרטאָדאָקסישער בישאָף האָט אים אַוועקגעשיקט אין אַ געהיימען נאַציאָנאַלן שליחות קיין בוקאַרעשט און פון דאָרט האָט ער זיך מער נישט געטאָרט אומקערן צוריק, ווײַל... אין הערמאַנשטאַט האָט אויף אים געוואַרט די תּליה. די וואַלעכן האָבן נאָך מערער דרך־ארץ באַקומען פּאַר זייער גלח. קיינער האָט נישט געטראַכט דערפון, אַז טיפּאָ איז אַ הויטרײַסער בײַ חתונות און לוויהס. אַפילו דער לערער סעמעניוק, וואָס האָט דעם גלח פײַנט געהאַט און געוווּסט, אַז אַלץ

וואָס ער האָט איצט דערציילט איז ליגן, איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון טיפּאָס רייד און האָט געקאָנט שווערן אַז טיפּאָ איז אַ נאַציאָנאַלער מאַרטירער.

דעם גרעסטן דערפאָלג האָט געהאַט דאָקטער שטערצער. דער טשער־נאָוויצער דאָקטער האָט געהאַט אַ שנײַדנדיקע קאָמאַנדע־שטים, אַ יוגנט־לעך־שלאַנקע פיגור, האָט ער דערמאַנט אין אַן אָפיצער, וואָס קאָמאַנדע־וועט געמיטלעך און דערבײַ אײַנדרינגלעך מיט אַ קאָמפּאַניע סאָלדאַטן אין אַ טשערנאָוויצער קאַזאַרמע. דער עולם האָט זיך געלאָזט מושטירן פון זײַנע רייד, וואָס האָבן אויטאָריטעטיש און קאַמעראַדיש באַפוילן אין זינען צו האָבן, אַז די וואַלן צום ווינער רײַכסראַט קומען פאָר אין חודש מײַ און אַז איעדער, וואָס צאָלט 5 פלאָרין אַ יאָר שטײַערן, איז אַ ווילער און דאַרף ווילן אים, דאָקטער שטערצערן, וואָס וועט מיט דער זעלבער שײַ־נער שטימע ווי אַדאָ אַרומקאָמאַנדעווען מיט די מיניסטאָרן לטובת די אַלט־קאָזמינער מאָלדאַוואַנעס און די נײַ־קאָזמינער שוואָבן.

די פאַרזאַמלונג האָט אָנגעהויבן זיך פונאַנדערצוגייען. שוואָבן האָבן געשניטן דעם וועג איבער אַבאָרעס און גערטנער פון הינטער דער טרי־בונע, זיך געאײַלט צו די שיינע שטיבער בײַם נײַבורגער שליאַך, וווּ ווײַב און קינד האָבן געוואַרט מיט די קאַלט־געוואָרענע זונטיקדיקע געקעכצן אויפן פּריפּעטשיק. מאָלדאַוואַנעס האָבן זיך, ווי זייער שטייגער איז, פוילבלעך און פאַרטאָן אין צעצויגענע שמועסן פאַרנומען ווער איבערן הויף, וואָס בײַם קלויסטער, און ווער מיטן שטראָז אויף רעכטס צו די שטרויענע דעכער בײַם זוים פונעם וואַלד. מ׳האָט זיך אומגעקוקט, זיך אָפּגעשטעלט און באַגלייט מיט די אויגן די רעדנערס וואָס האָבן זיך גע־האַלטן אונטערן אָרעם און געגאַנגען מיט אַזעלכע דריבנע טריט, אַז ס׳האָט זיך געדאַכט, זיי וועלן קיין מאָל נישט פאַרטיק ווערן מיט די עטלעכע און צוואַנציק מעטער וועג פון דער טריבונע ביז צו דער בריטשקע, וואָס האָט געוואַרט אויפן שטראָז.

דער גלח מיט פריצן האָבן אײַנגעטענהט, זיך מיט זשעסטן געפרעגט און מיט די קעפּ פּאַטאַקעוועט. דאָקטער שטערצער האָט געפירט זײַנע אויגן מיט אַ מילדן קאָמאַנדע־בליק שפּאַצירן איבער די הײפעלעך וואַר־טנדיקע מאָלדאַוואַנעס, געזוכט די האָספּאָדאַרעס, וואָס צאָלן 5 פלאָרין אַ יאָר שטײַערן, געהאַט אַ באַדערפעניש יעדן פון זיי צו זאָגן אַ גוט וואָרט, יעדן פון זיי צו פאַרזיכערן, אַז ער, שטערצער, וועט זיך אָננעמען זייערע

קריוודעס אין ווין. זײַן בליק איז געפֿאַלן אויף אַ פֿויער, אַ הויך געוואַקסענעם מיט אַ שטרענגער סאָלדאַטישער וואָנצע וואָס איז געשטאַנען אַ פּאַרטראַכטער אויף צווײ געשפּרייצטע פֿיס אין פּאָסטעלעס אַזוי תּקיפֿותדיק און סטאַטעטשנע גלײַך ער וואָלט געווען נישט נאָר דער רײַכסטער אין דאָרף, נאָר אויך דער אָנגענומענסטער בעל־עצה. דער פֿויער איז געווען דער האַלב צוגעדולטער לוקאַ ברינדזע, דער דאָרפֿס־קבֿרן פֿון אַלטקאַזמין. צוליב זײַן חשיבֿותדיקן אויסזען, וואָס האָט זיך ניט געגראַמט מיט זײַן אָרעמקייט און מיט זײַן טעמפּקייט, איז ברינדזע געווען דער ציל פֿון חוזק און שפּאָט אין דאָרף. יונגוואַרג פֿלעגט זיך מיט אים שפּאַסיק באַגריסן:

— גוט מאָרגן, דאַמנולע גראָפֿאַר! (הער קבֿרן!) פֿאַר וואָס וואַקסן ניט קיין האָר אויף אײַער קלוגן קאָפּ? עלטערע בעלי־בתּים אין קרעטשמע האָבן אים ליב געהאַט צו פֿרעגן, פֿאַר וואָס ער האָט נישט חתונה געהאַט.

לוקאַ איז בטבֿע געווען אַ שטילער און הכנעהדיקער, נאָר אויף אַזעלכע פֿראַגעס האָט ער געענטפֿערט מיט כּעס, מיט גראָבע רייד, מיט מיאוסע קללות און צו מאָל זיך אויך פֿאַרמאָסטן מיט דער האַנט. עולם האָט געלאַכט און זיך אָפּגערוקט אין אַ זײַט.

אַז די רעדנערס זײַנען שוין געווען נאָענט בײַם שטראָז, האָט ברינדזע מיט גרויס ערנסט אַראָפּגענומען פֿון קאָפּ די קוטשמע. ס׳האָט זיך באַוויזן אַ נאַקעטקייט, וואָס האָט זיך געצויגן איבערן גאַנצן פּעדערשטן שאַרבן און עפּעס דעריבער.

דעם פֿויערס וואַזשנער פּליך האָט אין דאָקטער שטערצערס אויגן אויפֿגעלויכטן מיט סענטימענטאַלער דערמאָנונג צו זײַן זיידן דעם ראָשער קאָלאָניסט. אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל פֿון לײַטזעליקער פֿאָלקס־חכמה, פֿון דערפֿאַרונג מיט נאַטור און מענטשן האָט געררוישט אונטערן זיידנס פּאַטריאַרכאַליש־שטרענגן פּליך. דאָקטער שטערצער האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿון פּריץ טײַפּעלס אָרעם, איז צוגעגאַנגען צו ברינדזען און אים מיט הכנעהדיקער פֿרײַנדלעכקייט אַ פֿרעג געטאָן אין אַ געמוטשעטן רומעניש:

— וואָס טוט עפּעס אײַער גאַספּאַדינע?

— כ׳האָב נישט קיין ווײַב — האָט לוקאַ גראָב אָפּגעענטפֿערט.

— שוין לאַנג געשטאָרבן? — האָט זיך דער דאָקטער מיט נאָך מער ליבלעכקייט נאָכגעפֿרעגט — און די קינדער מן־הסתּם שוין אויסגעגעבן,

שווער אַליין בײַ דער אַרבעט?! — האָט ער דעם אַלטן געוואָלט גלעטן מיט אַ ביסל רחמנות.

אַ שווערע ביינערדיקע האַנט האָט זיך אַ הייב געטאָן מיט זאַמאַך קעגן דאָקטער שטערצער. מ׳האָט דעם אַלטן בײַ צײַטנס צוריקגעהאַלטן.

נאָך אין זעלבן אָוונט האָט דער זשאַנדאַרן־וואַכמײַסטער פּיהוליאַק (אַ כיטרער גאַליצישער אוקראַינער מיט פאַרלאָפענע שוואַרצע אויגן) געשיקט אַ ספּעציעלן קוריער צום נײַבורגער קרײַזהויפּטמאַן מיט דער „גאַנץ פאַר־טרויליכער" מעלדונג, אַז די באַפעלקערונג האַלט זיך אין אויסטשוכען פון דער רעוואָלוציע: מ׳האָט דעם קאַנדידאַט דאָקטער שטערצער אויסגע־פײַפט און צעפּאַטשט.

11

די קראַטקעס

ערב דעם יידישן פסח האָבן אָנגעהויבן צו אַרבעטן די נײַ־געוויילטע בירגערמײַסטערס, די בירגערמײַסטערס פון דער רעוואָלוציע. אין דער קאָזמינער דײַטשער קאָלאָניע האָט גוסטאַוו ענגעלסעס פּלאַץ פאַרנומען זײַן שונא פּריץ טײַפּעל. אין דער קרײַזשטאָט נײַבורג האָט זיך אין ראָטהויז באַזעצט דער געוועזענער פּײַערלעשער דאָרימעדאָנט מענײַלעק.

מענײַלעק איז אין זײַנע יונגע יאָרן געווען קודם אַ לערן־ייִנגל און דערנאָך אַ געזעלן אין דעם גרעסטן שלאָסער־וואַרשטאַט אין נײַבורג, אין בײַלס שלאָסערײַ, און איז געווען אויסגעבונדן מיט די שטאָטישע בעל־מלאכהס — ס׳רוב ייִדן.

בײַ מאיר־יואל קאָוואַל און בײַ אהרן שנײַדער איז ער גאָר געווען אַ שטובמענטש. בײַ אהרנען האָט מענײַלעק געהאַט חזקה אויף פּורים־גרייט מיט ווישניאַק און בײַ מאיר־יואל קאָוואַל אויף געשמאַקע קעזלעך מיט אַ גוט ביסל פּסחדיקן ווײַן.

דעם צווייטן טאָג פּסח נאָכן עסן זײַנען זיך בײַ מאיר־יואל קאָוואַל אין דער פּעדערשטער שטוב צונויפגעקומען קרובים און פרײַנד בעל־מלאכהס. קאָוואַליעס זײַנען געווען אין גאַנצן אַ צוויי־דרײַ. דערפאַר אָבער איז דאָ געווען דער גאַנצער גלעזערצעך. דער גלעזערצעך באַשטייט פון איין משפּחה — די קראַטקעס. רופן רופט מען זיי קראַטקעס, ווײַל זיי האָבן ליב צו קויפן מציאהס בײַ גויים און זײַנען קיין מאָל נישט בודק ווי אַזוי די „מציאה" איז אַרײַנגעפאַלן צום גוי.

די קראַטקעס האָבן אַלע נישט נאָר איין מלאכה און די זעלבע „נעבן־מלאכה", נאָר זיי וווינען אויך אַלע אין איין גאַס, אין דעם קראַטקע־געסל, דאַווענען אין איין שול, האָבן אַן אייגענעם רבין און אַלע כמעט איין און דאָס זעלבע פּנים. דעם אייגענעם רבין האָבן שטאָט־בעלי־בתים אַן דרך־ארץ אַ נאָמען געגעבן „דער גלעזערנער", די קראַטקעס רופן אים מיט ליבשאַפט „דער יונגערמאַן".

ביי דעם — ווער ווייס וויאַרומעט — קיין נייבורג פאַרוואַגלט געוואָרענעם אייניקל פון אַ רוסישער רבישער גזע האָבן זיך די קראַטקעס געפּראַוועט נאָך ייִנגלווייז. זיי האָבן אים חתונה געמאַכט, זיי זיינען געווען די קוואַטערס ביי זיינע קינדער און זיי האָבן אים מפרנס געווען. דער יונגערמאַן פון זיין זייט האָט זיך ערלעך פאַרדינט די ליבשאַפט פון זיינע חסידים. ער טראָגט אַלע קראַטקעשע דאגות אויפן קאָפּ, ער איז מסדר קידושין, ער איז אַ סנדק ביי זייערע בריתן און דער מספּיד ביי זייערע לוויות. ער שלינגט אַראָפּ אַלע קראַטקישע גרעסערע און קלענערע חטאים און מאַכט זיך נישט־וויסנדיק טאָמער האָט עמעצער פון זיי באַהאַלטן ביי אים „אַ זעלטענע מציאה". קנייטשט זיך די רביצין, ברעכט די פינגער: „שוין ווידער געווען ביים אונטערשטן טויער אַ קראַטקע מיט אַ מציאה", ווערט אָפּ דער יונגערמאַן: „נאַרישע ייִדענע, נאָך אַלץ אַ שענערער ייִד ווי משולם־וואָלף, וואָס באַגנבעט אָרעמע ייִדן ביים שחיטה־געלט און ביי ליכט־בענטשן". דער עיקרשט קאָנען די קראַטקעס נישט פאַרגעסן דעם יונגערמאַן, וואָס ער האָט געטאָן פאַרן אַלטן גאָדל, וואָס איז אַחוץ גלעזער אויך געווען אַ גאַנצער דאָקטער. ער ציט אַ צאָן, שטעלט באַנקעס און אַז מע דאַרף, פאַרהיט ער אָן אָרעם דינסטמיידל פון האָבן אַ ממזר. פאַר אָט דער „קונסט" פון אָפּטרייבעכץ האָט דער אַלטער גאָדל אויף זיך מיט עטלעכע יאָר צוריק געהאַט אַ „שלוס" (פּראָצעס) ביים קרייזגעריכט.

דער יונגערמאַן האָט דעמאָלט נישט גערוט, ער האָט זיך באַדונגען מיטן אַדוואָקאַט, ער האָט גערעדט מיט די עדות און ער אַליין איז געווען אַן עדות און האָט מיט אַזויפיל וואַרעמקייט דערציילט די ריכטער, וואָס פאַראַ גאָלדענער מענטש גאָדל איז, ווי אַזוי ער איז תּמיד גרייט צו העלפן אייגענע און פרעמדע און ווי אַזוי דאָס אומגליק האָט זיך צו אים גענומען אויך נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט נישט געקאָנט צוקוקן דעם צער פון אַן עלנטער יתומה, אַז דער אַדוואָקאַט אַליין האָט דערנאָך מודה געווען:

— נישט איך, נאָר אייער ראַבינער האָט באַפרייט גאָדלען.

דערפאַר אָבער האָט זיך דעמאָלט גאָר מיאוס באַנומען משולם־וואָלף דער פּרנס. צוויי מאָל איז דער יונגערמאַן צו אים געגאַנגען און זיך ביי אים געבעטן ווי ביי אַ גזלן:

— מילא, ר' משולם־וואָלף, די קראַטקעס זיינען ניט קיין ווילנערנערס, זיינען שקצים, האָבן ניט קיין דרך־ארץ פאַר אַ בעל־הבתישן ייִד,

אָבער דאָ גייט דאָך וועגן דער גרויסער מצוה פון פדיון־שבויים. זאָגט דער אַדוואָקאַט, אַז ווען דער ראש־הקהל זאָל קומען עדות זאָגן ביַים „שלוס" באשר גאָדל קראַטקע איז טאַקע אַ פּראָסטער ייִד, נאָר פון דעסטוועגן האָט מען אים ביז איצט נישט געקאָנט נאָכזאָגן קיין שלעכטס, וואָלט דאָס דעם באַשולדיקטן זייער אַון זייער צונוץ געקומען.

משולם־וואָלף האָט רויִק געצויגן דעם רויך פון זיַין בורשטינענעם ליולקע־ציביק, דערנאָך אַ קלאַפּ געטאָן עטלעכע מאָל מיט צונויפגעלייגטע פינגער אויפן דעמבענעם טיש, גלייַך ער זאָל וועלן אָנמעלדן קודם אַז, שאַט, איצט קום איך צום וואָרט, איך משולם־וואָלף הלוי עטינגער, וואָס שטאַם אָפּ פון מאַמעס צד פונעם ש"ך און פון דעם טאַטנס צד קער איך זיך אָן מחותּנשאַפט מיטן רמ"א, בין דער גרעסטער גביר אין שטאָט, פּרנס־הקהל און אָנגעזען ביַי מלכות. איך וועל איַיך זאָגן איין וואָרט, וועט איר אַליין פאַרשטיין:

— ס'איז נישט פאַר מיַין כבוד. — נאָך דער „ד" האָבן זיך מתיקותדיק נאָכגעשיט עטלעכע „ע"׳ס און האָבן פאַרפעסטיקט, אונטערגעשטראָכן דעם כבוד־ע־ע־ע־ע.

דערנאָך אַ קליינע פּויזע און ס'זיַינען געקומען נאָך עטלעכע ווערטער אויף צו פאַרזיסן דעם פּסק:

— ס'איז אויך נישט פאַר איַיער כבוד: פאַרט אַ רביש אייניקל.

דער „פאַרט" האָט דעם יונגנמאַן אַ שטאָך געטאָן אין האַרץ. ער האָט אָבער אָפּגעשוויגן. ער האָט געטראַכט: פאַרט אַנדערהאַלבן פלאָרין אַ וואָך פון דער קהלשער קאַסע — אַ צוגאָב צו דער קראַטקישער פּרנסה.

אַ צווייט מאָל: ר' משולם־וואָלף, דער אַדוואָקאַט זאָגט, אַז איר מוזט איַיך גאָרנישט מטריח זיַין. ס'איז גענוג אַ פּאַפּיר פון איַיך, אַז...

— העניאָלע, זיַי זשע מוחל, גיי אַריַין אין דער אַנדערער שטוב, כ'האָב עפּעס איבערצורעדן מיט זיי.

ביַים יונגנמאַן האָט זיך צעבליט די האָפענונג.

— קומט אַריַין נאָך שבת. איך וויל איר זאָלט מיר שריַיבן אַ בריוו צום פּאָסטאָווער רב. מ'רעדט מיר פון דאָרט אַ שדוך פאַר מיַין העניאָלע. איר קענט דאָך דעם פּאָסטאָווער, — האָט משולם־וואָלף וויַיטער געצילעט די ווערטער — אַ גדול־הדור. איר זענט דאָך, דאַכט זיך, אַ פּאָסטאָווער.

איין אויג האָט זיך בײַ משולם־וואָלפן צעשמייכלט און אומהיימלעך רשעותדיק באַלויכטן די רעכטע העלפט פונעם פּנים ביז צו די סאַמע שפּיצן פון דער ווײַסער כאַרנער באָרד. ער האָט געטראָפן דעם יונגנמאַן אין סאַמע אָנגעוויטיקסטן אָרט.

— אָבער ר׳ משולם־וואָלף, וואָס טוען מיר מיט גאָדלען? פּדיון־שבויים... — האָט פון דעסטוועגן דער יונגערמאַן זיך נאָך אַ מאָל געפּרוּווט.

— לאָזט אײַך אָפּ פון אַזעלכע געשעפטן. קומט אַרײַן נאָך שבת.

תחילת, נאָך דעם ווי גאָדל איז אַרויס פון תּפיסה, האָבן די קראַטקעס נישט אַנדערש ווי געוואָלט אויספּאַטשן דעם פּרנס בפּרהסיה.

— כ׳ל אים אָנפּאַטשן און מיר קילן ס׳האַרץ. — האָט געשריגן זעליג קראַטקע, אַ דאַרער בן־שלשים און זיך געשפּיגן אויף די הענט, גלײַך משולם־וואָלפס פּנים זאָל אים שוין שטיין אָנגעגרייט.

ס׳איז דעם יונגנמאַן דעמאָלט אָנגעקומען מיט צרות זיי אָפּצוהאַלטן. איצט אַז ס׳זײַנען אַוועק עטלעכע יאָר, האָט מען אַלץ פאַרגעסן. ס׳פּאַלט קיינעם פון זיי נישט אײַן, נישט דעם אַלטן גאָדל און נישט אַפילו זעליג שגץ, אַז היות ס׳איז דאָ אַ נײַער קייסער און אַ נײַער בירגערמײַסטער איז אויך געמאָלט אַ נײַער פּרנס.

דעם יונגנמאַן איז עס אײַנגעפאַלן שוין לאַנג און געזאָגט האָט ער עס אַנומלט בסוד־סודות אי גאָדלען, אי זעליגן און נאָך עטלעכע קראַטקעס. זעליגן האָט ער געגעבן אָנצוהערן, אַז מ׳דאַרף זיך אָן עצה האַלטן מיטן בירגערמײַסטער מענײַלעק.

12

די אַסיפה

מענדעלעק האָט אָנגעזאָגט זײַן פּסחדיקן וויזיט בײַ מאיר־יואל קאָוואַל. דער בעל־הבית, זײַנע געסט און דער עיקרשט די קראַטקעס האָבן געוואַרט אויף מענדעלעקן מיט צאַפּלדיקע הערצער און אומגעדולדיקע פּנימער.

ס׳איז אַוועק אַ היפּשע שעה מיט ווײַן און מיט קעזלעך. ביז גאָדל האָט בײַ זיך געפּועלט צו זאָגן דעם בירגערמײַסטער, וואָס ס׳ליגט די יידישע בעלי־מלאכהס אויפן האַרצן.

מענדעלעק האָט אויסגעהערט גאָדלען, האָט אומגעדולדיק איבערגע־ריסן זעליגן, וואָס האָט זיך געכּעסט, געוואָלט מ׳זאָל טאַקע שוין גיין אַראָפּזעצן משולם־וואָלפן, און האָט זיך געווענדט צו מאיר־יואלן, וואָס איז געשטאַנען אַ זײַטיקער בײַ דער וואַנט, גלײַך נישט בײַ זיך אין דער היים.

— אַדרבא, זאָג דו!

אַלעמענס אויגן האָבן זיך אַ ריס געטאָן צו מאיר־יואלן.

— איך זאָג, — האָט מאיר־יואל זיך צוגעבויגן צום עולם און ווי זײַן שטייגער איז, מיט כּוח צוגעקלאַפּט און אויפגעקלאַפּט די לעפצן, געאַר־בעט מיט זיי ווי מיט אַ פּענכער אויף צו צעבלאָזן אַ פײַער — איך זאָג, אַז וואָס הייסט דאָס שלאָגן, ווי איז דאָס געהערט געוואָרן, שלאָגן? מ׳דאַרף עפּעס פון משולם־וואָלפן, דאַרף מען גיין פאַרלאַנגען.

— און אַז ער וויל נישט מיטן גוטן? — איז זעליג אונטערגעשפּרונגען אַ צעהיצטער.

— אַז קהל וויל, מוז משולם־וואָלף נאָכגעבן.

אַלע האָבן מיט אַ מאָל נאָכגעזאָגט: „אַז קהל וויל, מוז משולם־וואָלף נאָכגעבן״, נאָכגעזאָגט גלײַך זיי וואָלטן עס וועלן לערנען אויף אויסנ־ווייניק.

— וואָס זשע וויל קהל? — האָט זיך ווײַטער געהיצט זעליג.

דער בירגערמײַסטער מענדעלעק האָט אַ טאַפּ געטאָן זײַן אויסגע־פּוצט וואָנצעלע, צי ס׳איז חלילה נישט פאַרנעצט געוואָרן פונעם אָקאָרשט

אויסגעטרונקענעם גלאָז וויַין און מיט חשיבות פון אַ מענטשן וואָס העלפט מיטשאַפן אַ נײַע תקופה אין אַלטן רײַך, גערעדט צום עולם חצי יִדיש, חצי דײַטש.

— מאַן מוז שיקען אײַנע דעלעגאַציאָן צו משולם־וואָלפן און זאַגען אונגעפער פאָלגענדעס: האַריב משולם־וואָלף, זײַנע מאַיעסטעט האָט מיט פּאַטענט פאָן פערטן מערץ דעס יאַרעס 1849 (די דאָטע איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט אַ טאָן, גלײַך עס זאָל געווען זײַן אַ פערטער מערץ פון מיט אַ סך יאָרן און נישט פון מיט עטלעכע וואָכן צוריק) געגעבן די יִדן פאָלע רעכט. מיר זענען, גאָט זײַ דאַנק, בירגער גלײַך מיט אַלע, האָבן בערײַטס געוויילט צום געמיינדע־ראַט און ווערדען מיערצשעם אויך וויילן אין מײַ צום רײַכסראַט דעם דאָקטער שטערצער ווי איין מאַן (דאָ האָט זיך דער בירגערמײַסטער אָפּגעשטעלט גלײַך ער וואָלט וועלן אַרויסהערן פונעם עולמס אָטעם: „מיר לייגן אַרײַן צעטלען נאָר פאַר דאָקטער שטערצער") און אַז צו זײַן אויער איז גאָרנישט דערגאַנגען, האָט ער אַ זאָג געטאָן הויך: „ניכטוואָר נור דען דאָקטער שטערצער?". „וואָדען?", האָבן אַלע מיט אַ מאָל אָפּגעענטפערט. זעליג האָט זיך אַ היץ געטאָן צום בירגערמײַסטער מיט חניפה: „וועמען דען וועלן מיר וויילן? דעם פרעמדן רוח קעשמאַן, וואָס טראָגט אַ יִדיש בערדל און איז אַ שונא־ישׂראל? אים עט וויילן משולם־וואָלף". מענײַלעק האָט פאַר תענוג אַ קלאַפּ געטאָן מיטן מעשאָפן שטעקעלע אין די כאָליעוועס. „ווי גלײַכבאַרעכטיקטע בירגער האָבן מיר אַ רעכט אויך צו וויילן דעם פרעזידענט פון „קאָל". וויר פאָדערן זי אויף האַריב משולם־וואָלף (מענײַלעק האָט דערפילט, אַז ער זאָגט עפּעס וויכ־טיקס. ער האָט זיך אויפגעהויבן פונעם בענקל, אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג פון זײַן שלאַנקן גוף, אויף וועלכן דער קאָפּ איז איצט געזעסן מיט אַ געמאַכטער ווערדע) צו רעזיגנירן אונד אויסצושרײַבן נײַע וואַלן".

דער עולם האָט אָנגעקוואָלן.

— אַזוי דאַרף מען אים זאָגן! — האָבן פּאַטאַקעוועט איינס נאָך ס׳אַנ־דערע די עלטערע און יִינגערע קראַטקעס. אַלע זײַנען איצט געווען זיכער, אַז משולם־וואָלף וועט נאָכגעבן.

— יאָ, — האָט זיך זעליג אַ קראַץ געטאָן אין קאָפּ — מ׳מוז דאָך, הער בירגערמײַסטער, פאַרלאַנגען פון משולם־וואָלפן ער זאָל פאַרביליקן דעם אַקציז אויף שחיטה און בענטשליכט.

— גוייִשער קאָפּ, — האָט אים מענײַלעק געמוסרט. — ביליקער מאַכן שחיטה־געלט און בענטשליכט וועט דער נײַער פּרעזידענט (מאיר־יואל האָט זיך נאָך טיפער אַרײַנגערוקט אין דער וואַנט, זיך געוואָלט אויס־באַהאַלטן פאַר מענײַלעקס בליק).

13

ביים הויז פון ראש־הקהל

דינסטיק, צווייטער טאָג חול־המועד. די גאַסן נאָך לײדיקע, אויסגעבעטע מיט מאָרגנדיקער קילקייט. פון זײַטן־געסלעך קומען אַרויס ייִדן אין שטרײַמלעך, אין סאַמעטענע קאַפּעליושן מיט סאַמעטענע טלית־זעק אונטערן אָרעם איינציקווײַז, זאַלבע צווייט, זאַלבע דריט. פון די בעלי־מלאכישע גאַסן קומען גאַנצע מנינים מיט אַ מאָל. קאַפּעליושן קײַלעכדיקע פון שוואַרצן טוך, טלית־זעק פון ווײַסער, גלאַטער לײַוונט. פון וואַשן אײַנגעלאָפענע, פאַרבלאָזטע, צײַגענע הויזן דעקן אויף דעם צוג פון נײַע פסחדיקע שטיוועלעטן, וואָס שוועבן מיט זייערע גערדיכטע פּאָדעשוועס איבערן אויסגעשאָטערטן טראָטואַר. דער לינקער אָרעם האַלט דעם טלית־זאַק, די לינקע האַנט שפּילט זיך יום־טובדיק אויפגעראָמט אויף דער פּלייצע. די רעכטע האַנט טענהט אײַן, האַלט דעם שכן בײַ אַ קנעפּל, בעט זיך מ׳זאָל איר בעל־הבית אויסהערן.

ס׳באַוויַיזן זיך די קראַטקעס. זעליג צווישן די ערשטע גאַנץ פאַרנט. אַ יונגער קראַטקישער אײדעם, וואָס איז ערשט מיט עטלעכע וואָכן צוריק אַרײַן אין דער משפחה, האָט אַ באַדערפעניש צו ווײַזן, אַז ער איז אַן אייגענער צווישן ווײַבס קרובים. ער קוקט זיך אום: „וווּ איז דער פעטער גאָדל?״ ער לויפט צו צו זעליגן: „מ׳דאַרף אַ קוק טאָן פאַר וואָס ס׳פעלט דער פעטער גאָדל״.

— מ׳ווייסט שוין אָן דיר. דער פעטער גאָדל איז אין דער דעלעגאַציאָן.

דער נאַרישער אײדעם איז צוריקגעלאָפן צום יונגוואַרג. ער איז פאַרשעמט און לעבט איבער זײַן נאַרישע פראַגע.

— דער פעטער גאָדל איז אין דער דעלעגאַציאָן, — דערציילט ער דעם יונגוואַרג. פרווט פאַרווישן דאָס אומאָנגענעמע געפיל פון זעליגס ענטפער.

דער עולם ציט זיך צו דער פריצישער גאַס, צו משולם־וואָלפס הויז. פאַר משולם־וואָלפס הויז איז שוין געשטאַנען אַ היפשער עולם ייִדן.

ס׳האָט זיך געפילט אַן אומרויִקייט. דער דעמבענער טויער פונעם הויז איז פאַרמאַכט. ס׳הייסט אַז משולם־וואָלף איז ערשט אויפגעשטאַנען, טוט זיך אָן.

— וואָס הייסט, ס׳הייסט? — האָט זיך זעליג געהיצט.

— ס׳הייסט, — מאיר־יואל האָט אַ צי געטאָן דעם גלאָק, איז אַרויס־געקומען די שפחה פונעם אונטערשטן טויער דורכן הויף און געזאָגט, אַז דער בעל־הבית טוט זיך אָן. „אַ מענטש מעג זיך דאָך קודם אָנטאָן, איידער ער נעמט אויף אַ דעלעגאַציאָן״, — האָט שימעלע לייַכטער־מאַכער זיך געדרייט אויף די קנאָפּעלעך, געערעדט ווי זייַן שטייגער האַלב ערנסט, האַלב איראָניש.

מיט אַ מאָל. אַלעמענס אויגן אָנגעשפּיצט צום פענצטער, וואָס רעכטס פונעם דעמבענעם טויער. דער עולם, וואָס איז געשטאַנען עפּעס ווייַטער, האָט זיך אונטערגערוקט נעענטער. בידעריקע האָבן זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פינגער, געוואָלט אַריבערזען איבער די פעדערשטע. „וואָס זאָגט זי?״, האָבן די אונטערשטע דערקוטשעט.

— שאַ, לאָמיר הערן! — האָט מען אָפּגעוועריט.

אין האַלבגעעפנטן פענצטער האָט זיך באַוויזן משולם־וואָלפס כלה־מיידל, העניעלע. אַ גרויסע געבויגענע נאָז האָט פאַרשטעלט אַ שמאָל צאַרט פּנים. דער רויטער וואָלענער שאַל אַרום דעם האַלדז האָט אונטער־געשטראָכן אירע קויל־שוואַרצע האָר. פון אונטער דער נאָז האָט זיך דער־הערט אַ קראַקנדיק קול. ס׳האָט אויסגעזען: אַ ראָב איז געקומען אָנזאָגן אַ שוואַרצע בשורה.

— דער טאַטע לאָזט זאָגן, — האָט העניעלע געקראַקעט מיט איר פאַרכרופּעט קול, — אַז ער איז געגאַן דאַוונען.

— וואָס האָט ער געלאָזט זאָגן? — האָט מיט אַן איבערגעשראָקענעם פּנים איבערגעפרעגט מאיר־יואל קאָוואַל, וואָס איז אין איינעם מיט גאָדל קראַטקע און מיט די איבעריקע יידן פונעם שליחות געשטאַנען נאָענט בייַם הויז.

דאָס כלה־מיידל האָט איבערגעחזרט דעם אייַנגעלערנטן פּסוק:

— דער טאַטע האָט געלאָזט זאָגן, אַז ער איז געגאַן דאַוונען. ס׳איז דאָך הייַנט יום־טוב... — האָט זי פון זיך אַליין צוגעגעבן אין אַ צניעותדיקן מוסר־טאָן.

העניעלע האָט אויף דער גיך פאַרהאַקט דאָס פענצטער.

דער עולם איז געבליבן שטיין אַן אַפּהענטיקער, אַ געפּלעפּטער. מ׳האָט אַרומגעסטאַמפּעט די שליחים. אויגן האָבן בײַ זיי געמאָנט, מיט פּחד געפרעגט: „וואָס טוט מען?"

פון די הינטערשטע רייען האָט זיך פּלוצעם דערהערט יאָסל יונגס געהירזשע:

— ווי לאַנג לעבט ער, משולם־וואָלף, צי ער איז געגאַן דאַוונען. ער זיצט אין דער היים און פרעסט אומגעדאַוונט.

— איי מיט אײַנגעהאַקטע ציבעלעס — האָט אונטערגעכאַפּט אַ גראָב קול פונעם אַנדערן עק.

— מ׳עט זיך מוזן צואײַלן מיט דער קדושה. יידל באַדנער סלינעט שוין נאָכן פרעס, — האָט געשפּאָסט שיִע זייגערמאַכער.

דער שפּאַס האָט געווירקט. די פריערע אָנגעצויגנקייט האָט גענומען נאָכלאָזן און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז דער עולם וועט זיך פונאַנדערגיין.

אויף זײַן פּלאַץ נאָענט צום פענצטער איז געשטאַנען גאָדל אַן אָנגעצונדענער פון שׂנאה. ער האָט ניט געהערט ניט יאָסל יונגס געהירזשע, ניט שיִע זייגערמאַכערס שפּאַסן. זײַנע אויגן, זײַן מוח, זײַן גאַנצער גוף האָבן נאָר געהערט: „ס׳איז ניט פאַר מײַן כבוד" — דער טאַטע לאָזט זאָגן...

— זאָג דעם טאַטן דײַנעם, — האָט גאָדל אַ געשריי געטאָן — ס׳זאָל אים אַ רוח אין טאַטן פערסטאַטן. זיך ווייניק אָנגעגנבעט בײַ קהל, וויל ער ניט רעדן מיט יידן?

— ער וויל ניט רעדן מיט יידן... „דער טאַטע לאָזט זאָגן"... אין גע־ריכט אַרײַן זאָגן אַ גוט וואָרט און ראַטעווען אַ ייד פון תּפיסה שטייט אים נישט אָן.

אומגעהאַמעוועט און ווילד האָט זיך די שׂנאה צעפלאַקערט אין גאָדלען. און מיט אַ מאָל זיך אָנגעבויגן, אויפגעהויבן אַ שטיין און איידער די נאָ־ענטסטע לעבן אים האָבן אים צײַט געהאַט אָפּצוהאַלטן, אַ זעץ געטאָן אין פענצטער. פון דער שטוב האָבן זיך דערהערט געוואַלדעס. די געוואַלדעס האָבן זיך אויסגעמישט מיט די געשרייען און קללות פונעם עולם. אין דעם געקנויל פון קולות און בײַ־קולות פון קעפּ, הענט און שטיינער האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז עפּעס איז דאָ פּלוצעם אויסגעוואַקסן אַ ריז פון הינטער די הרי־חושך, האָט אײַנגעשלונגען מנינים יידן, די איבעריקע באַהאַלטן אין די הונדערטער קעשענעס פון זײַן ברייטן געוואַנד, און העלפט זיי טאָן

די אַרבעט פון חורבן, די אײַנגעשלונגענע ייִדן שרײַען אַרויס קללות פונעם ריזס שלונט, די ייִדן פון די קעשענעס (געזעצטע בעלי־בתּים ווי חנא אײַזן־געוועלבער, יאָסיע מלמד, אַברהם רײַנע־לאהס האָבן זיך אויך מעשׂה לצנות אַהין אַרײַנגעגנבעט) וואָרפן גרויסע, קליינע שפּיציקע שטיינדלעך ווי פּשוטע ווײַסע־חברהניקעס אין אַ זומער־טאָג בײַם טײַך. פון די שכנות־דיקע שטיבער זײַנען אַרויס ווײַבער, מיידלעך, קינדער, האָבן געקוויטשעט, געבראָכן די הענט, געוויינט פאַר שרעק.

אַז פון די שויבן איז שוין נישט געווען קיין זכר און פון די הילצערנע ראָמען איז נאָר געבליבן דער אונטערשטער בײַשטידל, האָט זיך ווי פון דר'עדר געיאָוועט זעליג שגץ. ער האָט אָוועקגעלייגט זײַנע קרעפטיקע דלאָניעס אויפן דעמבענעם ברעטל, אַרויפגעצויגן דעם ביינערדיקן גוף, אַ פאָכע געטאָן מיט דער אונטערשטער פאָלע פונעם זשאַקעטל און מיט דער פלינקייט פון אַ קאַץ — שוין געווען אינעווייניק בײַ משולם־וואָלפן אין מעבל־שטוב. עטלעכע ייִנגערע קראַטקעס זײַנען נאָכגעשפּרונגען.

— עפענען דעם טויער! — האָט עמעצער אַ קאָמאַנדע געטאָן.

ס'האָט זיך דערהערט אַ געקרעכץ פון אַ ריגל, אַ לאַנגער, אַ ברייטער, וואָס האָט ליב מ'זאָל אים שלעפּן פּאַוואָליע, ווײַל די באַקעס זײַנען אים צעפרעסן פון זשאַווער און אַ קורצער געקוויטש פון אייבערשטע ריגעלעך, וואָס האָבן מורא אַרויס פון דער נעסט. די צוויי דעמבענע טויער־פליגלען, באַצירטע מיט שניצערײַען ווי מיט עפּעס אַ געהיימער שריפט, האָבן זיך געגעבן אָן אַ זײַט, זיך צוגעטוליעט צו די ווענט און פרײַ געמאַכט דעם וועג צו משולם־וואָלפס שטיבער.

אין די שטיבער איז קיינער נישט געווען. דער עולם האָט, דאַכט זיך, פאַרגעסן וועגן וואָס מ'איז אַהער געקומען. מע האָט געשפּאַנט פון איין צימער אין אַנדערן, מען האָט באַוווּנדערט די מעבל, באַטאַפּט דאָס גלאַנציקע האָלץ, אָפּגעמבינט דאָס בראָקאַטענע טישטעך, אויפגעמאַכט די גלעזערנע שאַפע, געטשמאָקעט פאַרחידושט איבער דעם שיינעם חנוכּה־לעמפּל, איבער דער גילדענער אתרוג־פּושקע און אַנדערע טײַערע חפצים. אַ הײַפל ייִדן איז שטיין געבליבן בײַם ספרים־אַלמער, זיך ניט געקענט אָפּרײַסן פון די גרויסע אין לעדער געבונדענע גמראס מיט גילדענע אותיות אויפן רוקן. יאָסיע מלמד האָט אַראָפּגענומען פון דער פּאָליצע אַ מוסר־ספר, אָנגעהויבן בלעטערן, זיך פאַרהאַלטן בײַ ערגעץ אַ זײַטל, געלייענט, האָט

גענומען אַ שמעק טאַבעקע, געשאָקלט מיטן קאָפּ און צו זיך אַליין גערעדט:
אר־האַ, מתוק מדבש!

אויך די קראַטקעס האָבן זיך שוין באַרויִקט, איַינגעהאַלטן דעם כעס. פון דעסטוועגן האָבן דער אַלטער גאַדל, זעליג שגץ, מאיר־יואל קאָוואַל גוט געדענקט, אַז מ׳איז געקומען רעדן מיט משולם־וואָלפן. זיי האָבן אים גע־זוכט. אויפן קאָרידאָר, וואָס פירט צו דער קיך, איז זיי אַנטקעגנגעקומען די וואָלעכישע דינסט מיט אַ פאַרזאָרגט פּנים און מיט אַ וויינענדיק קול:

— וווהין גייט איר, בעלי־בתים? די פּריצה איז קראַנק, האַלט אין איין חלשן. דער פּריץ האָט געכאַפּט אַ שטיין אין דער זײַט, האָט ווייטיקן. מוז ער פון דעסטוועגן שטיין און מינטערן די פּריצה.

אַלע דרײַ וואָלטן זיך שוין גערן אומגעקערט, אָבער זעליג האָט זיך אָנגעטאָן אַ כּוח:

— זאָג דעם בעל־הבית, אַז מיר ווילן מיט אים רעדן.

אַנטקעגן איבער האָט זיך געעפנט אַ טיר. ס׳האָט זיך באַוויזן משולם־וואָלף. אַ ברייטער שטערן ווי אַן אָפּענער אַלמער. קליינע אויגן באַהאַלטן זיך אונטער שווערע ברעמען. אַ גראָע הדרתדיקע באָרד. עפּעס שײַנט פון דעם פּנים אַ מילדקייט, וואָס איז פרעמד אַלע דרײַ שליחים. זיי האָבן נאָך קיין מאָל אַזאַ פּנים בײַ משולם־וואָלפן ניט געזען.

משולם־וואָלף האָט זיך געהאַלטן מיט דער רעכטער האַנט בײַ דער זײַט, צוגעדעקט דעם ווייטיק, ער זאָל זיך ניט ווײַזן פאַר מענטשן. די לינקע האַנט האָט לײַכט געשוועבט איבער דער גרויער הדרתדיקער באָרד. ער האָט ניט געוואַרט, אַז די שליחים זאָלן אָנהייבן רעדן. ער האָט גע־ווּסט, ווי שווער עס קומט זיי אָן.

— ס׳איז איבעריק געווען אײַער קומען, — האָט משולם־וואָלף גע־פּרעפּלט שטיל און ווייך, — כ׳האָב נאָך נעכטן מודיע געווען דעם קרײַז־הויפּטמאַן, אַז מײַן געזונט דערלויבט מיר ניט צו זײַן פּרנס־הקהל. אָט איז דאָס כּתב, וואָס כ׳האָב דערלאַנגט דעם קרײַזהויפּטמאַן אויף דײַטש.

זעליג האָט אַ נעם געטאָן ס׳פּאַפּיר אין דער האַנט אָן שום נצחונות, כּמעט גלײַכגילטיק. זעליג און נישט גאַדל און אוודאי נישט מאיר־יואל האָבן איצט נישט געפילט קיין שום שׂנאה צו דעם שיינעם ייִד, וואָס שטייט פאַר דער טיר פון זײַן שלאָפצימער, וויל פאַרשטעלן מיט דער פּלייצע די ספּאַז־מאַטישע יללות פון זײַן פרומען ווײַב, וואָס קען נישט פאַרשטיין למאי משולם־

וואָלף איז ס׳גאַנצע לעבן געווען אַ שמאַטע, האָט זיך געחברט נישט מיט זײַנס גלײַכן און איצט נעמט ער און זאָגט זיך אָפּ פון פּרנס, ווײַל אַזוי ווילן שנײַדערוקעס און גלעזערס.

— שאַ־שטיל, וואָס הייסט עפּעס שעלטן יִידן? — האָט זיך משולם־וואָלף אײַנגעשטעלט, אַרײַנגעשריגן מיט רוגז דורכן טירשפּאַלט צו זײַן ווײַב.

די שליחים איז נישט באַקומען זייער נצחון. זיי האָבן געהאַט דאָס פּיינלעכע געפיל, אַז זיי האָבן מלחמה געהאַלטן מיט אַ געפאַנגענעם, מיט אַ געבונדענעם, מיט איינעם, וואָס האָט נישט זײַן אייגענעם ווילן.

14

הערש־לייב און זעליג

אין דײַטש־קאָזמין איז די פעלדאַרבעט געווען אין פולן גאַנג. טייל האָבן ערשט געאַקערט, אַנדערע האָבן שוין געזייט פרילינגווייץ, געזעצט קאַרטאָפל. ס׳זײַנען שוין געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געקאָנט הנאה האָבן פון דער שיין אויפגעגאַנגענער ווינטער־זריעה. בײַ הענעך אָרטשיקן, דעם איינציקן ייִד אין דאָרף, האָט מען, ווײַל ס׳איז געווען חול־המועד, געאַרבעט נאָר דאָס נייטיקסטע בײַ דער שטוב. דער אַלטער אָרטשיק האָט געמאַכט הקפות אַרום דעם הויז, אַרום דעם שטאַל, אַרום דעם שײַער, נאָכ־געקוקט צי מ׳דאַרף נישט עפּעס פאַרריכטן. ער האָט דערזען, אַז דער זשלאָב אין ווינקל, ווו ס׳שטייען די יונגע אָגערס, וואָס ער כאָוועט אויף אַ גוטן פרײַז פאַרן מיליטער וואַקלט זיך.

— די כאַלערעס האָבן אים מיט זייערע ווילדע מאָרדעס אַ תּל גע־מאַכט, — האָט אָרטשיק צו זיך אַליין גערעדט, הנאה געהאַט טראַכטנדיק, אַז דאָס איז אַ סימן געזונט, אַ סימן, אַז די בלוטן רירן זיך בײַ די יונגע לאָשעקעס.

ער איז אַרויס פון שטאַל, האָט באַקוקט די עטלעכע קלאָפּטער ברענ־האָלץ, וואָס זײַנען איבערגעבליבן נאָכן ווינטער און ליגן צונויפגעלייגטע צווישן דער הילצערנער וועראַנדע און דער געמויערטער זומערקיך. עט־לעכע שײַטן האָבן זיך אַראָפּגערוקט, צוגעפאַלן צו דער רינווע, אײַנגע־קוועטשט דאָס בלעך און אָפּגעבראָכן דעם אויסגוס־לעפל.

— קריינע, — האָט ער אַרײַנגעשריגן דורך דער אָפענער וועראַנדע־טיר, — אַז וועסט זען פאַרבײַגיין דעם זיזיוואָטע פאַטראַש, זאָלסטו אים אַרײַנרופן, ער אַרבעט בײַ אַ שוואָב אויפן באַרג און גייט צו מיטאָג צו הוביכן אין שענק אַרײַן.. מ׳דאַרף פאַרריכטן די רינווע.

צוריק אַרויפגערוקט די עטלעכע שײַטן האָלץ, האָט אָרטשיק גענומען בודק זײַן די זומערקיך, וואָס שטייט נאָך אַ פאַרמאַכטע, וואַרט אויף די נאָכפּסחדיקע היצן. פון אַ וואַנט האָט זיך אָפּגעלופּעט אַ שטיק פאַרפּוץ,

ס׳איז אַ קלייניקייט, אין אַ זונטיק־פּאַרמיטאָג וועט ער אַליין פּאַרמישן אַ ביסל זאַמד מיט קאַלעך, וועט פּאַרגלעטן די חרפּה נישט ערגער פון אַ מוליאַר. ער ציט אַרויס די שמאַטעס, מיט וועלכע די לעכער זײַנען געווען פּאַרשטאָפּט, און לאָזט אַרײַן אין קיך די וואַרעמע זון זיך צו ספּראַווען מיט דער דומפּיקייט, וואָס האָט זיך דאָרט פּאַרהאַלטן איבערן ווינטער.

ער דערמאָנט זיך: ער האָט אַנומלט גערעדט מיט גוסטאַוו ענגעלן, אַז מ׳דאַרף אַראָפּברענגען זעליג קראַטקע פון נײַבורג, ער וועט האָבן אַ שפּאָר ביסל אַרבעט, זעליג, בײַ אים, בײַ גוסטאַוון, בײַ אַנדערע שוואָבן און דער עיקר׳שט בײַם דײַטשן קלויסטער.

זינט פּריץ טײַפּעל איז בירגערמײַסטער, איז גוסטאַוו ענגעל געוואָרן אַ גאַנצער קלויסטערניק. פּריִער האָט ער אין גאַנצן פּאַרגעסן אָדער ניט געהאַט קיין צײַט צו געדענקען, אַז ער איז איינער פון די דרײַ קירכן־פּאַטערס. איצט איז ער פּרימער פונעם פּאַסטאָר: היט אָפּ די פּרימאָרגנ־דיקע תּפילה, פּאַרפעלט ניט קיין וועספּער, צלמט זיך בײַ יעדן כליפּ פונעם אָרגעל, בײַ יעדן ציטער פונעם קלויסטער־גלאָק, און אַז נישט די געמיינדע, האָט ער זיך גענומען פּאַרוואַלטן די קירך. ווען האָט מען געוואַשן יעדע וואָך דעם שטיינערנעם דיל, פּאַראַכטן אַ באַנק צו דער צײַט און ווען איז דער קירכן־זינגער געגאַן אויסגעפּוצט ווי אַ פּאַסטאָר? איצט געפעלן גוס־טאַוון שוין נישט די אײַנפאַכע שויבן בײַ די הויכע שמאָלע טורעם־פענצ־טער. מ׳דאַרף האָבן, — זאָגט ער, — פּאַרביקע, ווי בײַ דער אָרטאָדאָק־סישער קירך אין נײַבורג.

אָרטשיק האָט באַשלאָסן זיך אַרײַנצוכאַפּן צו גוסטאַוון מיט אים איבער־רעדן וועגן אַראָפּברענגען זעליגן.

— אָ! ווילקאָמען, הענעך, זעץ דיך אַנידער אַלטער קנאַבע, — האָט גוסטאַוו שפּאַסיק באַגריסט אָרטשיקן, — זינט פּריץ האָט דיך געמאַכט פּאַר אַ בירגער, איז דײַן צורה נישט אַנצוזען.

פון גוסטאַווס ווערטער האָט זיך אָרויסגעהערט די ביטערניש פון אַ יורד, וואָס ס׳טוט זיך אים רק אויסדאַכטן, אַז מ׳האָט פּאַרלוירן דעם דרך־ארץ פּאַר אים.

אָרטשיק וואָלט גערן געוועט צו זאָגן גוסטאַוון עפּעס ליבלעכס, אים פּאַרזיכערן, אַז ער גיט נישט אַוועק זײַן ייִנגסטן פינגער פּאַר פּריצס לײַב און לעבן, אַז ער פּאַרשטייט נישט וואָס ס׳הייסט בירגעררעכט, אַז ייִדן,

טאָרן טאַקע ווײַטער נישט קויפן ערד אין דאָרף, נאָר די צונג איז בײַ אָרטשיקן געווען אַ שווערע און טאָמער האָט מען געדאַרפט ענטפערן אויף קנײַלעכדיקע רייד, האָט זי זיך בײַ אים שוין צוגעטשעפּעט מיט זיבן האַ־טשיקעס צום גומען. ער האָט געשוויגן.

גוסטאַוו האָט זיך ווײַטער געבויערט אין זײַן ביטערניש:

— וואָס טוט עפּעס דײַן הערש־לייב? נאָך אַלץ אַ לייענער פון דער בוקאָווינער פּאָסט? מײַן פיליפּ האָט, דאַכט זיך, שוין אויסגע־שפּיגן דאָס פאַרשאָלטענע בלוט, וואָס האָט אים געטריבן צו פאַרראַטן די אייגענע משפּחה צוליב דעם שיינעם שמייכל פון אַ טײַפלישער הור. מיט אים איז געווען, מײַן ליבער אָרטשיק, די זעלבע געשיכטע ווי מיט דײַן גאָטזעליקן לייזער־בער. ס׳האָט גענומען אַ שטיקל צײַט ביז איך בין דערגאַנגען, אַז מײַן פיליפּ שפּילט אַ ליבע מיט אַדאָם מאַנצס מויד.

— מאַנץ, — האָב איך געזאָגט צו מײַן פיליפּן, — דאָס איז אַ טײַפליש געזינדל. מאַנץ און טײַפעל דאָס איז איין הינטיש בלוט. מיט אַ טײַפלישער מויד קאָנסטו נישט זײַן מײַן זון. רעבעל קעגן מיר, קעגן קייסער צוליב דעם בוזעם פון אַ טײַפליש פּרויענצימער?!

— ס׳האָט געהאָלפן, — האָט ער ווײַטער געצויגן דעם שמועס, געהאָט דאָס באַדערפעניש, זיך צו פאַרענטפערן פאַר אָרטשיקן, פאַר וואָס און ווי אַזוי פיליפּ איז געוואָרן אַ רעבעל. — ער האָט זיך אָפּגעלאָזט פון דער מויד און איז געוואָרן צוריק אַן ענגעל. כ׳האָב אויך דעם קרײַזהויפּטמאַן דערציילט די געשיכטע, ער האָט זיך געוווּנדערט, ווי איז דאָס מעגלעך, אַז געראָדע מײַן זון פיליפּ.

און פּלוצעם, מיט אַ געמאַכטער מינע פון פאַרזאָרגטקייט אויף אָנצו־שרעקן אָרטשיקן:

— ער האָט מיך אויך געפרעגט אויף דײַן יונג, דער קרײַזהויפּטמאַן.

אָרטשיק האָט זיך נישט דערשראָקן. פאַרקערט, ער האָט דערפילט גרויס דאַנקבאַרקייט צום קרייזהויפּטמאַן, וואָס פרעגט זיך נאָך אויף זײַן הערש־לייב. הערש־לייב איז בײַ אים היינט דער איינציקער פון פיר זין — דאָס אויג אין קאָפּ.

— האָסט אים כאָטש געזאָגט, גוסטאַוו, וואָס פאַראַ זון איך האָב, — האָט אָרטשיק אַזוי האַסטיק און גלאַט גערעדט ווי נאָך קיין מאָל נית. —

ער איז אַ בחור אויף אַלע מײַנע ליבע. גילדענע הענט און אַן אײַזערנער קאָפּ.

גוסטאַוו איז געזעסן ווי אויף קוילן. ס'האָט אים געאַרט, וואָס דער ייִד מאַכט זיך נישט ווייסנדיק וועגן וואָס ס'גייט; ס'האָט אים פאַרדראָסן, וואָס אָרטשיק וויל זײַן קליגער פון אים, וויל אים, גוסטאַוון, אַראָפּפירן פונעם שמועס; ס'האָט אים נישט געגעבן קיין רו די באַשטעטיקונג, וואָס ער האָט געפונען אין אָרטשיקס ווערטער: מ'האָט שוין מער נישט קיין דרך־ארץ פאַר גוסטאַוו ענגעל.

— אַ רעבעל איז ער, — האָט גוסטאַוו זיך נישט געקאָנט מער אײַנ־האַלטן. — אויף די הענט האָב איך אים געטראָגן און אויסגעכאָוועט אַ רעבעל.

— וואָס רעדסטו, גוסטאַוו, — האָט אָרטשיק ערשט איצט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, — וואָס פאַר אַ רעבעל? ער זעט שוין איצט, אַז די גאַנצע מעשׂה איז ווערט אַן אויסגעבלאָזן איי. מ'האָט געגעבן רעכט? צו וואָס רעכט? רעכט צו ווײַלן פריצן? וואָס טויג עס? מיר דאַרפן רעכט צו קויפן ערד! אַזוי זאָגט ער, מײַן הערש־לייב, און איז גערעכט, כ'לעבן, גערעכט!

גוסטאַווס פּנים האָט זיך אויסגעלײַטערט.

— אַזוי זאָגט ער? — האָט ער געהאַלטן אין איין איבערפרעגן, און אין איין ווילטאָגעריש זיך באַנעצן די אייבערשטע ליפּ מיט דער אונטערשטער.

און אַז אָרטשיק האָט אַלץ נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט, וואָס הערש־לייב זאָגט, האָט גוסטאַוו דערפילט, אַז זײַנע צוויי געפּער־לעכסטע געליבטסטע שׂונאים: הערש־לייב און פילים, זײַנען אומגעפאַלן, ער איז געוועזן איצט זיכער, אַז קייסער וועט נאָך זײַן צוריק קייסער.

שוין מער אָרטשיקן צוליב ווי צוליב דעם קלויסטער, וואָס איז אים איצט ניט געווען אין זינען, האָט גוסטאַוו ענגעל מסכּים געווען, אַז הערש־לייב זאָל מאָרגן אין דער פרי אַרײַנפאָרן קיין נײַבורג און אַראָפּברענגען דעם גלעזער זעליג קראַטקע.

די מײַל וועגס פון קאָזמין ביז צו דער נײַבורגער בריק איז הערש־לייב געפאָרן איבער אַ שעה. ער איז געזעסן אַ פאַרטראַכטער אויפן לעדערנעם זיץ פון דער שיינער געלער בריטשקע, וואָס ער האָט אָנטליגן בײַ גוסטאַוו ענגעל און געלאָזט גיין דאָס פערד נאָך זײַן אייגענעם ווילן. פעלדער פאַרזייט מיט ווינטערווייץ, גרעזלעך, קוים אַרויס פון ערדס טראַכט, רײַסן

זיך צו הימל־בלויקייט, חלומען גדולות, קאָנען נישט די אומפּאַרמײַדלעכע גורלדיקע וועגן פון קעריק צו שטויב. עס איז אַ שטילער, קילער פרימאָרגן, אין וועלכן דער קלאַפּ פון דעם פּערדס פּאָדקאָוועס אויפן האַרטן שטראָז קלינגט אָפּ מיט דער נאַרישער גאווה פון חיות און מענטשן, וואָס האָבן זיך, יאָגן פון קאָזמין קיין נײַבורג און פון נײַבורג קיין קאָזמין, נאָרן אויס בײַ גאָט פאַר זייער באַקוועמלעכקייט וועגן קילע פרימאָרגנס אויף אַהין און אויסגעשטערנטע נעכט אויף צוריק.

בײַ הערש־לייבן אין קאָפּ פּלאָנטערן זיך די עטלעכע שעה, וואָס ער האָט נעכטן פאַרבראַכט בײַ אַדאָם מאַנץ אין שײַער. אויף דרײַ פּיסבענקע־לעך אויסגעזעצט: ער פון איין זײַט, פיליפּ ענגעל פון דער אַנדערער זײַט און בערטאַ מאַנץ אין מיטן. בערטאַ ציט אַלע מאָל אַראָפּ דאָס קלייד אירס, דעקט צו די פיס ביז די קנעכל. זי שטעלט אָן די עלנבויגנס און שטופּט אים מיט פיליפּן אָפּ פון זיך. עס שלאָגט פון איר אַ מחיהדיקע קילקייט און צו דער זעלבער צײַט אַ שׂרפהדיקע היץ. ער לייגט אַרויף זײַן האַנט אויף איר שענקל. זי ווערט ניט אָפּ. דורך זײַן קערפּער לויפט דורך אַ ווייטיקלעד־זיסער דראָזש, דערגרייכט ביז צום מוח און הילט אים אײַן מיט אַ פײַכטן, וואַרעמען נעפּל. די האַנט אַליין, דאַכט זיך, אָן זײַן ווילן, הייבט זיך אויף און טוליעט זיך צאַרט און ווייך צו בערטאַס ברוסט. ער דערפילט אַ קלאַפּ איבערן אָרעם ווי מיט אַ טעמפּן האַקמעסער. בערטאַ און פיליפּ לאַכן, הויך, קײַלעכיק ווילד. דאָס געלעכטער קוילערט זיך איבער אים ווי אַ זאַק מיט ווערעמדיקע ניס. מ׳קאָן דאָס קוילערן נישט אויפהאַלטן, נישט מיט די הענט, נישט מיטן גאַנצן גוף, מ׳מוז אַנטלויפן... ער קאָן זיך נישט אויפ־הייבן.

— האָסט נישט ווו צו האַלטן די הענט? — האָט בערטאַ אויסגעדרייט צו אים איר פליישיק פנים, און געבלענדט ווי מיט אַ שפּיגעלע זײַנע אויגן מיט אירע געזונטע ציין.

— בײַ דער מאַמען הינטערן פאַרטעך, — האָט זיך פיליפּ ענגעל היימיש גראָב איזדעקעוועט איבער הערש־לייבס פאַרלוירנקייט.

— אַ צוצעק! — האָט בערטאַ שעלמיש אַרויסגעשטעלט די צונג, אים גוטברודעריש ברוגזלעך אַ שנאָל געגעבן אין נאָז.

איצט אויפן לעדערנעם זיץ אין האַלבן דרימל פילט ער דעם מוח פונקט אַזוי פאַרנעפּלט ווי נעכטן אין שײַער. ער לאָזט אַרויס די לייצן פון

דער האַנט, שפּרייט אויס ביידע אָרעמס צו בערטאַן, נעמט זי אַרום מיט גלוסטעניש.

די אײַזערנע פּאָרענטשע בײַם זיך האָט אויפגעכאַפּט דעם רעכטן אָרעם, אים שיר נישט איבערגעבראָכן פאַר כעס. ער דערפילט אַ שאַרפן ווייטיק. ער טוליעט צו די האַנט צו זיך, אַלע נעענטער און נעענטער, וויל זי אַרײַנגראָבן אין דער וואַרעמקייט פון זײַן לײַב. דער נעפּל אין מוח איז זיך צעשוווּמען. ער טראַכט איצט ניכטער: בערטאַ איז נישט זײַן גלײַכן. זײַן ברודער לייזער־בער איז דערהרגעט געוואָרן צוליב אַ שוואַבקע. און מיט רוגזה צו בערטאַן און צו פיליפּן: אָבער פאַר וואָס איז ער אַ צוציק? מיט וויפל איז פיליפּ עלטער פון אים? גוסטאַוו ענגעל האָט געגעבן פּעטש, איז פיליפּ אויף גיך געוואָרן אויס רעוואָלוציאָנער. און ער, הערש־לייב, האָט זיך אויסגעטענהט מיטן אַלטן גוסטאַוו, אַז יענער האָט אַזש געשוימט פאַר רציחה.

דער ווייטיק אין דער האַנט האָט זיך אײַנגעשטילט. הערש־לייב האָט זיך אויסגעגלײַכט אויפן זיץ. אויף אַ מרחק פון עטלעכע הונדערט מעטער איז שוין צו זען די נײַבורגער בריק. אַ לײַכטער שמיץ דעם פערד און — פּרר... פּרר... גוט יום־טוב!

קיילע ראַגאַטניטשקע שטייט אַ פאַרפּוצטע מיטן געקראָכמאַלעטן קאַ־לירטן פאַרטעך אַרום דעם קײַלעכדיקן לײַב. אין גאַרטל אַ בונט שליסל, וואָס זאָגן אָן, אַז אָט גייט זי, אָט קומט זי.

— וווּ איז ערגעץ ר׳ יחיאל אין אַ חול־המועד־דינסטיק אין דער פרי?

— גיט הערש־לייב האַפּעדיק אַ פרעג, כדי עפּעס צו פרעגן.

— זײַנע דאגות, — קײַט קיילע אַ שטיקל מצה מיט שמאַלץ און ציי־בעלע, — זײַנען ווערט ווייס איך וואָס, אַוועק מיט אַ גאַנצער טשאַטע קראַט־קעס צו משולם־וואָלפן. זיי ווילן נישט משולם־וואָלפן פאַר פרנס, ס׳שטייט זיי גיכער אָן מאיר־יואל קאָוואַל, אַ גרויסער יחוס: מאיר־יואל קאָוואַל. אַז נישט מאיר־יואל קאָוואַל עט זײַן אַ לאָך אין הימל.

הערש־לייב איז אַריבערגעפאָרן די בריק אין אַ לײַכטן טראָפּ, ניט גע־הערט ווי די ראַגאַטניטשקע האָט אים נאָכגעשריגן, ער זאָל פאָרן פּאַוואָליע, ווײַל ס׳עט נאָך אײַנברעכן דאָס געהילץ צו אַל די גוטע יאָר.

זעליגן האָט ער נישט געטראָפן אין דער היים, ער האָט איבערגעלאָזט

די בריטשקע פאַר זעליגס שטוב און אַליין אַוועקגעשפּאַנט זען, וואָס ס'טוט זיך מיט דער רעוואָלוציע.

דער עולם האָט געהאַלטן אין צוריקגיין פון משולם־וואָלפן. אַ שווערע שטילקייט האָט געהויערט איבער די גייערס ווי ביי אַ לוויה. ערגעץ אין סאַמע געדיכטעניש פון דער לוויה, דאַכט זיך איינגעפּרעסט פון ביידע זייטן פון מענטשן און דאָך אַ פּאַרלאָזענער, האָט זיך גערוקט דער אַלטער גאָדל מיט דריבנע וואַקלדיקע טריט. דאָס פּנים זיינס איז געווען בלייכער ווי דאָס ווייסע שיטערע בערדל, וואָס איז אָפּגעשטאַנען פון די באַקן ווי אַ שלעכט געפלאָכטן קרענצל. די אויגן האָבן געקוקט מיט אַזאַ בליק פון שרעק און שולדיקייט, גלייך ער, גאָדל, האָט דערהרגעט אַ מענטש און האָט איצט די העזה נאָכצוגיין נאָכן הרוגס מיטה. ביי אַ זייט פונעם שטראָז האָט געשפּאַנט מאיר־יואל קאָוואַל, געאַרבעט מיט זיינע שווערע, גראָבע לעפצן ווי מיט אַ בלאָזזאַק, געהאַלטן זיך אַליין אין איין איבערפרעגן און זיך אַליין אין איין ענטפערן. דער לעפצן־בלאָזזאַק האָט זיך מיט אַ מאָל אָפּגעשטעלט און אויף דער גרויסער מיט פרישטשעקלעך ווי מיט קליינע צוועקעלעך אויסגעשלאָגענער נאָז האָט זיך צעלייגט אַנטשלאָסנקייט, די אַנטשלאָסנקייט האָט זיך געלייענט: וואָס טויג מיר דער גאַנצער קלאָפּעט? איך גיי שוין און זאָג מיך אָפּ פון דער ירושה.

הערש־לייב האָט אַרומגעפרעגט מיט די אויגן איבער די קעפּ פון די גייערס, געזוכט זעליגן. ער האָט אים געטראָפן העט צווישן יונגוואַרג און האָט זיך צו אים צוגעלאָנטשעט. זעליג האָט אים נישט באַמערקט. ער איז געווען פאַרטאָן אין אַ שמועס. עפּעס מיט אַ שטיל, טרויעריק קול, וואָס איז גאָר נישט ענלעך געווען אויף זיין געוויינטלעכער שטימע, האָט זיך זעליג געהאַלטן אין איין שווערן פאַר דער יינגערער חברה, אַז ווען ער זאָל זיך אין מיטן דרינען נישט געווען מוזן אַוועקכאַפּן אויף אַ האַלבער שעה אַהיים (אַ פּויער האָט געבראַכט אַ שטיקל מציאה, האָט אים זיין רויזע געשיקט רופן), וואָלט דער פעטער גאָדל נישט געווען אוספּייעט צו וואַרפן שטיינער. ער פאַרשטייט נישט, — האָט זעליג איינגעטענהט, — ווי די מענטשנס שׂכל איז געווען. זיי קענען דען נישט דעם פעטער גאָדל? זיי ווייסן נישט, אַז ס'קריכט אין אים אַריין דער כעס, ווייסט ער נישט וואָס ס'טוט זיך מיט אים.

— און ווו זענט איר, יונגע חברה, געווען, — האָט זעליג געמוסרט זיינע מיטגייערס, געמוסרט אין אַ טאָן, פון וועלכן ס'האָט זיך אַרויסגעהערט מער

פאַרענטפערונג פאַר זיך, ווי מוסר פאַר די אַנדערע — ווי שטייט מען דאָס נישט און מ׳גיט נישט אַכטונג אויף אַן עלטערן מענטש? וואָס הייסט מ׳פאַר־לאָזט זיך אויפן פעטער גאָדל? וואָס איז ער, דער גאַנצער גאָדל? דער וואָזשנער תּלמיד־חכם? דער גרויסער בעל־שׂכל? — האָט זיך זעליג אָנגע־הויבן אַרײַנצורעדן אין אַ כעס קעגן פעטער גאָדל.

— ווער ווייס וואָס דערפון וועט זיך נאָך אויסלאָזן? ווער ווייס, וואָס ס׳וועט דערצו נאָך זאָגן דער בירגערמײַסטער? — האָט זיך דער נײַער קראַטקישער איידעם אונטערגעחנפעט צו זעליגן, בעל־הבתיש אונטערגע־האָלפן זײַנע מוסר־רייד.

און גלײַך דער קראַטקישער איידעם זאָל זיך געוועז האָבן אָפּגע־שמועסט מיטן בירגערמײַסטער, ער זאָל אים טאַקע שוין ענטפערן, וואָס ער האָט בדעה צו זאָגן און צו טאָן, האָבן זיך בײַם עק פון דער פּריצישער גאָס, דאָרט, ווו זי קרייצט זיך מיטן רינגפּלאַץ, באַוויזן די שטאָט־פּאָלי־ציסטן: דער געוועזענער פּרעכטער זאַיאָנץ, אַ דינער קליינער פּאָליאַק, וואָס דער קרומער זעבל בײַ דער זײַט איז פאַר אים צו לאַנג און פּלאָנטערט זיך דערפאַר צווישן די פיס, און דער אויסגעדינטער שטײַער־עקזעקוטאָר פּיק, וואָס זײַן פּאָליציייסקע עובֿדה באַשטייט אין אַרויסכאַפּן נעטאַם, נעסאַם דאָס בלײַערנע פּײַפּל און צו פּײַפן אַן אַ פּאַרוואָס לאַנג און אומגעלומפּערט. אַז פּיק צעפּײַפט זיך, ווערט אויף די סאַמע אומשולדיקסטע מענטשן אַ בהלה און זיי צעלויפן זיך ווו די אויגן טראָגן.

זאַיאָנץ טראָגט איצט אין דער האַנט דעם קרומען זעבל, היט זיך, נישט צו פאַלן איבער אים און גיט אַ געשריי מיט אַ קול, וואָס איז ענלעך צום קרעכץ פון בלעך בײַם בייגן עס:

— האַלט! — און דערנאָך ווי אײַנגעלערנט, — אים נאָמען דעס געזעצעס... (זאַיאָנץ רעדט אַרויס די דײַטשע ווערטער מיט אַן איבערגע־טריבענעם סלאַווישן אַקצענט).

דער עולם איז שטיין געבליבן.

— ווער האָט אויסגעזעצט די שויבן בײַם מעשולים וואָלו? — האָט זאַיאָנץ אַ פרעג געטאָן מיט דער אַמטלעכער מינע פון אַן אויספאָרשער.

דער אַלטער גאָדל האָט זיך אַ ריר געטאָן פאָרויס און זיך געמעלדט בײַ זאַיאָנצן. איידער אָבער דער פּאָליציסט האָט נאָך אויספּייעט צו פאַר־שרײַבן אין זײַן נאָטיצביכל גאָדלס נאָמען, גלײַך ער זאָל אים דאָס ערשטע

מאָל אין לעבן הײַנט האָבן געהערט, איז אַ צעפּלאָשעטער, אַ פאַרסאָפּעטער מער פון אויפרעגונג ווי פון די עטלעכע שפּאַן לויפן, אויסגעוואַקסן זעליג. ער האָט זייער אומפריינדלעך אָוועקגעשטופּט גאָדלען אין אַ זײַט און אַ געשריי געטאָן צו זאַיאָנצן:

— ער זאָגט ליגן דער אַלטער. איך האָב אויסגעזעצט די שויבן און איך האָב געעפנט דעם טויער פאַרן עולם.

זאַיאָנץ האָט אַנגעבויגן דעם קאָפּ אויף אַ זײַט, געקוקט מיט חידוש אויף זעליגן, נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. דערנאָך האָט ער צוריק־באַקומען די טעמפּע, אָמטלעכע מינע, אײַנגעטונקען אַ פינגער אין שפּײַעכץ, אָפּגעמעקט אין נאָטיצבוך די עטלעכע אָנגעשריבענע אותיות פון גאָדלס נאָמען און זיך גענומען ווײַטער פאַרשן.

— און ווער נאָך אַחוץ דיר איז געשפּרונגען צו מעשולים וואָלוו אין די צימערן און באַגאַנגען דעם דעליקט פון פאַרלעצן הויזפרידן לויט פאַ־ראַגראַף 260 דעס שטראָפגעזעצבוכעס?

זאַיאָנץ האָט געגעבן אַ שאַרפן קוק אויף פּיקן, געוואָלט וויסן, צי ער הערט כאָטש ווי ער קאָן אויסנווייניק די פאַראַגראַפן. פּיק האָט נישט פאַר־שטאַנען. ער האָט זיך געכאַפּט צום פּײַפל. זאַיאָנץ האָט אַ דערשראָקענער אָפּגעווערט.

זעליג האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט, נאָכגעקלערט ווען מען קאָן נאָך אַרײַנשלעפּן אין צעטל. ס'זײַנען אים דורכגעלאָפן עטלעכע נעמען פונעם יונגוואַרג. ער האָט זיך אָבער נישט געקאָנט באַשליסן.

— איך בין געווען מיט זעליגן, — דערהערט ער פלוצעם אַן אומ־באַקאַנטע שטים פון וועלכער ס'האָט אַרויסגעקלונגען עפּעס אַזאַ וואַרעמע זיכערקייט, אַז זעליגן איז אָנגעקומען אויסצורײַסן בײַ זאַיאָנצן דעם זעבל, אים דערלאַנגען איבערן קאָפּ און אַ סוף צו מאַכן צו דעם נאַרישן אויס־פרעגעכץ.

די שטים איז געווען הערש־לייבס. ער איז אַפּירגעקומען פון אונטער זעליגס פּלייצעס און זיך אַוועקגעשטעלט פאַר זאַיאָנצן טײַטלענדיק מיטן פינגער אויף זײַן ברוסט, ווי ער זאָל זיך בעטן בײַ זאַיאָנצן, ער זאָל אים גלייבן, אַז ער מיט זעליגן האָבן אויסגעהאַקט די שויבן און זײַנען געווען אין איינעם אין משולם־וואָלפס שטיבער.

זעליג האָט געקוקט אויף דעם שיינעם געזונטן בחור מיט די פלאָווע

האָר און בלויע אויגן, זיך ניט געקאָנט אָנזעטיקן קוקנדיק. און אַז הערש־לייבס אויגן האָבן אים געענטפערט מיט אַ פרײַען אָפענעם שמייכל פון פרילינגצוויט און פון קילע פרימאָרגנס, האָבן זעליגן אָנגעהויבן שטיקן טרערן פון פרייד. עס איז אים געווען גלײַך עפעס אַ ברודער זײַנער, וואָס ער האָט אים שוין לאַנגע, לאַנגע יאָרן נישט געזען, האָט זיך פלוצעם באַוויזן און אים געבראַכט צו טראָגן עפעס אַזוינס, וואָס ערשט איצט זעט ער, ווי שטאַרק ער האָט דערנאָך געבענקט. ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו הערש־לייבן, אים אַרומגענומען און זיך מיט אים לאַנג און וואַרעם צעקושט.

דער עולם האָט גענומען פליעסקען, מאַכן אָוואַציעס פאַר די צוויי העלדן זײַנע. זאַיאַנץ האָט איבערגעריסן די אויספאָרשונג, געהייסן זעליגן און הערש־לייבן מיטקומען מיט זיך אין ראָטהויז צום בירגערמײַסטער. פיק האָט זיך געכאַפּט צום פײַפל, אָנגעהויבן שרײַען ווי אַ ווילדער: „אויס־אײַנאַנדערגיין״. זײַן אומגעלומפּערטער פײַף האָט אָבער דאָס מאָל ניט געקאָנט איבערפײַפן די טיפע זעלישע אויפטרייסלונג פון אַן עולם, וואָס איז נאָר וואָס געקרוינט געוואָרן מיט אייגענע העלדן.

*

אין אַ שעה אַרום איז שוין זעליג געווען אין דער היים, געגעסן בחפזון דאָס אָנבײַסן און דערציילט רויזען, ווי אַזוי מענײַלעק האָט אים מיט הערש־לייבן אויפגענומען.

— קודם איז דער ממזר אַרויס מיט אַ ירגזון, און מ׳האָט געקאָנט מיינען, אַז מײַן געביין וועט פאַרפוילט ווערן אין די לעמבערגער בריגיטקעס. דערנאָך, אַז זאַיאָנץ איז שוין געווען פון יענער זײַט טיר, האָט דער בירגערמײַסטער אונדז אָנגעהויבן מוסרן מיט אַ שמייכל. די קראַטקעס, האָט ער געזאָגט האָבן גוישע קעפּ. פאַרשטייען נישט קיין עסק. הער בירגערמײַסטער, — האָב איך געפּרוווט אים ענטפערן, — שולדיק איז משולם־וואָלפס מויד. האָט ער נישט געוואָלט הערן. ער האָט זיך צעלאַכט אויף אַ אַ קול און גענומען שרײַען: וועלכע יונגעלײַט, ווי איר, הערן זיך צו וואָס אַ מיאוסע מויד זאָגט? צום סוף איז ער כלומרשט געפערלעך געוואָרן אין כעס און געטופעט מיט די פיס: אַרויס פון דאַנען, טויגעניכטסן! איך וועל זאָגן דעם הער קולטוס־פּרעזידענט מאיר־יואל, ער זאָל אײַך אָרנטלעך באַשטראָפן.

זעליג האָט אָפּגעווישט מיטן טישטעך די רעשטלעך מצה פון די ליפּן, זיך פאַרריכט דאָס צעשויבערטע קראַטקישע בערדל און פאַרענדיקט אַ צופרידענער די דערציילונג:

— דער פעטער גאָדל איז גערעכט. אַזאַ ממזרוק, אַזאַ מיניסטער־קאָפּ ווי דער מענײַלעק איז נישט צו געפינען אויף אַ ווײַטער וועלט.

הערש־לייב איז שוין געזעסן אויף דער ברישקע, געוואַרט אויף זעליגן, ער זאָל מיטפאָרן קיין קאַזמין. זעליג איז אַרויסגעקומען, זיך זשוואָווע אַרויפגעכאַפּט אויפן זיץ און שוין אָנגעהויבן צו ברײַען:

— כ'וועל דערציילן טאַטע־מאַמע, וואָס פאַר אַ כוואַט דו ביסט, שוין אַזאַ יאָר אויף מיר.

הערש־לייב האָט געטריבן די פערד, געטשמאַקעט צו אים מיט די ליפּן, זיך נישט אײַנגעהערט צו זעליגס רייד. ער איז געווען אומרויִק, געטראַכט צו דער הײַנטיקער פּאַסירונג. דער טאַטע וועט אפשר קאָנען פאַרשטיין פאַר וואָס ער האָט אויסגעקלערט אויף זיך אַ ליגן, זיך געשטופּט אין קרימינאַל אַרײַן, ער וועט דעם טאַטן דערמאָנען, וואָס ער האָט דאָ אַנומלט דערציילט וועגן זיך אַליין, אַז ער איז בחורווײַז בײַם טשערנאָוויצער האָם בײַגעווען בײַ אַ געשלעג פון בעל־עגלות. אַז די פּאָליציי איז אָנגעלאָפן, איז דער שלעגער אויס געווען די צײַט. האָט זיך דער טאַטע געטראַכט: וועל איך אָפּזיצן אַ פּאָר טעג, נאָך וואָס זאָל די פּאָליציי זיך יאָגן נאָך אַנדערע ייִדן? דער שלעגער איז דווקא געווען זײַנס אַ פרײַנד. אַן אָרנטלעכער מענטש און אַן אָרעמאַן מיט דרוקעס. די ייִדן דאָ, וואָס האָבן געוואָרפן שטיינער אין משולם־וואָלפס פענצטער, זײַנען דען נישט אַלע אָרעמעלײַט אין זיבן פּאָלעס? זיי זײַנען געשטאַנען פאַר זאַיאַנצן, עס האָט אויף זיי געציטערט די הויט.

— זאָג מיר, כ'בעט דיך, — האָט זעליג געפּרוווט פאַרפירן אַ נײַעם שמועס מיט הערש־לייבן, — מ'הערט עפּעס פון מענדלען און וועלוולען? באַקומט זיך אַ מאָל אַ שרײַבן פון זיי?

זעליגס פראַגע האָט הערש־לייבן ווי אַרײַנגעדרייט אין סאַמע געדיכ־טעניש פון דער מאַמעס צער. ער האָט דערזען פאַר זיך אירע שטעכיק־פּײַכטע אויגן, דערהערט אירע יללות: „דו אויך? ס'איז מיר ווייניק, וואָס איך האָב פאַרלוירן דרײַ זין? טאָמער זיפּע איך נאָך, ווילסטו מיך צום איבעריקן דערפלעטשן? טאָמער אַ טראָפּן שײַן אין מײַנע פאַרפינצטערטע, פאַראומערטע טעג, ווילסטו מיר דאָס אויך פאַרשטעלן?"

— איר הערט, זעליג, וואָס כ׳ל אײַך בעטן, — האָט הערש־לייב אָנגע־שטעלט אויף אים אַ פּאָר תּחנונימדיקע אויגן, — איר זאָלט פּאַר טאַטע־מאַמע נישט דערמאָנען אַ וואָרט וועגן דעם, וואָס איז פֿאָרגעקומען.

— וואָס האָסטו מורא? די מאַמע וועט אַ ביסל שרײַען? דערויף איז זי דאָך אַ ייִדענע! כ׳נעם עס אויף מיר! כ׳ל איר דערציילן, ווער ס׳ציט זיך אַרײַן קיין קאָזמין, ׳עט זי פֿאַרגעסן אָן דיר און אָן אונדז אַלעמען. קענסט דאָדיע מלאך, וואָס וווינט בײַ דער בריק, האַנדלט מיט עופות און מיט מילכיקס?

ס׳איז זעליגן ענדלעך געלונגען אָפּצוציִען הערש־לייבן פֿון זײַנע טראַכטענישן און אים אַרײַנצופּלאָנטערן אין אַ שמועס.

— וואָס וועט ער טאָן אין קאָזמין?! ייִדן טאָרן דאָך נישט קויפֿן קיין ערד, — האָט זיך הערש־לייב נאָכגעפֿרעגט.

— ווער ערד, וואָס ערד, ער ליגט בײַ זײַן ברײַנען נײַן איילן טיף אין דר׳ערד, — האָט זיך זעליג אַ חכמה געטאָן און דערנאָך ווידער אַריבער צום ערנסטן שמועס — ער מאַכט אַ גוטן חשבון, דאָדיע, דאָס הייסט, ניט זײַן חשבון, נאָר ברײַנעס. וואָס דאַרף ער, זאָגט ער, אָפּוואַרטן בײַ דער בריק דעם גוי פּונעם דאָרף און בײַ אים אָפּקויפֿן דאָס עוף און ס׳שטיקל פּוטער, הלמאַי וווינט ער טאַקע אין דאָרף, קויפֿט צונויף דאָרט דאָס ביסל סחורה און ברענגט עס אַליין אַרײַן אין שטאָט. וואָס זשע, דער שוואָב רעכנט דען נישט צו צום שטיקל פּוטער זײַנע הוצאות־הדרך?

— וואָס טויג אים אין דאָרף קויפֿן פּוטער? — האָט זיך הערש־לייב געאָמפּערט, צוגעשטעלט זעליגן, מעשׂה בעל־הבית, אַ גלײַכן חשבון — ער קאָן זיך דאָך האַלטן אַ קו צוויי און האָבן אייגן מילכיקס. ס׳מיסט דאַרף מען סײַ ווי האָבן, פֿאַשע פֿאַרן ווינטער גרייט מען אָן אַ ביסל, און זומער פֿאַשען זיי אויף דער טאָלעקע פֿאַר אַ שיבוש.

זעליג האָט זיך צעלאַכט.

— זאָגסט דאָך אַליין, אַז ער קען נישט קויפֿן קיין פֿעלד, וואָס זשע טויג אים ס׳מיסט? פּעטער צו מאַכן ברײַנען? זי איז אַזוי אויך שוין קיין עין הרע ווי אַ פֿאַס.

הערש־לייבן איז פֿון זעליגס חכמה נישט אָנגעקומען צום לאַכן. „מ׳טאָר נישט קויפֿן קיין פֿעלד" — האָט זיך עס אין אים מיט אַ מאָל אָנגעקגעשטעלט ווי אַן אײַזערנע וואַנט און אָפּגעצוימט אַלע זײַנע בעל־הבתּישע חשבונות —

„מ׳ליגט מיטן גאַנצן פאַרמעגן ביי גוסטאַוו ענגעלן אין די הענט״ — האָבן זיך פלוצעם אויף אים אָנגעיאָגט דער מאַמעס ווערטער, זיך אָוועקגעלייגט אויף אים מיט שרעק. ער האָט זיך דערמאָנט אין דער מאַמעס וואָרענונגען: „ווער מ׳יר רעכט, וואָס מיר רעכט? מ׳דאַרף דעם גוסטאַוו האַלטן ווי אַן אבן טוב, אים חלילה נישט דערצערנען, ווייל אל תפתח פה לשטן, אַ גוי איז אַ בייזער וואָרעם. חלילה וחס, זיינען אַלע פאַפירן ביים פאַרער און להבדיל ביים רב, ווערט וויפל ס׳שוואַרץ אונטערן נאָגל״. די מאַמע איז גערעכט, האָט זיין יינגלש געמיט זיך אָנגעכאַפּט אָן איר עצה, געזען אין איר דעם איינציקן ראַטוניק.

— זעליג, איר ווייסט וואָס כ׳וועל אייך זאָגן, — האָט הערש־לייב דערפילט אַ באַדערפעניש צו באַווייזן זיך פאַר זיין מיטפאַרער מיט דער מאַמעס קלוגשאַפט — אַז יידן טאָרן נישט קויפן קיין פעלד, וואָס זשע איז דער חילוק ווער ס׳איז פּרנס: משולם־וואָלף צי מאיר־יואל? אין דעם באַשטייען מ׳שטיינס געזאָגט די גאַנצע יידישע רעכט? — האָט ער נישט־ווילנדיק גענומען אַרויסזינגען די ווערטער אויף דער מאַמעס וויטיקלעך־צוגעשפּיצטן ניגון.

זעליגן האָט געקאַרטשעט צו דערציילן די מעשה וועגן דאָדיע מלאך, וואָס גייט זיך אַריינצוציען קיין קאָזמין, ס׳האָט אים געצויגן נאָכצומאַכן ווי אַזוי דאָדיע קוקט אין די אויסגעשטערנטע נעכט מיט אַ זאַדערעטער באָרד אין הימל אַריין, ער האָט געברענט זיך נאָכצוקרימען ווי אַזוי ברײַנע רופט די בת־יחידה אין שטוב אַריין, מיט פּיעשטשעריי, רוגזה, כעס און רציחה: ביילציע, קום שוין אַריין, ׳עסטעך פאַרקילן; ביילע, וווּ ביסטו צו אַל די גוטע יאָר? ביילונע? אַ מויד זאָל זיך נאָר וואַלגערן אויף די גאַסן! ביי־לאַש! אָט גיי איך אַרויס און שלעפּ דיך אַריין ביי די צעפּ!

זעליק האָט אין זיך נחתדיק אַריינגעשמייכלט, הנאה געהאַט פון דעם וואָס ער דערציילט און נאָך מער פון דעם, וואָס ער וועט ערשט דערציילן.

הערש־לייבס חקירות און שאלות האָבן אים געשטערט, האָבן זיך אַוועקגעלייגט ווי אַ שטיין אויפן גלײַכן וועג פון זיין דערצייל־חשק. ער האָט געפּרוווט זיך נישט מאַכן ווויסנדיק, כלומרשט נישט דערהערנדיק. אָבער אַז הערש־לייב איז צוגעשטאַנען, מיט עקשנות, אַלץ „האַ? און האַ? וואָס זאָגט איר?״ איז זעליג אַריין אין כעס, אויסגעריסן ביי אים די לייצעס פון דער האַנט, אַ שמיץ געגעבן דעם פערד און גענומען איבערשרײַען דעם געקלאַפּ פון פערדס פּאַדקאָוועס אויפן האַרטן שטראָז.

— ווי אַלט, מײנסטו, איז דער גאַנצער קייסער? ער איז פּונקט אַזאַ צוציק ווי דו! פון וואַנען זאָל ער וויסן, אַז ייִדן ווילן קויפן ערד? מ׳עט אים זאָגן, אַז הענעך אָרטשיק וויל זײַן אַ גוי, ׳עט ער זיכער נישט זאָגן ניין.

ס׳האָבן זיך באַוויזן די ערשטע שוואַבישע הויפן. די שטיינערנע, ווײַס־געקאַלעכטע פלויטן האָבן אונטער דעם קאַפּריזנעם אַפּריל־הימל, וואָס איז פון שעה צו שעה געוועז אַנדערש אויפגעלייגט, געלויכטן, מיט זיכערקייט, מיט אײַנגעפונדעוועטקייט. אויף אייגענער ערד אונטער אַזאַ פלויט — האָט געטראַכט הערש־לייב — איז ניט קיין נפקא־מינא צי פּריץ, צו גוסטאַוו, צי משולם־וואָלף, צי מאיר־יואל. צוליב פּריצן וואַקסט נישט גיכער דער ווייץ, און דער גערשטן איז פאַר אַ יאָרן פאַרברענט געוואָרן פון היץ און נישט ווײַל ס׳איז נאָך געווען גוסטאַוו...

הערש־לייב האָט דערפילט אַ פרעמדקייט צו זעליגן און צו אַלע נײַ־בורגער ייִדן, וואָס נעמען זיך איבער מיט ייִדישקייט און פאַנקעווען פאַר מענײַלעקן, זעצן אויס שויבן און ציטערן פאַר זאַיאַנצן און מיינען, אַז די גאַנצע חכמה באַשטייט אין קויפן אַ מציאה בײַ דער בריק.

ער האָט צוריקגענומען פון זעליגן די לייצעס און בשעת מעשה אויף אים אַ קוק געטאָן גלײַך ער זאָל אים וועלן זאָגן: „נישט פאַר אײַך צו טרײַבן אַ פערד, איר גייט קויפן מציאהלעך בײַ דער בריק״, און אים אַרײַנגע־שריגן גלײַך אין שיטערן קראַטקישן בערדל:

— איך פרעג נישט, וואָס דער קייסער וויל, מיר איז ליבער צו זיין אַ קאַזמינער גוי איידער אַ נײַבורגער ייִד.

זעליג איז געבליבן זיצן אַ געפּלעפּטער. מיט אַ זאַדערעטן קאָפּ, ווי דאַדיע מלאך בשעת ער קוקט אין די שטערן, האָט ער געהאַלטן אין איין שטאַמלען:

— האַ? וואָס?

הערש־לייב האָט זיך ברייט, האָפּערדיק, יונג פונאַנדערגעלאַכט.

בײַ יענער זײַט טויער אויף זײַן אָבאָרע איז געשטאַנען דער אַלטער אָרטשיק און האָט אַרויסגעקוקט אויף זײַן זון, דערזען אַנקומען די בריטש־קע, האָט ער פון דער ווײַטנס געפרעגט:

— וואָס איז געשען? וואָס אַזוי שפּעט?

— זיך פאַררעדט מיט זעליגן — האָט הערש־לייב אַרײַנגעשאָסן אַ נײַ געלעכטער אין זעליגס צעטומלט, שטומען פּנים.

15

אַ נייער ייִד אין דאָרף

דאָדיע, מעכל דעם נאמנס, מיט די צונעמען דער מלאך און דער שטערן־קוקער, און זײַן ווײַב ברײַנע האָבן זיך אין די ספירה־טעג אַריבער־געצויגן פון שטאָט אין דאָרף אַרײַן קיין אַלט־קאָזמין.

דאָדיע איז דער דריטער מאַן בײַ ברײַנע עבערס און לעבן לעבט ער בײַ איר נישט בעסער און נישט ערגער ווי די ערשטע צוויי מאַנסלײַט אירע. דאָס שווערסטע פֿאַר ברײַנעס מענער איז געווען נאָכצוקומען אירע טאָג־צעטלען.

יעדן אויפֿדערנאַכט נאָכן עסן שרײַבט ברײַנע אָן אַ צעטל, וואָס מע דאַרף מאָרגן טאָן.

איה״ש מאָרגן מאָנטיק הבע״ל. א) דאַווענען מיטן ערשטן מנין. ב) אָנבײַסן. ג) אָפּוואַרטן די ערשטע פֿורן בײַ דער בריק. ד) למען השם נישט אַוועקצאָלן אומזיסטיק בלוט פֿאַר אַ מאָגער הינדל. ה) קויפֿן נאָר האַרטע פּוטער. מאַסלינע זײַנען די שוואָבן נישט קראַנק אַליין צו עסן. ו) נישט צולאָזן דער ראָגאָטנישטשקע די פּעטע הינער, פֿאַרשרפּהט זאָל זי ווערן, זי וואָלט וועלן זאַזשרען די פּרנסה פֿון דער גאַנצער שטאָט. ז) סאָפּטע סאָלאָנאַר פֿון אַלט־קאָזמין איז שולדיק געבליבן דרײַ זעקסערלעך צו דער לײַוונט, אַכטונג געבן טאָמער פֿאָרט זי דורך און אָפּמאָנען. זי האָט אַ טבע צו פֿאַרגעסן. ח) נײַן אַ זייגער אַהיימקומען און אָפּפֿירן ביילציאַלע שתחי׳ אין חדר אַרײַן. ט) אויפֿן וועג פֿונעם חדר קויפֿן פֿלייש בײַ כעוועדן און זען, אַז דער העקער זאָל געבן צולאָג אַ מאַרעכבײַן פֿאַר באָרשט. י) ס׳האָט זיך אָפּגעבראָכן דער שליסל פֿונעם מעל־קאָסטן. זען אַז מאיר־יואל זאָל שיקן אַ געזעלן צופּאַסן אַ נײַעם שליסל. זיך מיט אים קודם באַדינגען, ווײַל ער איז איין הויטרײַסער אין דער וועלט. יא) אויספּוצן די צילינדערס פֿון די לאָמפּן, אַכטונג געבן בײַם בליצלאָמפּ, ווי אַזוי דו פּוצסט, ווײַל דו ביסט אַ מזלדיקער האָז. יב) זיך דורכגיין קיין קלימקעוויץ און אָפּמאָנען די חובות: בײַ איוואַן סקריפּניק 1 פל׳ און 10 קרייצער, בײַ מיכײַלע פּיליפּטשוק 80

קרייצער, מיטרע פעדירטשעק 95 קר., און ביי גאָרע אַלעקסאַנדרוק 1 פל׳ מיט 5 קר׳. ס׳זאָל זיך דאָס עמעצער דערמאַנען אַליין אָפּצורעכענען, אַבי שטאָפּ זיי אָן מיט סחורות. יג) למען השם נישט פאַרשפּעטיקן צום וואָרע־מעס, ווייל ס׳קינד קומט פונעם חדר טויט הונגעריק.

אַ צעטל האָט געוויינטלעך געהאַט נישט ווייניקער פון עטלעכע און צוואַנציק פונקטן. מיר ברענגען דאָ נאָר דרייצן, וואָס גיבן איבער אַ האַלבן טאָג אַרבעט. מחמת די טאָגצעטלען איז ברײַנעס ערשטער מאַן צוויי יאָר נאָך דער חתונה אַנטלאָפן צוריק איבער דער מאָלדאַווישער גרענעץ צו טאַטע־מאַמע קיין מיהאַלען און האָט איר פון דאָרט געשיקט צוועלף שורות דורך אַ שליח. דער צווייטער מאַן איז געווען אַ ראַדעוויצער, אַ ווילדער־נער און אַ שטיקל צעדרייטער. דאָס צעדרייטקייט זײַנס איז באַשטאַנען דעריין, וואָס ער פלעגט טאָן פונקט קאַפּויר, ווי דער טאָגצעטל האָט געהייסן און טאָמער האָט ברײַנע געקללהט, האָט ער געהאַט איין ענטפער: אַרויס־גענומען אַ לימענע פון דער קעשענע און געגעסן עלעהיי ברויט. די ציין ווערן הײַליק, ער עסט און שווײַגט. פון די דאָזיקע לימענעס איז ברײַנע אין עטלעכע יאָר אַרום געבליבן אַן אלמנה.

מיט דאָדיען האָט ברײַנע בעסער געטראָפן ווי מיט אירע ערשטע צוויי. ראשית, איז זי צו די נײַן חדשים באַשאָנקען געוואָרן מיט אַ בת־יחידה — אַן אויג אין קאָפּ. און שנית, היט דאָדיע אָפּ די טאָגצעטלען, גייט נישט אָפּ פון זיי אויף אַ האָר. וואָס ׳עט ער זיך שטעלן — פאַרענטפערט ער זיך צו מאָל פאַר אַ גוטן־ברודער אין שטאָט — בעסער אַרײַנצופאַלן אין גויִשע הענט איידער אין ברײַנעס עבערס מויל.

אָפּגעהאָרעוועט אַ טאָג, אָפּגעגעסן וועטשערע און אָפּגעשריבן דעם טאָגצעטל פאַר מאָרגן, זעצט זיך דאָדיע אַוועק בײַם טיש, קוקט אַרײַן אין אַ מוסר־ספר. אַז גאָט שענקט אַן אויסגעשטערנטע נאַכט, כאַפּט ער זיך אַרויס אין דרויסן, שטעלט זיך אַוועק פאַר דער פאַרמאַכטער געוועלב־טיר און בויערט אַרײַן זײַנע קאַסאָקע אויגן אין די מילי־מיליאָסן שטערן אויפן הימל. אַז דער האַלדז און נאַקן הייבט אָן וויי טאָן פון האַלטן דעם קאָפּ פאַרריסן, גלײַכט זיך דאָדיע ווידער אויס, פאַרדעקט מיט דער האַנט דאָס מויל און אַ שטיק באָרד און פון אונטער דער דלאָניע נעמט ער ציִען אַ שטיקל מתיקותדיקן זמר אָן ווערטער, וואָס הערט זיך אָט ווי אַ טרויערי־

קער רוף צו אַ נאָענטן פֿאַרלוירן געגאַנגענעם און אַט ווי אַ טרילער פֿון שׂמחה צוליב דער גליקלעכער באַגעגעניש.

טרעפֿט זיך, עס גייט אַ מאָל פֿאַרביי אַ פֿאַרשפּעטיקטער, בלייבט ער אַ ווײַלע שטיין, הערט זיך אײַן, קוקט צו ווי ס'שטייט דאָס אַ ייִד און זינגט אין מיטן דער נאַכט, גיט דערנאָך אַ צי מיט די אַקסלען און טראַכט זיך: לעבן ברײַנע עבערס קאָן פֿון קיינעם קיין לײַט נישט זײַן.

זינט ער וווינט אין אַלט־קאָזמין, לעבט זיך דאַדיען בעסער ווי אין שטאָט. קודם ענדיקט זיך די וואָך דאָ מיט אַ האַלבן טאָג פֿריִער. פֿרײַטיק נאָכן אָנבײַסן האָט שוין אַפֿילו ברײַנע אַליין אין זינען, ער זאָל שפּאַנען דאָס פֿערד און וועגעלע און פֿאָרן קיין נײַבורג אין מרחץ אַרײַן. אחוץ דעם האָט ער דאָ צובאַקומען יעדע וואָך אַ דינסטיק און יעדע צווייטע וואָך אַ מאָנטיק אָן ברײַנען. ברײַנע באַזאָרגט טאַקע דאַדיען ערבֿ מאָנטיק און ערבֿ דינסטיק מיט אַרבעטסצעטלען, אָבער זי קומט געווײנטלעך אַהיים פֿון די טשערנאָוויצער און נײַבורגער ירידים אַזאַ אָפּגעמאַטערטע, אַזאַ אויס־געמוטשעטע, אַז זי קאָן קוים אָנשרײַבן דעם צעטל פֿאַר מאָרגן. ס'פֿאַר־בלײַבט שוין דער נעכטיקער.

די וואָלעכישע שכנים געפֿעלט דער נײַער ייִד אין דאָרף. אין אַ ווינ־טערדיקן מאָנטיק, ווען ברײַנע כאַפּט זיך אַראָפּ פֿונעם שליטן ערגעץ בײַם קאָזמינער באַרג און נעמט לויפֿן אין באַרג אַרײַן אָנצוואַרעמען די פֿאַר קעלט געשוואָלענע פֿיס, זיצן בײַ דאַדיען אין געוועלב עטלעכע האָספּאָ־דאַרעס און הערן זיך צו וואָס פֿאַר אַ גרויסן טאַטן אָט דער געוועלבער האָט געהאַט:

— גאַנצענע טעג און נעכט איז ער געזעסן, דער טאַטע, — דערציילט דאַדיע, — איבער הייליקע ביכער. ער האָט זיך נישט פֿאַרגינען צו עסן, ווײַל אַן עבֿירה די צײַט. איז ער טאַקע געווען זייער אַ שוואַכער. אין איי־נער אַ נאַכט איז ער אַזוי זיצנדיק איבער די הייליקע ביכער געשטאָרבן.

— אפֿשר פֿון הונגער, — צלמט זיך טרויעריק איבער דער אַלטער האָספּאָדאַר וואַסיל גאַרדיי און אויף זײַן נידעריקן, אונטער זילבערנע האָר־פּלעטעס באַהאַלטענעם שטערן באַווײַזן זיך טראָפּנס אַנגסטשווייס.

— וואָס פֿאַר אַ הונגער? — צעוואָרעמט זיך דאַדיע, — מ'האָט אים אָנגעזאָגט פֿון הימל, אַז ס'דערנענטערט זיך דער טאָג פֿון טויט, האָט ער זיך נישט אָוועקגערירט פֿון די הייליקע ביכער, אַפֿילו זיך נישט געלייגט

שלאָפן. אין איינער אַ נאַכט האָט ער דערפילט ווי אַ מלאך האָט אים אַ קוש געטאָן און ס׳איז אים אויסגעגאַנגען די נשמה.

— איז ער אויך געוועזן אַ שטערן־קוקער ? — פרעגט איבער אַנאַפּריי גראַמאַדע, אַ פּויער אין די פופציקער מיט אַן אָנגעשטרענגט פרום פּנים.

— וואָסי דען אַ שטערן ? — נעמט דאַדיע מסביר זײַן מיט התלהבות

— אַ שטערן איז אַ מלאך, איינער פון גאָטס דינערס. נאַכט פאַר נאַכט שיקט דער וואָס אין הימל, אַרויס שטערן אַכטונג צו געבן אויף דער ערד, אויף די מענטשן, אויף די חיות. די שטערן קוקן זיך אײַן, זעען יעדע גרויסיקייט און יעדע קלייניקייט און טוען דערנאָך צו וויסן אַלץ וואָס געשעט.

מענטשן, וואָס האָבן אָפּגעלעבט זייער לעבן אָן זינד, ווערן נאָכן טויט דערהויבן צו מלאכים. נישט איין מענטש, וואָס דו האָסט אים געקענט בײַם לעבן, קענסטו נאָכן טויט זײַנעם זוכן צווישן די מילי־מיליאָסן שטערן אויפן הימל. מיט די אויגן איז שווער צו געפינען, גיכער מיט געזאַנג, ווײַל געזאַנג, וואָס קומט פון האַרצן, צעשפּאַרט דיר די ווײַסלען, הייבסט אָן צו זען ווי אַ קאַץ אין דער פינצטערניש.

די פּויערישע צוהערערס בלײַבן זיצן ווי פאַרשטיינערט. זיי צלמען זיך, טרײַבן פון זיך דעם שרעק.

דאָס פרומע פּנים פון אַנאַפּריי גראַמאַדע הייבט אָן שײַנען מיט אַן אינעווייניקסט ליכט פון אַנטפּלעקונג. ער מורמלט שטיל ווי פאַר זיך :

— נישט וויכטיק וואָס דער פּאָפּ זאָגט פונעם אַמוואָן. מ׳דאַרף זיך אײַנ־הערן צום געזאַנג פונעם דאַסקאַל. אַ סך מאָל זע איך ווי פונעם געזאַנג שפּרייט זיך אַ ליכטיקייט אין קלויסטער. כ׳האָב נישט פאַרשטאַנען...

פון די פויערן ווערט ברײַנע געוויר, וואָס פאַר אַ געלערנטער און פרומער מענטש איר דאַדיע איז. אַלע מאָל ווען מ׳דערציילט עס איר, הייבן זיך אירע באַקן אָן תאווהדיק צו רייטלען. דער רחבותדיקער בוזעם נעמט האַסטיק לויפן. זי זעט אויס ווי ווען דער דערציילער זאָל זי האָבן מיט געוואַלט צוגעפרעסט צו זײַן ברוסט און אַנגעצונדן אירע געבליטן, נאָר זי, ברײַנע, האָט זיך מיט כוח אַרויסגעריסן פון זײַנע אָרעמס. אין אַזעלכע מאָמענטן דערוועקט זיך אין איר אַ מאַמעשע זאָרגעוודיקייט פאַר איר דאַ־דיען. שטייענדיק בײַם געוועלבטיש, אַרײַנגעטאָן אין אַ חשבון וועגן אָפּגע־וויגענער פּוטער און אָפּגעמאָסטענער לײַוונט, דערהערט זי דאַדיען הוסטן.

זי פּאַרטיקט וואָס גיכער אָפּ דעם קונה, לויפט אַרײַן אין וווינשטוב, דערזעט ווי דאַדיע האָרעוועט אָן אײַנגעבויגענער אין דרײַען בײַם צוזויפשלאָגן אַ קעסטל. ס'כאַפּט זי אָן בײַם האַרץ: איר געלערנטער און פרומער דאָדיע.

— ווי האָט עס אַ ייִד אויף זיך נישט קיין רחמנות? — שווימט אַרויס איר שטים, זאַכט צערטלענדיק און גלעט דאָדיעס קײַלעכיק־פּאַרוואַקסענע פּלייצע מיט יענער ווייכקייט פון זײַן מאַמעס האַנט, ווען ער איז ייִנגלווײַז אַראָפּגעפאַלן פון פּלויט און געבליבן אויפן גאַנצן לעבן מיט אַ פּאַרקרומטן רוקנביין — אַ ייִד זאָל דאָס עסן קוים אויף זיך דאָס חיות צו דערהאַלטן און רייכערן רק גויִישע מאַכאָרקע?

ברײַנע לויפט אַרײַן צוריק אין געוועלב, כאַפּט אַרויס פונעם פּאַפּיראָסן־שאַפּקעלע אַ קליין פעקעלע געלן טוטון און דערלאַנגט עס דאָדיען מיט אַ פרײַנדלעך־פאַרזאָרגטן שמייכל:

— ׳עט מען ווייניקער איבערלאָזן ירושה איבער הונדערט און צוואַנציק, אַבי דו זאָלסט געזונט זײַן, און קאָן מען נישט — נעמט זי פוטער ווייך מוסרן, — אַרײַנרופן דעם אַלטן ברינדזע, ער זאָל דאָס פאַר אַ טרונק בראָנפן צוזויפקלאַפּן דאָס קעסטל? דו מוזסט דיך דאָס אַליין ברעכן אין דרײַען? אײַ, דאָדיע, ביסטו אַ גזלן אויף דיר, אויף מיר און אויף דײַן איינציק קינד.

דער „גזלן" נעמט אויף זײַן ווײַבס פרײַנדלעכקייט מיט דער זעלבער אין גדולות פאַרטועגער מינע, מיט וועלכער ער קוקט אַרײַן אין די אויפֿ־דערנאָכטן אין ברײַנעס מיט רציחה געשריבענע אַרבעטס־צעטלען.

די אַרבעטס־צעטלען זײַנען געוואָרן וואָס אַ מאָל בלייכער און שפּאָ־רעוודיקער. פאַר דאָדיען בלײַבן איצט נאָר עטלעכע געציילטע פונקטן. און אויך די עטלעכע שמעלצן זיך לאַנגזאַם אין פײַער פון שמועסן מיט די קאָזמינער האָספּאָדאַרעס. אויף ברײַנען פאַלט די גאַנצע אַרבעט. זי איז די פאַרקויפערין אין געוועלב, זי איז די אײַנקויפערין אין שטאָט, זי פאָרט אויף ירידים און זי מאָנט אײַן חובות, זי קעכלט די בת־יחידה און זי האָט אין זינען צוצוטראָגן דאָדיען דאָס טעפּל מילך, באַלד ווי ער האָט אָפּגע־מורמלט זײַן מודה־אַני.

דאָדיע האָט מיט אַ מאָל אַ סך צײַט. ער נעמט אַרויס פונעם אַלמער אַ ירושה־ספר און קוקט אין אים אַרײַן אין די פאַרמיטאָגן. ער אַנטלײַט פרײַטיק אין נײַבורג אַ ספר און קוקט אין אים אַרײַן אין די נאָכמיטאָגן.

אַז דער קאָפּ ווערט דאַדיען מיד פונעם אַרײַנגעלייענטן מוסר, נעמט ער אַראָפּ פון דער וואַנט דעם צעטל־קאַלענדער, וואָס הענגט אין געוועלב, און בלעטערט אין אים מיט אַזאַ פּאַרטיפטקייט, גלײַך נאָך אַ מיש און ער האָט דערטאַפּט דעם צעטל, וואָס אויף אים איז פאַרצייכנט ביאת המשיח.

— ברײַנע, — שרײַט דאַדיע אַריבער צו זײַן ווײַב אין געוועלב אַרײַן, אין קיך אַרײַן, — ברײַנע, דער יאָרצײַט נאָך דער מאַמע דײַנער ע״ה געפאַלט דאָס יאָר שבת. כ׳ל שוין מוזן אָפּהאַלטן שבת אין שטאָט, אילעך מוזן.

— איה״ש מיט געזונט, — ענטפערט די איבערגעביטענע ברײַנע, און צוליב נאָך מער פרײַנדלעכקייט פרעגט זי איבער:

— ווען זשע געפאַלט ראש־השנה? דער מאַמעס יאָרצײַט איז דאָך, דאַכט זיך, דרײַ טעג פאַר יום־טוב.

זינט די אַרבעטס־צעטלען האָבן זיך אָפּגעטאָן, האָט דאַדיע צוריקבאַקומען זײַן מאַנצבילישע ווערדע:

— אדרבא, אַנו, נעם און רעכן אויס, נאַרישע יידענע, וואָס דו ביסט.

די „נאַרישע יידענע" האָט גערעכנט, געהאַלטן חשבון ביז נאָך די ימים־נוראים. חול־המועד סוכות האָט דאַדיע אַראָפּגעבראַכט זיבן יידן פון נײַבורג (נאָר זיבן אויף נישט צו פאַרשעמען הענעך אָרטשיק מיט זײַן חתן־בחור) און געפּראַוועט אַ ברית מיט אַזאַ רחבות און עשירות, אַזש די שטאָטישע יידן זײַנען געווען אויסער זיך פאַר שטוינען. אויף דער נאַכט האָט מען געשטעלט טישן פאַר די וואָלעכישע האָספּאָדאַרעס און דער שוואָבישער שליאַכטע. צום וואָלעכישן טיש האָט זיך אַלע מאָל צוגעכאַפּט דער בעל־שמחה אַליין, געלויבט די פאַר פלעשלעך קאָטנאַרער ווײַן, וואָס ער האָט על פּי נס באַקומען בײַ אַ מיהאַלענער וואָמעש און געגעבן צו פאַרשטיין די האָספּאָדאַרעס אַז דער נײַ־געבוירענער הייסט נאָך ביידע זיידעס: נאָך זײַן טאַטן, דעם גרויסן לערנער, און נאָך זײַן שווער, דעם גרויסן עסער, איך וויל, — האָט זיך דאַדיע געחכמהט מיט די פון מעד און ווײַן צעשטראַלטע פּויערן, — ער זאָל קענען לערנען די הייליקע ביכער ווי מײַן טאַטע מעכל, און ברײַנע וויל, ער זאָל קאָנען עסן מאַמעליגע מיט קעז ווי איר טאַטע עבער.

— כאַ־כאַ־כאַ, — האָט זיך שאַלנדיקער, פּויערישער געלעכטער דערטראָגן צו דער קימפּעטאָרין אין אַלקער אַרײַן. ברײַנע האָט תאווהדיק געטוליעט צו זיך איר בין־יחיד, הנאה געהאַט פון זײַן רוחישן אַפּעטיט.

16

ביים טיש פון די דייטשע פני

ביים שוואַבישן טיש זײַנען צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן געזעסן אין איינעם ביי אַ גלעזל ווײַן דער געוועזענער בירגערמײַסטער גוסטאַוו ענגעל און דער איצטיקער פריץ טײַפעל. פריצס קײַלעכדיק, פעט פּנים האָט געשאָקלט מיט די ירושהדיקע גראָבע טײַפלישע וואָנצעס, זיך אַלע מאָל געוואָרפן אַקעגן איבער צו גוסטאַוו ענגעלן און געפרעגט מיט געמאַכטער פרײַנדלעכער פאַראינטערעסירטקייט:

— וואָס שרײַבט עפּעס פיליפּ פונעם רעגימענט? זיך צוגעוווינט צום מיליטער־לעבן?

גוסטאַוו האָט שטרענג, סודותפול געשמייכלט.

— איך האָב אים געזען דאָ אַנומלט, ווען ער איז געווען אויף אורלויב פאַרבײַגייען ביי אַדאָם מאַנצס טויער — האָט פריץ זיס העפלעך דערציילט און מיט דער זעלבער זיסער העפלעכקייט אויסגעציקלט דעם שטאָך: „ביי אַדאָם מאַנצס טויער" — איז געווען אַ פאַרגעניגן אויף אים צו קוקן. דער וואָפּנראָק ליגט אויף אים ווי אויסגעגאָסן, די שטיוול מיט די שפּאָרענס ווי צוגעוואַקסן צו די פיס. אַ געבוירענער קאַוואַלעריסט!

גוסטאַוו האָט אַ קוק געגעבן אויף די שוואָבן ביים טיש און געזען, אַז מ'וואַרט אויף זײַנס אַ וואָרט ווי אין די גוטע צײַטן מיט אַ דרײַ יאָר צוריק. ער האָט אַ נעם געטאָן מיט גדלות דאָס גלעזל ווײַן צום מויל, געטרונקען, הנאה געהאַט פון דעם גוטן קאַטנאַרער ווײַן און נאָך מער דערפון, וואָס דאָס וואַרטן אויף זײַן וואָרט ציט זיך שטיל און אומגעדולדיק נאָך עטלעכע מינוט. דערנאָך האָט ער פאַרריסן די וואָנצע איבער זײַנע דינע, עטוואָס קרומלעך געצויגענע ליפּן, אַוועקגעווישט די פײַכטקייט פון זיי, גלײַך ער זאָל זיי וועלן באַווײַזן פאַרן עולם מיט דער גאַנצער טרוקענער תקיפות וואָס שטעקט פון זיי אַרויס, און האָט אָנגעהויבן, ווי זײַן שטייגער איז געווען, אַז ער האָט זיך געפילט זיכער, צו רעדן שטיל און מיט חשיבות:

— מײַן פיליפּ, איז זינט ער האָט זיך אַרויסגעשלאָגן די נאַרישקייטן

פון קאָפּ (בײַם וואָרט „נאַרישקייטן" האָט גוסטאַוו אַ באַהאַלטענעם קוק געכאַפּט צו פּריצן — פון פּריצס פּנים האָט אַ ווייע געטאָן אויף גוסטאַוון אומרויִקייט און זיך אָװעקגעלייגט ווי אַן אײַזערנער פונדאַמענט אונטער גוסטאַווס רייד. גוסטאַוו האָט דערפילט אין זיך נאָך מער זיכערקייט) — געוואָרן אַ גאַנצער מאַן. איך בין אַנומלט געווען בײַם קאָמענדאַנט פונעם 8טן רײַטער־רעגימענט מיט אַ רעקאָמענדאַציע פונעם הער קרײַזהויפּטמאַן, איז געקומען צו רייד וועגן מײַן פיליפּן. דער הער אָבערסט האָט זיך גאָר נישט געקאָנט אָפּלויבן זײַנע גוטע קאָנדויִטן און מיר געזאָגט, אַז ער פיגו־רירט צווישן די געציילטע אויסגעצייכנטע סאָלדאַטן, וואָס וועלן נאָך פאַר ווײַנאַכט, נאָך אַ קוים־זעקס־מאָנאַטלעכן דינסט, אַוואַנסירט ווערן. דער הער אָבערסט, — האָט זיך איצט גוסטאַוו געווענדט דירעקט צו פּריצן, אים גע־וואָרפן די ווערטער גלײַך אין פּנים אַרײַן, ווי שטעכיקע בערעלעך, — האָט געהאַט די פרײַנדלעכקייט מיר צו מאַכן קאָמפּלימענטן. פונעם הער קרײַז־הויפּטמאַנס בריוו, — האָט דער הער אָבערסט געהאַט די פרײַנדלעכקייט מיר צו זאָגן, — פאַרשטייט ער שוין, אַז דער זון פון אַזאַ געטרײַען אונ־טערטאַן פון זײַן מאַיעסטעט, קאָן נישט אַנדערש זײַן ווי אַ געטרײַער סאָלדאַט פון זײַן מאַיעסטעט.

גוסטאַוו האָט זיך אָפּגעשטעלט, געהאַט דאָס באַדערפעניש צו געניסן דעם איינדרוק פון זײַנע וויזיטן בײַם רעגירונגס־קאָמענדאַנט און בײַם קרײַזהויפּטמאַן.

— האָט ער אײַך אויך געזאָגט, — האָט אומגעריכט איבערגעריסן די אָנגעשטרענגטע שטילקייט יאָהאַן גערמאַן, געשטופּט די ווערטער פון מויל שווער און מיט שׂנאה, זיך אַלע מאָל פאַרהאַקט בײַ די „ס"ן, „פּ"ען און „ב"ן — דער הער אָבערסט, פאַר וואָס דער פאַרער טיפּאַ איז פאַרשיקט געוואָרן ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענעם הוצולן־העק בײַ דער פּוילישער גרענעץ? איז אין דעם בריוו פונעם קרײַזהויפּטמאַן אויך געשטאַנען, פאַר וואָס מ'האָט צוגענומען בײַם געמיינדע־ראַט האַראַנד די דערלויבעניש פאַר שוסטערײַ?

אויף פּריצס קײַלעכיק פעט פּנים האָבן זיך באַוויזן קליינע בלוט־אויפלויפן. ס'האָט אויסגעזען, גלײַך ס'פּנים איז מיט אַ מאָל באַזעצט גע־וואָרן מיט פּרישטשעס. ער האָט נישט־ווילנדיק צוגעמאַכט זײַנע מאַנגאַ־ליש געשניטענע אויגן, נישט געהאַט דעם כּוח צו קוקן אויף אַלץ, וואָס וועט

זיך דאָ באַלד אָפּשפּילן. אים האָט פאַרדראָסן וואָס יאָהאַן גערמאַן האָט זיך אַרײַנגעריסן מיט זײַנע היקעוואַטע אומגעלומפּערטע רייד אין דעם העפּ־לעכן, שטעכווערטלדיקן שמועס צווישן אים און גוסטאַוון. ער האָט פאַר־שטאַנען, אַז יאָהאַנס גראָבער אַרויספאָר וועט אויסגעטײַטשט ווערן ווי אַ שוואַכקייט פון דער געוויילטער דאָרפס־פאַרוואַלטונג. ער איז געווען זיכער, אַז דער הײַנטיקער שמועס וועט וואָרט בײַ וואָרט דערגיין צום קרײַזהויפּט־מאַן. ער האָט געזען פאַר זיך דעם נײַעם האַבסבורגער־קנעכט פאַנאַיט איסטעטשעסקול, געזען ווי ער שאָקלט מיט זײַן אײַנגעדאַרטן הענטל און דיקטירט נײַע פאַראָרדענונגען צום הער „בירגערמײַסטער אין קאָזמין“:

אַ פאַראָרדענונג צו שאָטערן דעם שטראָז אין סאַמע ברעך פון פעלדאַרבעט;

אַ פאַראָרדענונג צו שיטן קאַרבאָל אין די לאַטרינעס אין מיטן ווינטער;

אַ פאַראָרדענונג אַרײַנצושיקן מיט אַ קוריער אין משך פון 48 שעה אַ ספּע־ציפיקאַציע פון די נײַ־געבוירענע שאָף, און יעדע פאַראָרדענונג ענדיקט זיך דערמיט, אַז דער הער בירגערמײַסטער טראָגט פערזענלעך די אַחריות. פריץ האָט געוווּסט, אַז די פאַראָרדענונגען זײַנען אויסן אים צו פאַרנמאסן דעם אַמט פון בירגערמײַסטער, אים צו פאַרנמאסן בײַ די בירגער, וואָס מוזן פון זײַנעט וועגן לײַדן איסטעטשעסקולס שיקאַנעס. ער וואָלט זיך גערן אָפּגעזאָגט פון זײַן אַמט, איבערגעלאָזן גוסטאַוון די פירונג און אַליין זיך צוריקגעצויגן אויף זײַן גרויסער ווירטשאַפט רויִק און אומגעשטערט צו אַרבעטן. אָבער וואָס וועלן זאָגן דערצו דער היקעוואַטע יאָהאַן גערמאַן, דער ווילדער אַדאַם מאַנץ און דער שטילער, אומהיימלעכער הײַנץ פפײַ־פער? פפײַפער וועט נישט זאָגן גאָרנישט, נאָר וועט גלאָצן אויף אים, ווי שטענדיק, מיט זײַנע גרינע, דולע אויגן פון שטראָף און שרעק.

מיט אַ מאָל לויפט פריצן דורך אַ געדאַנק, אַז הײַנץ איז אין שטאַנד און צינדט אים אונטער דאָס הויז. פריץ טײַפעל איז בטבע נישט געווען קיין פחדן, אָבער איצט, אַז ער טראַכט וועגן פפײַפערן, פילט ער ווי די פיס אונטערן טיש זײַנען אים ווי אונטערגעהאַקט. אין שטוב איז, דאַכט זיך, וואַרעם, זייער וואַרעם, אָבער ער, פריץ, פילט די שפּיצפינגער פאַרגלײַ־ווערט, גלײַך דורכגענומען מיט זאַפּערעס פון פראָסט. ער טוט זיך אָן אַ כּוח, הייבט זיך אויף פונעם בענקל און שפּאַנט האַסטיק צו דער טיר. ער לאָזט זיך גיין אין דער פאַרסלאָטעטער אָסיענגאַכט, צו פפײַפערס ליימ־שטיבל אונטערן טערעשענער בערגל. ער וויל פאַרזיכערן הײַנצן, אַז ער

קלערט נישט אָפּצוזאָגן זיך פון זײַן אמת, אַז ער וועט בלײַבן אויף דער פּאָזי־ציע ביז צו לעצט. ער לויפט איבערחזרן פאַר פּפײַפערן ווערטער, וואָס יענער האָט זיי האָלד צו הערן און וואָס נאָר זיי זײַנען בכוח אָפּצושטעלן צו מאָל דאָס וועלפּישע פײַערל אין זײַנע אויגן. „דער בירגערמײַסטער פריץ טײַפעל איז גרייט צו שטאַרבן ווי אײַן וואָרער העלד אין קאַמף פאַר פרײַהייט״.

אַז פריץ האָט געגומען גיין אַ קענטיק צעטומלטער צו דער טיר, האָט גוסטאַוו לכתחילה אַ טראַכט געטאָן אים פרײַנדלעך אָפּצושטעלן און צוריק צו פאַרבעטן צום טיש. ס׳איז אים אָבער נאָך רעכטצײַטיק אײַנגעפאַלן, אַז דער ענטפער אויף זײַן העפלעכקייט קאָן זײַן אַ צווייזײַטיקער וויץ מצד געמאַנען אָדער גאָר מצד פריצן אַליין. ער האָט אויף גיך איבערגעפירט זײַנע אויגן פון פריצן צו דער אייגענער אייבערשטער וועסטל־קעשענע, אַרויסגעשאַרט פון דאָרט אַ לעדער־ציגאַר, פאַררייכערט און דורך די בלוי־לעכע רויכרינגען געגומען איידל חניפהדיק און גיפטיק דורכצילן דעם ענטפער אויף יאָהאַנס פראַגעס.

— ס׳איז נישט פון די לײַכטע זאַכן, אויסצופילן דעם פאַראַנטוואָרטלעכן אמט פון קרײַזהויפּטמאַן... אין די הענט פון אַ קרײַזהויפּטמאַן ליגט דאָס וווּיל פון אַ גאַנצן קרייז, פון טויזנטער אונטערטאַנען און נאָך מער: דער העכערער אינטערעס פונעם לאַנד, פונעם שטאַט, פון דער אַפּאָסטאָלישער האַבסבורג־דינאַסטיע... ווען זײַן עקסעלענץ, דער הער גענעראַל־קאָמענדאַנט זאָל דיך, ליבער יאָהאַן, — האָט גוסטאַוו פאַרקערעוועט דעם רויך צו דער רעכטער זײַט טיש, האָט העפלעך געשמייכלט צו געמאַנען, וואָס איז געזעסן אַ פאַרטראַכטער און זיך געפּײַניקט צו דערגיין, פאַר וואָס פריץ איז פּלוצעם אַוועקגעגאַנגען — ווען זײַן עקסעלענץ זאָל דיך געוועגן אַוועקשטעלן אויפן קרײַזהויפּטמאַן איסטעטשעסקולס אָרט (און אַזוינס איז זייער געמאָלט, וואָרעם דו ביסט דאָך, ס׳איז נישט צו לייקענען, אַ קלוגער און אינטעליגענ־טער בירגער), וואָלסטו, מײַן ליבער יאָהאַן, אויך נישט געקאָנט אַנדערש האַנדלען. דו ביסט נישט צופרידן, פאַר וואָס מ׳האָט דעם פאַרער טיפּאָ פאַר־שיקט פון קאָזמין? דו פאַרגעסט, ליבער יאָהאַן, אַז וואַלאַכן זײַנען ניט קיין דײַטשן. וואַלאַכן, ווייסטו אַזוי גוט ווי איך, זײַנען אַן איינפאַך פאָלק. אַן רעליגיאָן איז נישטאָ קיין מאָראַל בײַ קיינעם און בײַ איינפאַכע מענטשן אַוודאי נישט. די וואַלאַכן דאַרפן אַ פאַרער, וואָס זאָל אין זינען האָבן די

קירכע און נישט וואָל־פאַרזאַמלונגען. טיפּאָ וואָלט געקאָנט זײַן אַ דײַטשער פּאַסטאָר, אָבער פֿאַר אַזאַ אומגעבילדעט פֿאָלק ווי די וואַלאַכן טויג ער נישט. דער הער קרײַזהויפּטמאַן איסטעטשעסקול איז דאָך אַליין אַ וואַלאַך. קען מען אויף אים פֿאַראיבל האָבן, וואָס ער שענקט אַ באַזונדערע אויפֿמערק־זאַמקייט זײַנע אייגענע פֿאָלקסלײַט? דער קרײַזהויפּטמאַן איז נישט נאָר אַ געטרײַער באַאַמטער פֿון זײַן מאַיעסטעט, נאָר אויך אַ געטרײַער זון פֿון זײַן פֿאָלק. קאָן ער נישט פֿאַרלײַדן, ווען ער זעט, ווי זײַנע ברידער ווערן אַראָפּגעפֿירט פֿונעם וועג פֿון מאָראַל, רעליגיאָן און פּאַטריאָטיזם פֿון עפּעס אַ טראַנסילוואַנישן וועגעטיק, וואָס וויל דאָ בײַ אונדז אין דער שיינער בוקאָווינע מאַכן פּאָליטישע קאַריערע. די פּאָליטיק איז פֿאַר בירגער, אָבער נישט פֿאַר פּאַרערס.

דער עולם בײַם טיש האָט געשוויגן. גוסטאַוו האָט געשטערט די שטילקייט. ער האָט געפֿילט, אַז די אַרומיקע ציִען זיך צוריק צו אים, צום אַלטן בירגערמײַסטער, נאָר די שטילקייט פֿאַרהאַקט זיי דעם וועג. ער האָט אַ נעם געטאָן אַ גלאָז ווײַן אין דער האַנט און זיך געווענדט צו די אַרומיקע:

— לאָמיר טרינקען עקס אויפֿן געזונט פֿונעם נײַ־געבוירענעם און זײַנע עלטערן.

די אײַנגעשלעפּערטע האָבן זיך ראַזדרעכעט, זיך אַ כאַפּ געטאָן צו די גלעזער. אַז די גלעזער זײַנען שוין געשטאַנען צוריק אויפֿן טיש, האָט גוסטאַוו אַ צעשמייכלטער, אַ גוט אויפֿגעלייגטער אַ פֿרעג געטאָן מיט זײַן טיפֿער באַסאָווער שטים:

— ריכטיק?

— ריכטיק! — האָט עס צוריקגעשאָלט פֿון אַלע זײַטן.

— גיב מיר דײַן האַנט, יאָהאַן, — איז גוסטאַוו געוואָרן פּאַטעטיש, — דו ביסט אײַן וואַרער דײַטשער מאַן און מײַן פֿרײַנד.

17

אין פּפּײפּערס לײמשטיבל

הײַנץ פּפּײַפּערס לײמשטיבל האָט װי עפּעס אַ מצורע געפּראַװעט התבודדות מחוץ פֿון קאַזמין ערגעץ אין אַ טאָל בײַם אַנהײב פֿון די טע־רעשענער קאַרטאָפּל־פֿעלדער. װײַט פֿונעם נײַבורג־קאַזמינער שטראָז און אַן אַ זײַט אַפֿילו פֿונעם לאַנדװעג, װאָס פֿירט צו די רחבותדיקע קאַרטאָפּל־לאַנעס, האָט מען אַהין געקאָנט צוקומען נאָר דורך אַ שמאָלער סטעזשקע. די סטעזשקע איז געװען אַזױ משופּעדיק, אַז גײן איבער איר האָט געהײסן, מיט דער גאַנצער װאָג פֿונעם קערפּער צוריקהאַלטן די פֿיס, זײ זאָלן זיך נישט סאַמעװאָליש צעלױפֿן װי װילדע ערגעץ אין כּף־הקלע אַרײַן. אין רעגנ־דיקע אָסיענעכט פֿאַרזאַמלען זיך פֿאַרן אַרײַנגאַנג צו פּפּײַפּערס אַבאַרע אַלע װאַסערן, װאָס קומען צו לױפֿן פֿון די אַרומיקע בערגלעך און שאַפֿן דאָרט אַ קינסטלעכן טײַך, װאָס טריקנט אױס נאָר אונטער דער מיט־זומער־דיקער הײסער זון.

פֿריץ טײַפּעל האָט דורכגעבראָדזעט די קאַלוזשע אין זײַנע הױכע יוכ־טענע שטיװל, אַ שטופּ געטאָן מיטן שטעקן דאָס טירל בײַם פּלױט און גע־מאַכט עטלעכע שריט איבער דער אַבאַרע צו דער שטובטיר צו. אַ קודלאַ־טער שװאַרצער הונט איז פּלוצעם אָנגעלאָפֿן װי אַ שטיק פֿינצטערניש, צו־געשפּרונגען צו פֿריצן מיט אַ בײזער בילערײַ און גענומען רײַסן מיט כּוח בײַם רעקל. פֿון דער שטוב האָט זיך קײנער נישט אָפּגערופֿן. מען איז גע־װױנט געװען צו קודלאַטעס האַװקערײַ. פֿריץ האָט געפּרוּװט אָפּװערן זיך פֿונעם הונט מיטן שטעקן, אים דערלאַנגט עטלעכע מאָל איבער די קרײ־זשעס. ס׳האָט נישט געהאָלפֿן. אין קודלאַטען האָט זיך צעברענט אַ װילדע רציחה. ער איז אַלע מאָל אָפּגעלאָפֿן אַ פּאָר שריט, כּדי דערנאָך זיך מיט נאָך מער אימפּעט צו װאַרפֿן אױף זײַן קרבן. אַז פֿריץ האָט דערפֿילט דעם הונטס שאַרפֿע קראַלן אױף דער ברוסט, האָט ער זיך נישט געקאָנט קײן אַנדערע עצה געבן און גענומען שרײַען געװאַלד.

— ראַטעוועט! — האָט עס אומהיימלעך אָפּגעקלונגען אין דער גרויער, פאַרסלאָטעטער האַרבסטנאַכט.

— האַוו־האַוו, — האָט קודלאַטעס בילעריי צוגעדעקט פּריצס קול, אים געגעבן אָנצוהערן, אַז דאָס שרייען וועט אים נישט העלפן: די בעלי־בתים שלאָפן ווי געהרגעט און ווייט און ברייט איז נישט צו זען קיין מענטש.

פּריץ האָט אָנגעשטרענגט זיינע לעצטע כוחות, זיך געררוקט אויף קעריק צו דער שטוב צו, געזוכט אַן אָנלען פאַר דער פּלייצע און דערנאָך מיט אַ גבורה, וואָס דערוועקט זיך אין מענטשן נאָר אין מאָמענטן פון סכנה, איינ־געקלעמט מיט ביידע הענט קודלאַטעס האַלדז. דער הונט האָט אָנגעהויבן סקאַוווטשען, כאָרכלען און איז אַנטשוויגן געוואָרן. אַ גוססן האָט אים פּריץ אַריינגעוואָרפן אין דער קאַלוזשע.

אַ צעמזיקטער, מיט אָפּגעריסענע קליידער, האָט פּריץ גענומען קלאַפּן מיט די פויסטן אין שטובטיר, וועקן די פּפייפערס.

עס האָבן זיך דערהערט טריט. די טיר איז אויפגעגאַנגען. ס'האָט זיך באַוויזן אַ הויכע, ביינערדיקע, צעשויבערטע שוואַבקע אין אַ וואָלעכיש־פויערישן נאַכטהעמד און מיט אַ קאַנעצל אין דער האַנט. דערזען פּריצן האָט זי אויף גיך געפּרוווט צורעכט מאַכן די צעשויבערטע האָר און פון דער טיר גענומען וועקן איר מאַן הויך און מיט אַ קוויטש:

— היינץ, שטיי אויף, דער הער בירגערמייסטער טייפּעל איז געקומען.

גוסטאַס ווערטער זיינען נישט דערגאַנגען צו דעם שלאָפנדיקנס אויער. דער שאַל זייערער אָבער האָט, ווי דער קיצל פון אַ פּעדער, באַרירט די הויט אויף זיין אָפּגעדעקטער פּלייצע. היינץ האָט אַ שאַר געגעבן מיט דער האַנט איבער דער פּלייצע גלייך ער זאָל וועלן פאַרטרייבן פון דאָרט אַ זלידנע פליג, דערנאָך זיך איבערגעדרייט אויף דער אַנדערער זייט און גענומען פון דאָס ניי געשמאַק כראָפּען.

— וואָס שלאָפט ער אַזוי געשמאַק, היינץ? נאָך נישט צען אַ זייגער אַפילו! — האָט פּריץ אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און מיט פאַרדראָס געפרעגט.

— געהאַקט אַ גאַנצן טאָג האָלץ ביי גערמאַנען, אַהיימגעקומען מיד, קוים אָפּגעגעסן און שוין איינגעשלאָפן, — האָט גוסטאַ פאַרענטפערט איר מאַן.

— אַ בייזן הונט האָט ער זיך אויסגעזוכט, היינץ. נישט קיין שפּאַס,

וואַרפֿט זיך אויף אַ מענטשן ווי אַ הונגעריקער וואָלף, — האָט פּריץ ווײַטער פֿאַרדראָסיק געבורטשעט.

— נו, יאָ, הער בירגערמײַסטער, — האָט גוסטאַ אַ פֿאַרשולדיקטע אים געזוכט איבערבעטן פֿאַרן צעגראַטשטן פּנים און צעריסענעם רעקל, — מ׳ווילנט דאָך אויסערן דאָרף, מוז מען האָבן אַ שאַרפֿן הונט אויף אָפּצוהיטן דאָס ביסעלע האָב און גוטס. זינט דרײַ יאָר, וואָס מיר האָבן קודלאַטען, האָט קיין פֿוקס און קיין טכויר נישט פּריפּאַרעט צו אונדזער ווירטשאַפֿט.

פּריץ האָט געהאַט דאָס באַדערפֿעניש צו באַליידיקן אַט די הויכע, בײַנערדיקע שלעפּערקע, וואָס פֿאַרטיידיקט אַזוי פֿרום זײַן שונא קודלאַטען. ער האָט געוואָלט צולויפֿן צום בעט אויפֿוועקן הײַנצן און אים זאָגן, אַז ער איז אַן אויסוווּרף:

„ס׳קומט צו דיר דער בירגערמײַסטער פּריץ טײַפֿעל, כּערעסטו גלײַך ס׳וואָלט געקומען דײַנס גלײַכן? ווער בין איך און ווער ביסטו?״

ער האָט געכאַפּט אַ קוק אויף הײַנצן, וואָס איז איצט געלעגן נאַזנדיק. די פֿאַרמאַכטע אויגן זײַנע הײַנע האָבן, דאַכט זיך, געהאַט אָפּענע שפּעלטלעך, דורך וועלכע זיי האָבן אַדורכגעזען, וואָס ס׳טוט זיך אין שטוב. דאָס פּנים בלאָס, גזלניש צונויפֿגעשנאַרעוועט אונטער דער נאָז.

פּריץ איז מיט אַ מאָל געוווען זיכער, אַז הײַנץ מאַכט זיך נאָר שלאָפֿנדיק, אַז באַלד וועט ער אַראָפּשפּרינגען פֿונעם בעט, אים אָנכאַפּן בײַם לאַץ און פֿרעגן:

וואָס זיצסטו אַזוי לאַנג און פֿאַרברענגסט מיט מײַן ווײַב? וואָס ביסטו אויסן? זעסט, אַז איך שלאָף, זאָגט מען אַ גוטע נאַכט און מ׳גייט אַהיים! און איבעריקנס, צו וועמען איז דער וויזיט אַזוי שפּעט בײַ נאַכט, צו מיר, צי צו גוסטאַן?

וואָס וועט ער ענטפֿערן, פּריץ? וואָס וועט ער אים זאָגן?

דער בירגערמײַסטער פּריץ האָט מורא באַקומען, אַז דער לאַנד־אַר־בעטער הײַנץ פֿפֿײַפֿער, וואָס האָט געהאַקט אַ גאַנצן טאָג האָלץ בײַ גער־מאַנען פֿאַר אַ האַלבן פֿלאַרין, וועט קומען אים אײַנזאָגן דעות צי ער זאָל זיך יאָ צי נישט אָפּזאָגן פֿון זײַן אַמט? און אויב דער בירגערמײַסטער וועט נישט טאָן ווי ער וויל, וועט ער אים באַשטראָפֿן, וועט אים אונטערצינדן דאָס הויז?

אַ נעבעכדיקער, אַ פֿאַרשעמטער האָט ער זיך אַליין געמוסרט:

וואָס פּאַראַ שוואַרציאַר האָט מיך אַהער געבראַכט? נישט אַנדערש נאָר נישט־גוטע האָבן מיך פאַרשלעפּט אַהער אין ליימענעם שטיבל, כּדי אָפּצוהוזקן פון מיר, אָפּצולאַכן פון מײַן פּאַרמעגן, פון מײַן אַמט, באַלד וועט אָנרוקן אַהער אַ כאַפּטע ענגעלס, — האָט זײַן צעשראָקענער מוח געפּי־בערט, — גוסטאַוו וועט מיט הנאה באַטראַכטן מײַן צעגראַטשעטע פּנים, מײַנע צעריסענע קליידער, וועט מיר העפלעך, גוט־ברודעריש אַ קלאַפּ טאָן איבער דער פּלייצע:

— וואָס איז געשען, פּריץ? מיט הײַנצן ביסטו איין קנעפּל און מיט גוסטאַן קאָנסטו נישט דורכקומען? אַ פּרויענצימער מוז מען וויסן ווי צו נעמען!

פּריץ האָט דערפילט, אַז ער מוז וואָס גיכער פון דאַנען אַוועק.

— ס׳איז שפּעט געוואָרן, מע מוז גיין, — האָט ער זיך אויפגעהויבן פונעם בענקל, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צו גוסטאַן.

— איר האָט געוואָלט רעדן מיט הײַנצן? וואָס זאָל איך אים איבער־געבן אין אײַער נאָמען? האָט גוסטאַ צוריקגעגריסט פּריצן.

— איר וועט אים זאָגן, — האָט פּריץ געשטאַמלט, אונטערגעהוסט ווי אַ שילער, וואָס ווייס נישט וואָס צו ענטפערן אויפן לערערס אַ פראַגע, — איר וועט אים איבערגעבן, אַז כ׳האָב געוואָלט ער זאָל קומען מאָרגן זעגן האַלץ בײַ מיר, אָבער כ׳האָב עס אָפּגעלייגט אויף אַן אַנדערש מאָל. איך וועל שיקן אַן אַרגאַט אים צו וויסן טאָן ווען ער זאָל קומען.

גוסטאַ האָט קאָקעט־ווײַבעריש פאַרשנעבלט איר ברייט מאַנצביליש מויל און דער אָנזעעוודיקער בלאָנדער מאָך אויף דער אייבערשטער ליפּ אירער האָט, דאַכט זיך, געלויכטן מיט אַ שעלמיש אומגלייביקן שמייכל.

— איר וועט אים זאָגן, גוסטאַ, — האָט פּריץ געוואָלט אַוועקווישן דעם אומגלייביקן שמייכל אַרום איר מאַנצבילישן מויל, — ער זאָל מאָרגן גאַנץ פרי קומען צו דער אַרבעט. איך צאָל דעם זעלבן פּרײַז וואָס געדמאַן.

גוסטאַ האָט דעם בירגערמײַסטער אַרויסבאַלייט ביז צו דער קאַ־לוזשע.

דערזען דאָרט איר קודלאַטען ליגן אַ טויטן, האָט זי באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט פּריץ זיך אַזוי ספּראַוועט מיטן הונט. זי האָט מיט אירע לאַנגע, פאַרהאָרעוועטע הענט געגומען פּאַטשן אירע ביינערדיקע באַקן, די קליינע אויגן אירע זײַנען געוואָרן גרעסער און גרעסער ביז זיי האָבן אָנגעהויבן

אויסזען ווי צוויי צײַטיקע פלאָמען אָנגעלאָפן מיט זאַפט. די שטרוי־בלאָנדע האָר האָבן זיך אימפּעטיק געשויבערט ווי אין אַ זאַווערוכע, די אָדערן אויפן האַלדז זײַנען געוואָרן בולט ווי דיקע בלויע שטריק. ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז גוסטאַ שטיקט זיך, ראַנגלט זיך פאַרצווייפלט נאָך לופט.

ס׳האָט אַזוי געדויערט אַ לאַנגע מינוט. דערנאָך האָבן זיך פון דעם פאַרגליווערטן אָפענעם מויל געגומען נאָכיאַגן נאָך פריצן געוויין, זידלערײַען און קללות. דער בירגערמײַסטער האָט זיך נישט אומגעקוקט, ער האָט געבראָדזעט איבער דער קאָלושע, פאַרזיכטיק אויסגעמיטן דעם הינטישן פּגר און איז אָן אָטעם ווי אַ קליין יינגל געלאָפן איבער דער סטעזשקע באַרג־אַרויף.

גוסטאַס רייד, וואָס זײַנען געווען אָנגעלאָדן מיט דער ביטערקייט פון הונגער אין טעג, ווען הײַנץ האָט אָנשטאָט צו אַרבעטן און צו פאַרדינען אויף אַ מאַמעליגע זיך געקהלט מיט פריצן אין פּאָליטיק, האָבן ווי שווערע טראָפּנס פון אַ שלאַקסרעגן געקלאַפּט אויפן בירגערמײַסטערס פּלייצע, אויפן בירגערמײַסטערס קאָפּ, אים געיאָגט אַהיים אַ פאַרשעמטן, אַ באַליידיקטן, זיך אָפּרייניקן פון אַ נאַכט, וואָס האָט אויסגעשמירט אין שמוץ יאָרן פון מאַנצבילישער ווערדע, יאָרן פון בעל־הבתישער רײַכקייט, יאָרן פון מענטשלעכער גאווה.

18

דעם ערשטן נאָוועמבער אין טשערנאָוויץ

אַ העל־פּראַסטיקער ערשטער נאָוועמבער, דער „טאָג פון אַלע נשמות". — מע גייט, מע פאָרט צו די קריסטלעכע בית־עולמס. אויף די טראָטואַרן — אין שוואַרצן פאַרפּוצטע פּוסגייערס מיט בלומען־בוקעטן אין די הענט. אויפן שטראָז שוואַרץ לאַקירטע פיאַקערס באַלאָדן מיט גרויסע בלומען־קרענץ, איבער וועלכע ס׳קוקן אַריבער פּנימער מיט מינעס טרויעריקע, פרומע, אָנגענומענע צוליב דער הייליקייט פונעם טאָג.

דער וועג באַרג־אַראָפּ צו דער וואַסערגאַס, צו דער גאַס פונעם קאָטוילישן און פּראָטעסטאַנטישן צווינטער, פירט פאַרבײַ בײַ דער מאָנומענטאַלער רעגירונגס־געביידע, וווּ עס אַמטירט זינט עטלעכע חדשים דער נײַער לאַנד־אַדמיניסטראַטאָר באַראָן העניגער.

באַראָן העניגער איז הײַנט אויפגעשטאַנען פאַר פרי. אַכט אַ זייגער האָט ער באַשטעלט צו דער אַרבעט זײַן אַדיוטאַנט מאַיאָר פאָן לענץ. פאָן לענץ איז נאָר וואָס אַרײַנגעקומען אין זײַן שעפס אַרבעטס־צימער, איז שטיין געבליבן בײַ דער טיר, אַ צי געגעבן נאָך העכער זײַן הויכן גוף, אַ קלאַפּ געטאָן מיט די שפּאָרן און אַרײַנגעשריגן אין חלל אַרײַן:

— גרייט אײַך צו דינען, עקסעלענץ.

די עקסעלענץ איז אַרויסגעקומען פון דער נישע, וואָס אין אַנדערן עק זאַל, אַקעגנגעגאַנגען זײַן אַדיוטאַנט, אים אויסגעשטרעקט אַ לאַנגע, ווײַסע אַריסטאָקראַטן־האַנט:

— גוט מאָרגן, מאַיאָר, האָט איר אויסגעאַרבעט דעם אָרדענונגס־פּלאַן?

דער מאַיאָר האָט צעוויקלט זײַן אַקטנטאַש, אַרויסגענומען פון דאָרט אַ פאַרגרעסערטן פּלאַן פון די גאַסן, וואָס פירן צו דער קירך פון הייליקן יאָזעף און פון דאָרט צום צווינטער, און דערלאַנגט דעם באַראָן.

דער לאַנד־אַדמיניסטראַטאָר האָט גייענדיק צוריק צום שרײַבטיש אין דער נישע שטודירט דעם פּלאַן. אַז עפּעס אַ דעטאַל איז אים באַזונדערס

געפעלן געוואָרן, האָט ער אויפגעהויבן זײַנע אויגן פונעם פּאַפּיר, האָט צאַרט געגלעט זײַנע בלאָנדע באַקנבערד, וואָס וועלן מיט יאָרן שפּעטער פּאָפּולער ווערן אונטערן נאָמען „פראַנץ־יאָזעפס באָרד", און האָט העפלעך געשמייכלט צו זײַן אַדיוטאַנט.

בײַם שרײַבטיש האָט דער באַראָן אויסגעשפּרייט דעם פּלאַן און דער אַדיוטאַנט האָט גענומען געבן דערקלערונגען, פּאַרטײַטשן די כלערליי רויטע קרייצעלעך און בלויע פּינטעלעך, מיט וועלכע ס'פּאַפּיר איז געווען אָנגע־פּיקעוועט.

— דער בלויער פּינטל דאָ אונטן אין דרום באַצייכנט דאָס האָטעל דע רוסיע אויפן זיבנבירגער שטראָז, ווו עס נעמען זיך צונויף די סטודענטישע פֿאַראיינען. דאָרט ווערט צונויפגעשטעלט די פּראָצעסיע פון די בלויע היטלעך צו דער הייליקער יאָזעף־קירך.

— דער צווייטער בלויער פּינטל אויך אין דרום אויף דער באַרג־גאַס, וואָס לויפט פּאַראַלעל צום זיבנבירגער־שטראָז, איז די אַלטע אַפּטייק, ווו דער פאָן אַלט אָרגאַניזירט דעם מאַרש פון זײַן קאָקאַרדירטער נאַציאָנאַל־גאַרדע.

דער לאַנד־אַדמיניסטראַטאָר האָט זיך דערמאַנט אָן דער אוידיענץ, וואָס דער אַפּטייקער פאָן אַלט האָט בײַ אים געהאַט מיט אַ דרײַ חדשים צוריק. ס'האָט אים אַ ווייע געטאָן פאַר די אויגן די רעוואָלוציאָנערע קאָקאַרדע, וואָס האָט געשטעקט בײַם אַפּטייקער אין לאַץ. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, ווי קאָן אַן אַדעליקער, און הער פאָן אַלט שטאַמט פון אַלטן נידער־עסט־רײַכישן אַדל, מאַכן אַ קאָנספּיראַציע קעגן דער מאָנאַרכיע, וואָס איז דאָך אידענטיש מיט דער אָנפירנדיקער שטעלונג פונעם דײַטשטום אין שטאַט. אויף זײַן פּנים האָט זיך צעלייגט אַ מינע פון פאַרזאָרגטקייט, וואָס האָט פאַרטונקלט די עלעגאַנץ פון זײַנע פּעדאַנטיש אויסגעסטרויעטע באַקנבערד.

דער אַדיוטאַנט האָט מיט דער זיכערער אינטויציע פון אַ געטרײַען משרת געטראָפן דעם באַראָנס געדאַנק.

— זײַן עקסעלענץ, דער הער גענעראַל־קאָמענדאַנט, — האָט ער גע־געבן ברייטערע דערקלערונגען צום צווייטן בלויען פּינטל, — מאַכט אין זײַן לעצטן צירקולאַר באַזונדערס אויפמערקזאַם אויף דער קאָקאַרדן־חוצפּה פון די גאַרדע־רעבעלן. ער שטרײַכט אונטער, אַז ער פאַרבאָט איין פאַר אַלע מאָל דאָס טראָגן פון רעבעלישע אָפּצייכנס. זײַן עקסעלענץ באַפעלט

אויסדריקלעך צו קאָנפיסקירן בײַ די רעבעלן די קאָקאַרדעס און צו דעקאָ־רירן מיט זיי די פערד. פאַר די פערד, מיינט וויציק דער הער גענעראַל־קאָמענדאַנט, פאַסן זיי אויסגעצייכנט.

— וואָס פאַר אַ וווּנדערלעכן מיליטערישן הומאָר עס פאַרמאָגט גראַף האַמערשטיין! — האָט זיך דער באַראָן צעלאַכט אויף אַ קול און דערבײַ צעשטערט די סימעטריע פון זײַנע באַקנבערד.

— מיט גראַף האַמערשטיינס ווערטלעך קוויקט מען זיך אין די ווינער הויפקרייזן — האָט מאַיאָר לענץ אויף אַדיוטאַנטיש שטייגער גענומען אויפבינדן זײַן זעקל רכילות פאַרן שעף, — מ׳זאָגט, אַז דאָ אַנומלט האָט דער לײַבדאָקטער איבערגעזאָגט גראַף האַמערשטיינס אַ זייער געלונגענעם וויץ פאַר איר קייסערלעכער הויכקייט, דער ערצהערצאָגין סאָפיע, און איר הויכקייט האָט געשמייכלט, כמעט געלאַכט, און האָט אויסגעדריקט איר ווונטש, אַז מ׳זאָל איר בײַ געלעגנהייט פאָרשטעלן דעם וויציקן גראַף.

צווישן באַראָן העניגערס מילד צוגעשוירענע באַקנבערד האָט זיך באַ־וויזן אַ גיפטיק, טרויעריק שמייכעלע. אַ פרעמדן וואָלט זיך אפשר אויסגע־דאַכט, אַז מיט דעם שמייכעלע איז דער באַראָן אויסן אויסצודריקן ביטול צו האַמערשטיינס וויץ, צו זײַן גלאַנציקער קאַריערע און צו די נאָך גלאַנ־ציקערע פּערספּעקטיוון, וואָס ווײַזן זיך פאַר אים. אַ פרעמדער וואָלט אפשר אַזוי געקאָנט מיינען, אָבער נישט מאַיאָר לענץ, פאַר וועמען לאַנג־שעהדיקע פּרעפעראַנסן בײַ אַ גלאָז ביר און בשותפותע פרויען־געשיכטעס האָבן אַנט־פּלעקט די אינטימסטע טראַכטענישן פון זײַן שעף.

מאַיאָר לענץ האָט געוווּסט, אַז דאָס טרויעריקע שמייכעלע צווישן זײַן שעפס באַקנבערד איז אָנגעזאַפּט מיט ביטערנישן צו זיך אַליין. דאַכט זיך אין איין עלטער מיט האַמערשטיינען, רעדט אַרויס דאָס שמייכעלע פון זײַן נעסט צווישן די באַקנבערד, אויף איין באַנק אין טערעזיאַנום, פון פונקט אַזאַ רײַכער, אפשר נאָך רײַכערער פאַמיליע און פון דעסטוועגן איז ער, האַמערשטיין, הײַנט שוין גענעראַל־קאָמענדאַנט אין לעמבערג און מאָרגן אפשר אינערן־מיניסטער אויף באַכס אָרט. הומאָר, — טראַכט העניגער, איז אַ גרויסע זאַך, אַז אַפילו אַזאַ בייזע פרוי ווי די פּרינצעסין סאָפיע, וואָס לעבט אַלע פיר און צוואַנציק שעה אין טאָג לויט די האַרטע פאַר־שריפטן פונעם שפּאַנישן צערעמאָניאַל, קען זיך אַ מאָל פאַרגעסן און אַ לאַך טאָן.

אומדערוואַרט פאַרן באַראָן איז זיך פּלוצעם דאָס שמייכעלע צווישן די באַקנבערד צערונען. דער באַראָן האָט אויף זיך רחמנות באַקומען. ער האָט זיך צו שטאַרק ווי געטאָן מיט מוסר, האָט ער דערפילט אַ באַדערפעניש זיך צו זאָגן אַ פּאָר טרייסטווערטער:

— מאַיאָר, — האָט ער מיט אַ מאָל איבערגעהאַקט זײַנע טראַכטעניש, — קאָקאַרדעס פאַר די פערד, — דאָס איז נישט קיין וויץ, נאָר אַ סאָלידער פּרינציפּ פון רעגירונגס־אויטאָריטעט. די חוצפּה פון רעוואָלוציאָנערע אָפּ־צייכנס אין אַ מאָנאַרכישן שטאַט מוז געשטעלט ווערן צום שאַנדסלופּ. אָנ־טאָן די קאָקאַרדעס די פערד הייסט דעם לאָיאַלן בירגער העלפן אָפּלאָכן פון רעבעלישע שמאָנצעס, הייסט אָבער אויך צו דער זעלבער צײַט צוטיילן די פאַרדינטע שטראָף פון עפנטלעכן שפּאָט פאַר די, וואָס פאַרשטייען נישט, אַז די העכסטע און שענסטע פליכט פון אַן אונטערטאַן איז געטרײַשאַפט צו דער הייליקער פּערזאָן פונעם קייסער.

— יאַוואָל, עקסעלענץ, — האָט דער מאַיאָר דערזען זײַן שעף איבערגעאַנדערשט און האָט זיך אַ ציי געטאָן אין דער הייך און צונויפגע־קלאַפּט די שפּאָרן.

דער באַראָן איז געווען צופרידן, וואָס דער מאַיאָר איז אים גע־פאַלן אין די רייד אַרײַן מיט דער פאַרגעשריבענער פאָרמולע פון דינסט־גרייטקייט: ס'האָט אים פאַרפעלט אָטעם ווײַטער צו רעדן. ער האָט דערפילט, אַז דער נאַר וואָס אַרויסגעגעבענער באַפעל איז אַ גרעסע־רער אויפטו ווי הומאָר און קאָן פאַר אים עפענען טיר און טויער צו אַן אומגעאַנטער קאַריערע. גענעראַל־שטאַב... אַדיוטאַנט פון זײַן מאַיעסטעט... זײַנען ווערטער־חלומות, געפאַלן פונעם מוח גלײַך אין האַלדז אַרײַן און אים דאָרט פריידיק געוואָרגן. ער האָט געטריבן פון זיך די האָפענונג, אַראָפּגע־שלונגען די פרייד. ער האָט געוואָלט, אַז דער באַפעל זאָל זײַן קלאָר און אויסדריקלעך:

— געבן דעם לייטענאַנט קאַלמוצקי גענויע אָנווײַזונגען! די פערד פון דער קאַוואַלעריסטן־גרופּע באַצירן מיט רעבעלישע קאָקאַרדעס. בײַ דער גאַרדע — אָפּצייכנס קאָנפיסקירן. שטעלט זיך ווער אַקעגן, געברויך מאַכן פון וואָפן, אַן וואָרענונג. איך וויל האָבן אָרדענונג אין שטאָט. — האָט אַ גרילץ געטאָן די געוויינטלעך ווייך־העפלעכע שטים פונעם באַראָן אַזוי האַרט און רוי, אַז מאַיאָר לענץ האָט זיך גענומען אויסדאַכטן, אַז ער

האָט מיט אָט דעם ווילדן מענטש קיין מאָל אין לעבן נישט גערעדט אַ גלײַך וואָרט, נישט געגעסן מיט אים בײַ איין טיש און קיין מאָל אין לעבן נישט געשפּילט אין קאָרטן.

— פֿאַרשטאַנען, מאַיאָר ? — האָט נאָך אַ מאָל אַ רײַב געטאָן העני־גערס קול ווי אַ האַרטע באַרשט איבער האַלדז.

— יאַוואָל, עקסעלענץ !

— אַדיע !

*

אַרום 12 אַ זייגער מיטאָג. אויף ביידע זײַטן טראָטואַר פֿון דעם ענ־צענבערג־הויפּטשטראָז שטייען הונדערטער מענטשן שפּאַליר און וואַרטן אויף דער נאַציאָנאַל־גאַרדע. די דורכגענג צו די זײַטיקע גאַסן פֿונעם שטראָז זײַנען פֿרײַ. אויפֿן שטראָז האַלטן אָרדענונג עטלעכע פּאָליציי־לײַט. זיי זײַנען זייער פֿרײַנדלעך, זיי ענטפֿערן העפֿלעך אויף פֿראַגעס, גיבן אָנווײַ־זונגען נאָך העפֿלעכער. די העפֿלעכקייט פֿון דער פּאָליציי האָט זיך אָפּגע־רופֿן מיט גוט געמיט בײַ די מענטשן אויף די טראָטואַרן. מע שושקעט: „וואָס זאָגסטו צו דער פֿריינדלעכקייט זייערער ? ווייך געוואָרן די שטיוול בײַ זיי, הערט מען נישט קיין טריט ווי בײַ קעץ". מע שושקעט צוריק: „די באַקנבערד האָבן מורא פֿאַרן אַפּטייקער, באַהאַלטן זיי דאָס מיליטער אין די זײַטיקע גאַסן".

די האָפֿערדיקייט וואַקסט. עפּעס נעמט יעדער אין דער שטיל טראַכטן דעם זעלביקן געדאַנק: נאָך דעם הײַנטיקן פּאַראַד, וועט העניגער מורא האָבן איבערצושלאָפֿן אַ נאַכט אין טשערנאָוויץ. ער וועט אַנטלאָפֿן ווערן קיין לעמבערג, קיין ווין. אין דער געביידע מיט די צווייטשויבנדיקע פֿענצ־טער, וועט זיך באַזעצן אַפּטייקער אַלט.

די האָפֿענונג פֿלאַטערט אַרויס פֿון די הערצער, שפּרייט זיך איבער די פּנימער, מאַכט זיי לויכטן מיט פֿרייד, מיט יום־טובדיקייט.

מיט אַ מאָל אַלע אויגן ווענדן זיך, אַלע אויערן שפּיצן אַרויף צו דער באַרגגאַס. פֿון דאָרט קומט אָן די גאַרדע. ס'דערהערט זיך געזאַנג. ביר־שטימעס קייקלען שטיינער באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ:

טראַ־לאַ־לאַ,

טראַ־לאַ־לאַ.

דער עולם גריסט, כאַפּט אונטער דאָס געזאַנג. איינצלטע גראָבן אײַן די

אויגן אין די פלייצעס פון די וואָס שטייען פאַר זיי (זיי מײַדן אויס די העפלעכע פּאָליציייִשע בליקן) און שרײַען: האָך! בראַוואָ!

בײַם ערשטן בראַוואָ, וואָס האָט זיך דערהערט, הייבט אָן צו אַרבעטן מאַיאָר לענצס פּלאַן. צווישן עולם צעוואָרפענע געהיים־אַגענטן ווערן פאַר־וואַנדלט אין צאָרן צעפלאַמטע לאָיאַלע בירגער. אַנגעלאָדן און אויסגעשאָסן, פליט אַרויס פון צווישן דעם המון, דאָס ערשטע קול, דאָס צווייטע, דאָס דריטע:

„אומפאַרשעמטע חוצפּה, פאַרשאָלטענע רעבעלן! אַוועק מיט די רע־בעלישע קאַקאַרדעס! האָך זײַן אַפּאָסטאָלישע מאַיעסטעט, אונדזער פּול־גנאַדיקער קייסער און האַר!"

צווישן עולם כאַפּט זיך אַרײַן אומרו. דער קאָפּ זאָגט אונטער פּראָוואָ־קאַציע, אָבער דאָס האַרץ פּלאַטערט פאַר פּאַרדראָס, עס וויל נישט וויסן פון ישוב־הדעת. מיט כעס אָנגעגליטע הענט רײַסן זיך אַרויס פון וואַרעמע קעשענעס, דערטאַפּן אַ פלייצע פון אַ „לאָיאַלן בירגער", וואַרפן איר אַרײַן אַ פּאָר קלעפּ, זוכן אַרויס אַ פּנים מיט אַ לאָיאַל צעשריגענעם מויל און דעקן עס צו מיט עטלעכע פּעטש. ס'אַנטשטייט אַ טומל. פּאָליציי שטילט אײַן מיט העפלעכקייט און זייגט אײַן דערבײַ מיט די אויגן די צורה פונעם רעבעל. זי וויל געדענקען, די פּאָליציי.

די גאַרדע באַווײַזט זיך אויפן רינגפּלאַץ. גאַנץ פאָרנט דער אַפּטייקער אַלט, אַ קליינער, אַ דיקער, אַ גלאַט ראַזירטער מיט אַ שטענדיק אָפענעם מויל, וואָס ס'בלישטשען פון אים אַרויס צוויי שורות ווײַסע געזונטע ציין. ס'דאַכט זיך, אַז ער קוקט מיט די ציין און נישט מיט די ערגעץ טיף אין פעטן צעקראָכענעם פּנים באַהאַלטענע קליינע אויגן זײַנע.

נאָך אים דרײַ אין איין ריי: דער אָבערפערשטער פּראָש, דער דאָקטער הילבריכט און דער סטאָליער־מײַסטער סוכאַנעק. אַלע דרײַ איין הויך. אַלע דרײַ דרייסטע און אָפענע פּנימער. אַלע דרײַ לאַנגע גרויסע הענט ווי היי־גאָפּלען, וואָס הוידען זיך אימפּעטיק בײַ די זײַטן, גיבן צו שוואונג די גייערס. דער אָבערפערשטער פּראָש הייבט אויף איינעם פון די זעקס היי־גאָפּלען אין דער ריי, גריסט דעם עולם און וואָרנט אין טראָף־ריטעם:

— ווער־דיק, און רו־יִק!

די ווערטער יאָגן זיך פונעם רינגפּלאַץ פון מויל צו מויל איבערן הויפּט־שטראָז. אויפן עולם האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ פײַערלעכע שטומקייט.

ס׳הייבט זיך נישט קיין האַנט צו גריסן. ס׳עפנט זיך נישט קיין ליפּ אונטער־צוכאַפּן ס׳געזאַנג. די שטילקייט האָט, דאַכט זיך, פאַרפּלייצט אויך די אָנגע־שטעלטע אויסגעשרייען פון די „לאַיאַלע״.

די גאַרדע דערנעענטערט זיך צו דער זײַטנגאַס, ווו ס׳הייבט אָן דער שאַרפער באַרג־אַראָפּ פונעם הויפּטשטראָז צום „האַם״ צו. שיף אַקעגן אי־בער ליגט די רעגירונגס־געבײַדע. דאָרט קומט דער גאַרדע אַקעגן אַ גע־דיכטער געשריי פון אַ צוויי צענדליק „לאַיאַלע״. עטלעכע פון די „לאַיאַלע״ לאָזן זיך אַראָפּ פונעם טראָטואַר, שלײַדערן די הענט מיט רציחה, קוויטשען מיט באַנומענע קולות: „אַוועק מיט די רעבעלישע קאָקאַרדעס״. פּאָליציי גיט זיך אַ לאָז צו „ראַטעווען״ די גאַרדע, פונאַנדערטרײַבן די שטערערס. זי ווייסט פון פאָרויס, אַז ס׳איז אַ שווערער ענין. זי נעמט פײַפן: הילף!

פון דער זײַטנגאַס רעכטס, פון דער זײַטן־גאַס לינקס, באַווײַזן זיך קאַוואַלעריסטן, שפּאַרן אָפּ דעם וועג דער גאַרדע. לייטענאַנט קאַלמוצקי מיט אַ גאַוואַדיק קליין פּנימל, בלוט און מילך, אויף אַ הויכן ברוינפּאַר־ביקן פערד, פּאַכעט מיטן רײַטשטעקעלע און קאָמאַנדירט פון אונטער זײַן דינעם, מאָכיקן וואָנצעלע:

„קאָנפיסקירן די קאָקאַרדעס! פונאַנדערטרײַבן דעם עולם!״

קאַוואַלעריסטן לאָזן זיך צו דער גאַרדע. די פערד, איעדער מיט אַ קאָקאַרדע אין דער רעכטער זײַט קאָפּעסטרע, רײַסן זיך אימפּעטיק פון געצוימטן שריט צו טראָפּ.

אַפּטייקער אַלט פּרוווט איבעררעדן מיט קאַלמוצקין, אים נאָכווײַזן, אַז די קאָנפיסקאַציע פון די קאָקאַרדעס איז אומגעזעצלעך. דער לייטענאַנט וואַרפט אים צו אַ בליק פול פאַראַכטונג, נאָר פון דעסטוועגן טוט ער אָן כּבוד דעם קאָמענדאַנט פון דער גאַרדע; ער בייגט זיך אַראָפּ העט טיף פונעם זאָטל און רײַסט אַראָפּ מיט די אייגענע הענט די קאָקאַרדע בײַם אַפּטייקער.

די דרײַ „היי־גאָפּלדיקע״ בלײַבן שטיין אויג אויף אויג מיט קאַלמוצ־קין מיט דער קאָקאַרדע אין זײַן פערדס קאָפּעסטרע. דער אָבערפערשטער וויל עפּעס זאָגן. ער וואַרגט זיך מיטן וואָרט, ער קאָן עס נישט אַרויסברענ־גען. בײַ דאָקטער הילבריכט אויפן פּנים האָט זיך צעלייגט אַ ווײַס עקשנות ווי בײַ אַ טויטן. מיט דער גרויסער דלאָניע פון זײַן רעכטער האַנט האָט ער צוגעדעקט די קאָקאַרדע אין לאַץ און שטייט אומבאַוועגלעך ווי עפּעס

אַ שטיינערנער גאַט, וואַרט ס׳זאָל אויף אים קומען די ריי פון צעשטערונג. דער סטאָליער־מײַסטער סוכאַנעק איז כּלומרשט רויִק, ער בויערט אַרײַן זײַנע פּײַכטע, ווי מיט פּאָוועטיניע איבערגעצויגענע אויגן אין דער קאָקאַרדע, וואָס אויף דער קאַפּעסטרע בײַ קאַלמוצקיס פערד און טראַכט, ווי אַנדנאַיִק ס׳איז מענטשלעכע רשעות און מענטשלעכער שפּאָט. די קאָקאַרדע אין פערדס קאַפּעסטרע שטעכט אים אין די אויגן ווי אַ צו שטאַרקע זון. ער קאָן נישט קוקן. ער וועט זיך פאַרשטעלן די אויגן מיט דער דלאָניע. אונטערוועגס פון דער קעשענע שפּילט זיך די האַנט מיט אַ בונט שליסל, לאָזט צוריק אַרײַן די שליסל און געפינט אַ רעוואָלווער. סוכאַנעק נעמט דעם רעוואָלווער אַריבער אין דער רעכטער האַנט, מאַכט צוויי שריט פאָרויס און שיסט אויס צו קאַלמוצקיס פערד גלײַך אין דער קאָקאַרדע אַרײַן.

דער שאָס אַלאַרמירט די קאַוואַלעריסטן, וואָס זײַנען פאַרנומען מיט קאָנפיסקירן די קאָקאַרדעס, רודערט אויף די אינפאַנטעריסטן, וואָס שטייען אַלאַרם־גרייט אין עק הויז בײַם „האָם“ אונטער דער קאָמאַנדע פון מאַיאָרלענץ, די אינפאַנטעריסטן נעמען לויפן באַרג־אַרויף אין שטורעם־שריט און שיסן אָן אויפהער. די קאַוואַלעריסטן יאָגן צוריק באַרג־אַראָפּ צום קאָמאַנדע־אָרט און פליִען אַרײַן גלײַך אין די ביקסן.

הרוגים, פאַרוווּנדעטע און צעטראָטענע, צווישן די צעטראָטענע לייטענאַנט קאַלמוצקי, צווישן די הרוגים דאָקטאָר הילבריכט מיט דער רעכטער האַנט פאַרשטאַרצט אויף דער קאָקאַרדע, צווישן די פאַרוווּנדעטע צופעליקע פאַרבײַגייערס און „לאַיאַלע“ בירגער.

באַראָן העניגער זיצט בײַם שרייבטיש און וואַרט אויף באַריכט. ער גלעט נערוועז די באַקנבערד, ער קלאַפּט מיט די ווײַסע לאַנגע פינגער איבערן טיש, די קלאַפּערײַ צעטומלט דעם דינער אין דערבײַיִקן צימער. ער קומט אַלע מאָל אַרײַן אַ צעשראָקענער און מעלדט זיך: „צו אײַער דינסט, עקסעלענץ! איר האָט מיך גערופן?“

— ניין, אָבער פרוי עווגעניאַ קומט הײַנט אויף דער נאַכט צום אָוונטברויט. זאָלסטו אָנגרייטן בלומען, נישט־טויגנדיקער, ווײַל כ׳ל דיר צעברעכן דעם שאַרבן!

— יאַוואָל, עקסעלענץ! — האָט דער דינער אָנגעהויבן צו פאַרשטיין און איז אַ צופרידענער געלאָפן אין קיך אַרײַן אָוועקלייגן זײַן השערה, אַז

דער אָבערפֿערשטער פּראַש איז מן־הסתּם געוואָרן געווויר וויִ ס׳האָלט צווישן באַראָן און זײַן פֿרוי.

דער באַראָן האָט געפּרוּווט אַרײַנקוקן אין אַן אַקט. ער האָט אים אַוועקגעלייגט. ער האָט גענומען בלעטערן אין אַן אילוסטרירטן מיליטערישן בוך. ער האָט אים אַוועקגעוואָרפֿן. דערהערט די שיסערײַ איז ער צוגעלאָפֿן צום פֿענצטער און זײַן גענײט מיליטעריש אויג האָט זיך באַלד פֿונאַנדערגענומען, אַז דאָס שיסט זײַן אינפֿאַנטעריע אויף זײַן קאַוואַלעריע.

— פֿײַער אײַנשטעלן! — האָט ער געררעוועט, געוואָלט אַריבערשרײַען די שיסערײַ. קיינער האָט נישט געהערט, קיינער האָט נישט געקאָנט הערן. מיט עטלעכע פֿלינקע שפּרינג ווי אַ חיה איז דער באַראָן געווען אויפֿן שטראָז, צוגעלאָפֿן צום מאַיאָר לענץ, וואָס איז געשטאַנען מיט דער מינע פֿון אַ נישט־דאָיִקן אָנגעשפּאַרט בײַ אַ מויער און געגלאָצט, גלײַך ער זאָל נישט וויסן, וואָס דאָ קומט פֿאָר. דעניגער האָט אים אָנגעכאַפּט בײַ אַ לאַץ, געשלײַדערט מיט אים פֿאָרויס און צוריק:

— פֿאַרברעכער, וואָס האָסטו געטאָן?

דער מאַיאָר האָט זיך געוואַקלט אין זײַנע הענט ווי אַ שכּור. אַז דער באַראָן איז מיד געוואָרן אים שלײַדערן, האָט לענץ גענומען רעדן צו אים מיט דער טרויעריקער ביטערקייט פֿון איינעם, וואָס איז אַראָפּ פֿון זינען:

— קאָקאָרדעס פֿאַר פֿערד איז נישט קיין וויץ, נאָר אַ סאָלידער פּרינציפּ פֿון רעגירונגס־אויטאָריטעט. כ׳האָב אויסגעפּירט אײַער באַפֿעל, עקסעלענץ, אײַער קאַריערע איז געזיכערט. איר הויכקייט, די פּרינצעסין סאָפֿיע, וועט אויסדריקן דעם ווונטש זיך מיט אײַך צו באַקענען, עקסעלענץ!

בירגער, רעבעלן און לאַיאַלע, סאָלדאַטן און אָפֿיצערן האָבן צוגעזען ווי דער באַראָן האָט פֿאַרלאַנגט חשבון פֿונעם מאַיאָר. זיי האָבן איצט געוווּסט אויף זיכער, ווער ס׳איז דער איידעלער מענטש און ווער דער עקלדיקער פֿאַרברעכער.

19

אַ סקוטשנע ווינטער

אין נײַ־קאָזמין האָט מען ווי אין אַלע איבעריקע דערפער און שטעט פונעם לאַנד דעם ווינטער, נאָכן טשערנאָוויצער בלוטבאָד, געלעבט ווי אין הינערפּלעט. אין די צוויי חדשים באַלאַגערונגס־צושטאַנד האָט איעדער געמוזט בלײַבן אין דער היים נאָך זונפאַרגאַנג. אַז מ׳האָט ענדלעך נאָך נײַ־יאָר אָפּגעשאַפט דעם באַלאַגערונגס־צושטאַנד איז שוין פון געוווינהייט קיינעם נישט אײַנגעפאַלן, אַז מ׳מעג בײַ לבנה־שײַן אַרויסגיין אויפן שטראָז. ווילהעלם הוביך האָט דערלייגט דעם קאָפּ צו זײַן קרעטשמע. דאָס פעסל אָדאָבעשטער ווײַן, וואָס ער האָט זיך דערמיט, ווי דער שטייגער, פאַרזאָרגט אָסיען־צײַט, איז זויער געוואָרן. די עטלעכע פונט געריכערטע ווורשט, וואָס זײַנען אים אָנגעקומען ערב דעם יום־טוב פון ערשטן נאָוועמבער, זײַ־נען קאַליע געוואָרן און אין גרויסן ברויטקויבער האָבן זיך געוואַלגערט וואַסער־זעמל, אויסגעדײַווערטע, פאַרשטיינערטע, מיט צעקנייטשטע פאַר־מעט־פּנימער און האָבן מיטן זויערן ריח זייערן געגעבן צו וויסן, אַז זיי זײַנען נישט פון נעכטן און נישט פון אײַערנעכטן.

די צוגעשפּיצטע נײַגעריקייט פון די קאָזמינער שוואָבן, זייער אָנגע־גליטע להוטקייט נאָך נײַעס איז ווי מיט אַ מאָל אָפּגעשטאָרבן, זיך אויס־געלאָשן ווי אַ האָלאָוועשקע, געטונקען אין וואַסער. קיינער האָט קיינעם נישט געפרעגט, וואָס ס׳הערט זיך, קיינער האָט קיינעם נישט דערציילט, וואָס ס׳איז זיך פאַרלאָפן. ס׳האָט קיינעם נישט געאַרט, וואָס פריץ טײַפעל איז פאַרשוווּנדן אויף אַ חודש צײַט. ס׳האָט זיך קיינער נישט געפרייט מיט זײַן צוריקקומען. מ׳הערט נישט קיין געזאַנג, מ׳הערט נישט קיין הויך וואָרט. די יוגנט איז ערגעץ ווו פאַרשוווּנדן. און אַז מען זעט יאָ אין אַ זונטיק בײַ די אָבאָרעס שטיין דאָ אַן אויסגעסטרויעטן בחור, דאָרט אַן אויסגעפּוצט מיידל, שטייען זיי שווײַגנדיקע, פאַרגלאָצטע ערגעץ אין אַ באַשטימטן פונקט פאַרויס און מיט אַ מאָל רײַסן זיי זיך אָפּ פונעם פאַרקאַן, לויפן צוריק צו דער אַרבעט גלײַך זיי וואָלטן געטראַכט: „דאָס קוקן איז אויך איבעריק, איך בין נישט נייגעריק צו וויסן“.

דער אַלט־נײַער בירגערמײַסטער גוסטאַוו ענגעל קומט זיך פֿאַר ווי אַ וועכטער אויף אַ בית־עולם. קיינער קומט אים נישט בעטן אַ טובה. ער האָט זיך נישט אויף וועמען צו בייזערן. אַלע זײַנען גוט און פֿרום, האָבן אין זינען נאָר זייער ווירטשאַפֿט. פֿונעם זיג גופֿא איבער פּריצן איז גוסטאַוו דווקא זייער צופֿרידן, נאָר נישט אַזאַ ברוגזן נצחון האָט ער געמיינט. ער האָט געחלומט פֿון אַ גרויסער פֿאַרזאַמלונג בײַ ווילהעלם הוביך: מ׳טרינקט און מ׳דיסקוטירט פּאָליטיק. פּריצס נאָענטסטע פֿרײַנד האַלטן רעדעס און זאָגן, אַז די צײַט פֿון טײַפֿלס בירגערמײַסטערשאַפֿט איז געווען אַ קאַש־מאַר און ענדיקן מיט שוווּנג: „זאָל לעבן אונדזער אַלטער דערפֿאַרענער בירגערמײַסטער גוסטאַוו ענגעל”. דערנאָך באַגלייט מען אים אַהיים מיט געזאַנג און די יוגנט שפּילט אויף מאַנדאָלינעס פֿאַר זײַן הויז „האָך זאָל ער לעבן” ביז שפּעט אין דער נאַכט. ער קומט אַלע מאָל אַרויס אויף דער וועראַנדע, דאַנקט און דערמאַנט פֿרײַנדלעך, אַז צײַט צו גיין שלאָפֿן, מאָרגן איז אַן אַרבעטסטאָג.

אַזוי האָט ער געהאָפֿט, גוסטאַוו, וועט אויסזען זײַן צוריקקומען צום אַמט פֿון בירגערמײַסטער, איצט וואָלט ער גערן געוווּנען אַן אַנדערער זאָל פֿאַרנעמען זײַן אָרט. טאַקע נישט פּריץ, אָבער דער שוסטער האַראַנד אָדער היינץ פּפייפער וואָלטן זייער פּאַסיק געווען. היינצן וואָלט אָנגעשטאַנען, אַז דער געליימטער איסטעטשעסקול זאָל אים אויפֿנעמען בײַנאַנד מיט אַלע דאָרפֿס־בירגערמײַסטערס אין איין ריי ווי די זעלנער. אים, גוסטאַוון, קומט דאָס בלוט אין פּנים אַרײַן, ווי אַזוי דער בייזער הונט באַהאַנדלט אים. טויגן, טויגן זיי צו גאָרנישט, די אַלע הענינגערס, לענצס און איסטעטשעס־קולס, זיי קאָנען שיסן אויף אייגן מיליטער, אָבער מאַכן, מאַכן זיי דעם אָנשטעל, גלײַך זיי וואָלטן געווען דעם קייסערס רעכטע האַנט.

די איינציקע שטוב, וווּ גוסטאַוו קאָן זיך אויסרעדן זײַן ביטער האַרץ, איז ווי תמיד בײַ הענעך אָרטשיק. אַ באַזונדער הנאה האָט גוסטאַוו דאָרט פֿון קריינעס רייד. קריינע טענהט, אַז ווען נישט פּריץ טײַפֿעל און נאָך אַזעלכע ווי ער, וואָס האָבן געמיינט, אַז מען קאָן זיך שפּילן מיט אַ קייסער, וואָלט צו דעם אַלעמען נישט געווען געקומען. וואָס? ס׳איז געווען שלעכט מיט עטלעכע יאָר צוריק? דעם קרײַזהויפּטמאַן האָט אַזאַ מענטש ווי גוס־טאַוו ענגעל געגעבן אַ מתנה און אים געהאַט אין קעשענע. יידן האָבן נישט געטאָרט וווינען אין דאָרף? האָט מען זיך אויך יאַקאָש אַן עצה געגעבן.

אַרטשיק האָט צו קריינעס רייד, ווי זײַן שטייגער איז געווען, פּאַטאַ־קעוועט. פּאַטאַקעוועט אַזוי, אַז מ׳האָט אייגנטלעך נישט געקאָנט וויסן צי ער איז מסכּים, צי ניין. קריינע האָט זיך דאָס אויסגעלייגט אויף ניין (אַזאַ אַלטער מענטש ווי העניעך זאָל דאָס נאָכגיין דעם קאָפּ פון אַזאַ צוציק ווי הערש־לייב?!) גוסטאַוו האָט אַרטשיקס פּאַטאַקעווען אָנגענומען פאַר יאָ (אַ שטילער, ערלעכער מאַן, דער אַרטשיק, און אַ גוטער פרײַנד).

גוסטאַוו קומט געווײַנטלעך אַרײַן צו העניעך אַרטשיקן אין די וואָכע־דיקע אויפדערנאַכטן. שבת תיכף נאָכן עסן פאַלן אַרײַן צו העניעכן זיך פאַרטרײַבן די נודאָטע און אויסרעדן אַ ייִדיש וואָרט — ברײַנע עבערס מיט איר מאַן.

דאָדיע מלאך, דער נײַער תושב אין אַלט־קאָזמין, האָט דאָס יאָר זייער אַ סקוטשנעם ווינטער. כאַפּן אַ שמועס, ווי זײַן שטייגער איז געווען פאַר אַ יאָרן און פאַר צוויי יאָרן ווינטער, מיט די מאָלדאַוואַנעס, דערציילן זיי עפּעס וועגן זײַן טאַטן ע״ה לאָזט נישט ברײַנע.

— גזלן, — רעדט זי צו אים תחנונימדיק, — וואָס טויג דיר רעדן מיט גויים? ס׳קען נאָך אָנקומען צו דעם „געליימטן העניטל״ אין נײַבורג, ווערסטו, נישט דאָ געדאַכט, אויס קאַפּעליוש־מאַכער און מיר מעגן, חלילה, ביידע גיין אין די הײַזער.

— וואָס, כ׳רעד מיט זיי דען פּאָליטיק? — פּרוּווט זיך דאָדיע אָפּבעטן בײַ ברײַנען.

— יאָ פּאָליטיק, נישט פּאָליטיק — האַלט ברײַנע בײַ אירן — וואָס טויג מיר איסטעטשעסקול זאָל פרעגן: וואָס גערעדט? הלמאי איז דאָך מיר ליבער, די גויים זאָלן דערציילן דעם בייזן וואָרעם, אַז דאָדיע מלאך איז, אויף שונאי ישׂראל געדאַכט, שטום געוואָרן.

דאָדיע האָט אײַנגעזען, אַז ברײַנע איז גערעכט. ער האָט אויך אײַנ־געזען, אַז פאָרן פרײַטיק קיין נײַבורג אין מרחץ אַרײַן איז נישט פון די גרינגע זאַכן. ערשטנס, טוט זיך אין דעם נײַבורג רעבעליש. אויס מע־נײַלעק. ער ליגט ערגעץ, זאָגט מען, אין די בריגיטקעס געקאָוועט אין קייטן. מאיר־יואל איז אויס פּרנס און צוריק קאָוואַל. אַז דאָדיע גיט אַ טראַכט, וועמען דאָס „געליימטע העניטל״, ימח שמו, האָט אָוועקגעשטעלט רעגירן איבער נײַבורגער קהל, פאַרקלעמט אים בײַם האַרץ און ער שווערט בײַ זיך אין האַרצן נישט אַריבערצופאָרן די בריק, ביז ס׳וועט נישט אָפּגע־

מעקט ווערן די שאַנד פון אַ שטאָט מיט יידן. ער פאַרשטייט נאָר נישט, ווי אַזוי קהל דערלאָזט עס, פאַר וואָס פאַרט מען נישט קיין טשערנאָוויץ, קיין לעמבערג צו די גרויסע אַדונים? ס׳איז דאָך אַ בושה און אַ וויטיק, אַז יונה סאָוועגערס אײדעם, וואָס קודם איז ער אַ מאָלדאַווישער ווענעטיק, דערנאָך אַן עם־הארץ אין יידישן און אין דײַטשישן און ועל כולם אַ מסור, וואָס אַ גאַנץ קײַלעכדיק יאָר גייען בײַ אים נאָר צוויי סדרות: משפטים און תרומה, זאָל זײַן דער ערשטער בײַ יידן אין אַזאַ שטאָט ווי נײַבורג, באשר ער האָט אַ מעלה, דער גראָבער יונג — ער רעדט מאָלדאַוואַניש מיט איס־טעטשעסקולן! געפינט זיך שוין נישט אין גאַנץ נײַבורג אַ ייִד, וואָס קען טשעטשעבעטשן אַ ביסל וואָלעכיש?

פון דעסטוועגן, טראַכט ווײַטער דאָדיע און לאָזט אַראָפּ די טראַכטעניש זײַנע העט טיף אין האַרצן אַרײַן, אַז ער אַליין זאָל זי קוים־קוים דערהערן, וואָלט ער זיך אַרײַנגעכאַפּט אין מרחץ אַרײַן, דאָס חיות גייט אים אויס. נאָר פאַר נאַכט צו אַהיימצופאָרן פון נײַבורג, פאַלט אַן אימה, ביסט אײנער אַליין מיטן פערדל אויפן שטראָז. מ׳זעט נישט קיין נפש. אַלע פערטל מײַל וואַקסט אויס אַ זשאַנדאַרסקע היטל מיט אַ ביקס אויף די פּלייצעס:

— האַלט! ווער ביסטו? פון וואַנען? צוליב וואָס ביסטו געפאָרן?

גיי דערצייל אים אַז אין מרחץ אַרײַן. קען זיך דאָס לייגן אויפן שׂכל אַ גראָבן זשאַנדאַר?

די טענות זײַנע קעגן נײַבורגער קהל פּאַקעוועט דאָדיע אויס שבת בײַ אַרטשיקן אין שטוב.

קריינע מיט ברײַנען זיצן בײַם אויוון, פאַרטאָן אין אַ ווײַבערישן שמועס. אַז דאָדיעס רייד ווערן וואָס אַ מאָל צעוואָרעמטער, האָרכן אויף די ווײַבער, כאַפּן אויס איינע בײַ דער אַנדערער אַ קרעכץ און וואַרפן אַרײַן עטלעכע ווערטער מיט אַ ניגון, גלײַך זיי זאָלן אין איינעם זאָגן תחינה:

— וואָס זאָל מען טאָן, אַז מע איז בײַ די גויים אין גלות?

דער אַלטער אַרטשיק זיצט אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ, דרימלט, און אַז דאָדיע וואַרפט אים אַלע מאָל שקציש אַ שטיינדל:

— וואָס זאָגט איר, ר׳ הענעך?

ראָזדרעכעט זיך דער פאַרהאָרעוועטער שווײַגער און שטופּט אַרויס ווערטער פון מויל לאַנג און שווער צוגעטראַכטע:

— מ׳דאַרף אין זינען האָבן דאָס אייגענע שטיקל פעלד. זען צוקויפן נאָך

אַ שטיקל און נאָך אַ שטיקל, אַכטונג געבן אויף די בהמות. ווער קען צו דיר עפּעס האָבן? דאָס „געליימטע הענטל" מיט יונהס איידעם האָט מען, נישט פאַר דיר געדאַכט, טיף אין דער אַדמה.

פון אָרטשיקס רייד ווערט קריינע אַנגעצונדן פאַר בושה. זי רוקט אַראָפּ דאָס טיכל טיף איבערן פּנים, די געסט זאָלן נישט דערזען די רויטע פלעמלעך אויף אירע בלייכע באַקן. זי וואָלט וועלן איבערשווײַגן, לאָזן אירס איבערגיין, זי קאָן נישט. זי שיסט אויס:

— כ'פאַרשטיי נישט, הענעך, מ'רעדט מיט דיר פון ייִדישקייט, קומסטו מיט דײַנע גוייִשע זאַכן: פעלד, בהמות.

קריינעס אַרויספאַר גיט דאַדיען צו דרייסטקייט אויסצומוסרן אַ ביסל דעם פאַרגוייִשטן ייִד:

— ר' הענעך, — הייבט ער אָן אויפן נוסח פון אַ בעל־דרשן, — אין דער הייליקער תורה שטייט געשריבן, אַז מ'האָט פאַרטיילט דאָס לאַנד כנען צווישן די צוועלף שבטים, האָט מען נאָר עלף צוגעטיילט ערד. דער שבט לוי איז געבליבן ליידיק און לויז, די כהנים מיט די לוויים האָבן געטאָן הייליקע עבודה בײַם בית־המקדש און דערפאַר האָבן זיי באַקומען פון כל ישראל תרומה און מעשׂר. איז, זײַט וויסן, אַז איעדע שורה, איעדע צילע אין דער הייליקער תורה האָט אַ באַדייטונג נישט נאָר פאַר משה־רבינוס צײַטן, נאָר אויך פאַר אַלע צײַטן עד ימות המשיח. די הייליקע תורה האָט געוווסט, אַז די ייִדן וועלן זײַן אין גלות, האָט זי מרמז געווען, אַז אין גלות זײַנען אַלע ייִדן דער שבט לוי. זיי דאַרפן נישט קיין פעלד. זיי מוזן דינען דעם הייליקן בורא און די אַרומיקע פעלקער וועלן זיי דערפאַר צאָלן תרומה און מעשׂר.

אויף ברײַנעס פּנים האָט זיך צעגאָסן אַ גלאַנציקע תאווהדיקע הנאה, אַ הנאה, וואָס נעמט איר אַלע מאָל דורך די אברים, ווען זי הערט איר דאַ־דיען רעדן וועגן געהויבענע זאַכן.

פונעם אַנדערן עק באַנקבעטל, ווו ער איז געזעסן אַ שטילער, אַ פאַר־טראַכטער, האָט זיך פּלוצעם אויפגעהויבן הערש־לייב. זײַן שלאַנקע, בויגעוודיקע געשטאַלט, זײַנע העלע, וואַרעמע אויגן, זײַנע פלאָווע האָר, וואָס האָבן זיך וווילינגיש געשאַרט פון אונטערן היטל, דאָס אַלץ האָט אויף דער שטוב אַ ווייע געטאָן מיט זוניקן פרימאָרגן אין דעם טונקל־גרויען שפּעטן ווינטער־נאָכמיטאָג. ער איז צוגעגאַן צו דאַדיען און אים

פריילעך, פרײַנדלעך אונטערגעטראָגן זײַנע ווערטער, ווי מע טראָגט אונטער אַן אָנגעלייגטן גאַסט אַ פײַנעם געשמאַקן כּיבוד:

— דער טאַטע איז גערעכט, ר׳ דאָדיע, ייִדן דאַרפֿן האָבן פֿעלד, דאַרפֿן באַאַרבעטן פֿעלד. ייִדן שטאַמען פֿון די עלף שבֿטים, נישט פֿון שבֿט לוי. איר אַליין, ר׳ דאָדיע, בענטשט נישט טל און גשם?

פֿון הערש־לייבס ייִדישע רייד האָט קריינע אויפֿגעשײַנט פֿאַר תּענוג. בײַ ברײַנען איז דורכגעלאָפֿן אַ געדאַנק: אַ שידוך פֿאַר הערש־לייבן. זי האָט זיך צוגעבויגן צו קריינען און איר שטיל אײַנגערוימט:

— קיין עין־הרע אַ לעכט, און אַ שׂכל און אַ מויל, זאָל איך שוין אַזאַ יאָר האָבן. כ׳לעבן קריינע, שוין צײַט אַ שידוך צו טאָן מיט הערש־לייבן. מ׳עט דאָך אײַך אָפּגילטן.

קריינע איז געוואָרן אויסער זיך פֿאַר גליק. זי האָט אַרויסבאַגלייט ברײַנען מיט אַזוי פֿיל ברכות, ווי נאָך קיין מאָל נישט קיין שום מענטש אין איר לעבן.

20

דאַדיע שרייבט אַ בריוו

אויפגעגעבן האָט בריינע אַ שידוך מיט כאַסקל גאַרבער פון זאַלישטשיק.

— וואָס שייך דעם מחותן, — האָט בריינע זיך געהאַלטן אין איין ווישן דאָס מויל מיט צוויי פינגער פון דער רעכטער האַנט און גערעדט מיט אַזאַ חשיבות גלייך זי איז געקומען אין שליחות פונעם רוזשינער הויף, — קאָן איך אייך זאָגן, בריינע לעבן, אַז ער איז אַ לייטישער ייִד און פון אַ שיינער משפחה. ער קער זיך אָן, — האָט זי זיך אַ רוק געטאָן אויפן בענקל מיט גדלות, — אַ שלישי ברביעי מיט מיין דאַדיען. מיין דאַדיע געדענקט אַז ייִנגלווייז האָט כאַסקל געלערנט אַ בלאַט גמרא מיט תוספות. און אַז מען קען אין דער יוגנט — פאַרגעסט מען נישט אויף דער עלטער. דער גרויסער גביר איז כאַסקל נישט, אָבער אַ געזונטער בעל־הבית און וועט מן הסתם געבן אַ שיינעם נדן זיין פעסעלע. פאַרגעסט נישט, — האָט זיך דער גלוסט צו אַריינזאָגעניש פון איר אַ ריס געטאָן, — אַז אַ שטאָטיש מיידל באַשליסט זיך שוער חתונה צו האָבן אין דאָרף אַריין. טאַקע אַזאַ גילדענער בחור ווי אייער הערש־לייב, אַזאַ יאָר שוין אויף מיר, אָבער פאָרט אין דאָרף. און פעסעלע איז אַ מיידל אַ פאַרשוין און געבילדעט אין פויליש, אין דייטשישן און דאַוונען, ווי געשיקט זיך, קען כאַסקל גאַר־בערס טאָכטער מן הסתם אויכעט. זי איז ביי כאַסקלען די איינציקע טאָכטער פונעם ערשטן ווייב און אַ שטיפמאַמע, ווייסט איר דאָך, איז נישט מער ווי אַ שטיפמאַמע. קלער איך, אַז דאָס מיידל איז ביי זיך אַ ביסל געלייגט, מיין איך, אַז דער שידוך וועט איינגיין. אַז דאָס ייִנגל מיטן מיידל וועלן זיך גע־פעלן — האָבן די ליפּן ביי בריינען גענומען נאָס־תאַווהדיק פליעסקען — זאָג איך אייך, אַז ס'איז אַ זיווג מן השמים.

געבליבן איז, אַז דאַדיע זאָל אָנשרייבן אַ בריוו קיין זאַלישטשיק און פירלייגן דאָרט דעם שידוך און אַז ס'וועט איה״ש אָנקומען אַ הזמנה פון כאַסקלען וועט מען אָפּטשאַטן אַ שיינעם טאָג און פאָרן אָנקוקן די כלה.

דאַדיע מלאך האָט זיך אַוועקגעזעצט אין דער צווייטער שטוב, זיך

געהייסן אַרײַנגעבן אַ וואַרעם גלעזל מילך, געבעטן ברײַנען זי זאָל זען דאָס קינד זאָל זײַן שטיל, דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעשלאָסן אויף אַ גאַנצן פאַרמיטאָג, אַרײַנגעטראַכט און אָנגעשריבן אַ פירשריפט פאַר אַ בריוו צו כאַסקלען. נאָך מיטאָג האָט ער דעם בריוו איבערגעשריבן מיט געציקלטע אותיות אויף אַ ריין בייגעלע פּאַפּיר.

— אַנו, ברײַנע, הער נאָר, וואָס כ'האָב דאָ צונויפגעשריבן, אַנישט זעט מען דען שרײַבן? — האָט דאַדיע אַ צופרידענער געבלאָזן פון זיך מיט עניוות — אַז אַ גאַנצן ליבן טאָג איז בין־השמשות.

ברײַנע האָט געלאָזט שטיין די אַרבעט אירע, זיך אָװעקגעשטעלט אַקעגן דאַדיען און אַרונטערגעלייגט די הענט אונטערן פאַרטעך, גלײַך זי וואָלט זיך װעלן אָנשפּאַרן אויף זיי.

ב"ה. קאָזמין הסמוך לק"ק נײַבורג, היום יום א', פרשת משפטים... לפ"ק. לכבוד ש"ב היקר, הנגיד המפורסם, התורני כמר כאַסקעל נ"י, גר ותושב בק"ק זאַלישטשיק.

הנני להודיעך, אַז איך וווין שוין ב"ה איבער צוויי יאָר בכפר קאָזמין עם זוגתי מרת ברײַנע ועם צוויי קינדער שיחיו, בת ובן. הבן שמו נאָך אָבי מעכל ע"ה וגם נאָך חותני עבער שהיה אַ פשוטער ייִד אָבער אַן אמתער ירא־שמים. יתן השם, אַז דער זכות פוןביידע זיידעס זאָל אים בײַשטיין, אמן. וגם שמעתי, אַז דו, ש"ב היקר, האָסט אַ מיידל חתונה צו מאַכן הלא היא מרת פעסל פון דײַן ערשטן ווײַב ע"ה. חשבתי להיות דער גוטער שליח והנה באתי דיר פירלייגן אַ שידוך עם הגביר ר' הענעך אָרטשיק מכפר נײַ־קאָזמין הסמוך לכפרנו. והאיש הענעך הוא בעל נכסים מרובים. יש לו צאן ובקר וגמלים רבים. וגם עבדים ושפחות. ובנו צבי אריה, המכונה הערש־לײַב, איז זייער אַ געראָטענער בחור ובעל־מידות כיוסף הצדיק וזכותו יגן עלינו. והנער שמעתי, אַז ער איז בקיא אין דער הייליקער תורה בלשון קודש וגם בלע"ז. אַ בלאַט גמרא מיט תוספות געפינט מען בעוונותינו הרבים זייער שווער אין אונדזערע צײַטן. כ'האָב איבערגערעדט מיט זוגתי ברײַנע אשר יש לה ב"ה שׂכל מער ווי אַן אשה דאַרף ובאנו לידי מסקנה, אַז דער שידוך איז ווי אָנגעמאָסטן פאַר בתך היקרה מרת פעסל. ואם הדבר טוב בעיניך, בעט איך דיך, ש"ב היקר, מיר ענטפערן וואָס גיכער און אַרײַנשיקן אַן הזמנה פאַר הגביר ר' הענעך אָרטשיק, זוגתו קריינע ובנו

צבי אריה המכונה הערש־לייב. און אַז גאָט וועט שענקען אַ שיינעם טאָג, וועלן ידידינו הנ"ל קאָנען אַרויספאָרן קיין זאַלישטשיק לראות את פני הכלה, ואקוה לה' שתמצא חן בעיני המלך ככתוב וימליכה תחת ושתי. עם על לבך טוב בעט איך דיך, ש"ב היקר, מיר אַרויסצושרײַבן וויפל דו קלערסט געבן נדן דײַן ליבער טאָכטער. למען השם עס טאָן ביד רחבה, ווײַל האיש העגעך איז אַ גביר עצום און גיט נדן זײַן זון עלעהיי אַ טאָכטער. אַז דער אייבער־שטער וועט וועלן און דער שידוך וועט געשלאָסן ווערן, האָב איך אויסבאַ־דונגען מיט ידידינו ר' העגעך שדכנות־געלט אַנדערהאַלבן פּראָצענט פונעם נדן ומצפה אני, אַז דו, ש"ב היקר, וועסט אויך נישט האָבן דאַקעגן וד' ישלם לך כפל כפליים. ווי עס ווינטשט דיר, ש"ב, דורש שלומך ושלום משפחתך היקרה,

דוד בן המנוח יחיאל מעכל זצ"ל"

ברײַנע האָט פון דעם בריוו אַנגעקוואָלן. זי איז נישט פון די, ברײַנע, וואָס זאָגן יענעם און בפרט אַן אייגענעם מאַן, דעם שבח אין פנים, אָבער איצט האָט געערעדט נישט זי, נאָר ס'האַרץ פון אַ שוואַכער אשה. זי אַליין האָט מיט די באַוועגונגען פון איר קײַלעכדיקן גוף נאָר אונטערגעשטראָכן און פאַרשטאַרקט די רייד פונעם האַרץ.

— גאָלד מיט זילבער — האָט ברײַנעס האַרץ נישט גערעדט, נאָר זיך פאַרגאַן אין התפעלות. הלוואי אין דײַן עלטער אַזאַ בריוו אויף מעכל עבערן געזאָגט. בעסער האָט קיין שיעור נישט.

— אַנישט איז דען דאָ צו וועמען צו שרײַבן אַ טיף וואָרט? — האָבן בײַ דאָדיען, אַ פאַרשכורטן פון ברײַנעס שבחים, די קרײַזלעך אין דער באָרד געזויגן די שמייכלען פון זײַנע אויגן, זיך געטובלט אין זיי — כאָסקל איז טאַקע נישט העגעך, אָבער פאָרט נישט מער ווי בלויז אַ ייִד פון חומש מיט רש"י און... שוין.

דער אייגנלויב צעטומלט דאָדיען נאָך מער. ער שעמט זיך, ער ווייס נישט ווי אַזוי צו פאַרענדיקן דעם שמועס. אַן אייגענעם ווילן, ווי אַ נאַכט־וואַנדלער גייט ער צו צו דער וואַנט, טשעפּעט אָפּ פונעם צוויאַק דעם צעטל־קאַלענדער, זעצט זיך אַוועק בײַם טיש און נעמט אין אים גיך און האַסטיק בלעטערן. ציפערן און טעג יאָגן זיך, צעפלאַקערן זײַן דמיון. דער צעטל־קאַלענדער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסער לאַנגער גמרא. זײַן מוח

פּלאָנטערט זיך אין די דריבנע אותיות, פון דער מיטן. ער לויפט נאָך הילף צו די נאָך דריבנערע ביַי די זיַיטן. די סוגיא איז אַ האַרבע.

נאָר די באָרד זיַינע אָנגעשפּאַרט אויפן האַרטן פּאַפּנדעקל פונעם קאַלענדער איז וואַך. זי קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען. זיַין באָרד. זי גיט זיך אַלע מאָל מיט שווונג אַ הייב פונעם טיש און מישט איבער צעטל נאָך צעטל. אפשר זוכט אויך זי יענעם טאָג, דעם לעצטן פון אַלע טעג, וואָס איר בעל־הבית בלעטערט נאָך אים מיט אַזאַ ליידנשאַפט בהקיץ?

21

פון יענער זייט בריק

ק״ק זאַלישטשיק על הר דניעסטער. אַ שטעטל אויף דער גאַליציש־בוקאָווינער גרענעץ. פונעם בוקאָווינער דאָרף זוויניעטשקע פאָרט מען אַריבער אַ לאַנגע אײַזערנע בריק איבערן דניעסטער, אפשר די שענסטע בריק און מען קומט אָן קיין זאַלישטשיק פון דרום־זײַט. און אין דרום־זײַט ליגט דער מאַרק מיט די געוועלבן, מיט די קרעטשמעס, מיטן פערד־יריד, מיטן קאַטוילישן און גריכישן קלויסטער און מיט, להבדיל, אַ צענדליגג שולן, דאָס אַלטע און דאָס נײַע בית־המדרש שוין אַרײַנגערעכנט. דאָס וואָס דאָס שטעטל האָט זיך מער צוגערוקט צו דער בוקאָווינער זײַט, איז אַ שׂכל דערבײַ. די בעסטע דערפער האָט זאַלישטשיק אויף יענער זײַט דניעסטער. פון דאָרט ציט מען די שפע. פון די גאַליצישע דערפער וואָס אין צפון פונעם שטעטל, פירט דער וועג גיכער קיין טויסט, הגם טויסט איז עפּעס ווײַטער און, דאַכט זיך, אָן אַ זײַט פונעם שטראָז. ווייסן טאַקע זאַלישטשיקער ייִדן, אַז מיט טויסט קאָן מען נישט מלחמה האַלטן. אין טויסט איז נתגלה געוואָרן דעם בעל־שם הקדוש, און שוין מער ווי הונדערט יאָר, אַז דאָס שטעטל האָט חן בײַ די פּויערן פון די נאָענטע און ווײַטע דערפער און באָדט זיך ממש אין פּרנסה.

מלחמה פירט זאַלישטשיק מיטן בוקאָווינער דאָרף זוויניעטשקע. דאָרט וווינען זינט אַ צײַט אַ מנין ייִדן, האָבן געעפנט געוועלבן, קרעטשמעס און נעמען איבער די פּויערן פאַר דער בריק. נאָך אַ גליק, וואָס אַ פּויער, צוגעקומען צו אַ וואַסער, האָט ער ליב אַריבערצופאָרן פון יענער זײַט. ס׳קאָן געזײַן אַז ס׳ליגט אין יעדן מענטש אַזאַ מין נאַטירלעכער פאַרלאַנג נישט שטיין צו בלײַבן פון דער זײַט טײַך, וואָרעם ווער ווייס וואָס פאַראַ גליקן ס׳וואַרטן אויף אים מעבר לנהר. אָבער בײַ אוקראַיִנישע פּויערן פון יענעם בוקאָווינער טייל בײַם דניעסטער איז דערצו נאָך פון דורות פאַרוואָרצלט אַ גלויבן, אַז ווען מ׳גיט אין מיטן בריק אַ קנאַק מיט דער בײַטש אויף דער לינקער זײַט, פאַלן די שדים, וואָס ליגן באַהאַלטן אונטערן זיך, אַראָפּ

פונעם וואָגן און ווערן דערטרונקען אין דניעסטער. אַזוי אַרום האָט, פאַר־שטייט זיך, מנצח געווען זאַלישטשיק און זוויניעטשקער ייִדן — קוים, קוים וואָס זיי צערן אַ שטיקל ברויט פון אַ שכור, וואָס האָט האָלד אַ טרונק בראָנפן נאָך פון דער זייט טײַך, פון אַ פוסגייער, וואָס לאַקאָמעט זיך אַ האַלבן קרייצער מער אויף דער קילע ווייץ און דער עיקר פון די „בויקעס״, וואָס הוליען דאָ דורך די זונטיקן נאָך אַ שווערער וואָך האָרעוואַניע און קויפן זיך אײַן אָסיען־צײַט קליניקייטן פאַר דער ווײַטער נסיעה אַהיים.

זײַנען טאַקע זוויניעטשקער נישט קיין קאָנקורענטן, אָבער פון דעסטוועגן האָט אַ זאַלישטשיקער ייִד זײַן געוועלב, זײַן קרעטשמע וואָס נעענטער צו דער בריק. דער מיין דערבײַ איז: ווי באַלד דער פויער איז נאָך אַריבער־געפאָרן דעם דניעסטער, זאָל ער שוין אָנטרעפן צו אַ ייִדישער שוועל.

*

אויף דער רעכטער זײַט מאַרק, דאָרט ווו עס שטעלן זיך אָפּ די פורן, ווו די שטויבן, געוואַלדעס און ריחות דעקן אײַן די געוועלבן מיט אַ גרויען שווערן אײַנהיל, געפינט זיך כאַסקל גאַרבערס לעדערקראָם. בײַ אַ לאַנגן טיש, וואָס שנײַדט דורך די געוועלבשטוב אין צוויי אומגלײַכע חלקים און לאָזט נאָר איבער אַ שמאָלן דורכגאַנג צווישן איין זײַט און דער אַנדערער, זיצט פון אין דער פרי ביז פאַרנאַכט כאַסקל און וואַרט אויף קונים. ער איז אַ ייִד אַ הויכער מיט אַ היפשן שפּיציקן בויך, וואָס ציט אים צו דר׳ערד און מאַכט אים קלענער אויף עטלעכע טפחים. אין דער וואָכן טראָגט ער שטענדיק אַ גרוי צײַגן זשאַקעטל. די גרויע פאַרב פונעם זשאַקעטל גיסט זיך צונויף מיט דעם סיוון קאָליר פון זײַן שיטערער, שפּאָרעוודיקער באָרד, מיט דער פאַרב פון זײַנע גרויסע אויסגעפּילעטע אויגן און גיט דעם ייִדן אַן אויסזען פון איינעם, וואָס אַלע שעה אין טאָג זײַנען פאַר אים בין־השמשותן און איעדער וועג איז אַ גאַנג צו קינות. אין שטאָט רופט מען אים טאַקע נישט אַנדערש ווי כאַסקל חורבן־בית־המקדש. מ׳ווייסט נישט צי ער איז אַ שלעכטער צי אַ גוטער. ער קער מן־הסתם האָבן אַ גוט האַרץ. וואָרעם שבת פאַרפעלט ער נישט קיין אורח צום טיש און גיט אַ שיינע נדבה און בײַ מעות חיטין איז ער דער ערשטער. אָבער ווי אַזוי טוט דאָס אַ גוטער מענטש נישט קיין שמייכל קיין מאָל? רעדן, רעדט טאַקע כאַסקל אויך ווייניק, נאָר אַזוי פיל וויפל דער מסחר פאַרלאַנגט. מיטן ווײַב, מיט די קינ־דער איז היק און סטיק און געציילטע ווערטער: גיי, נעם, זאָג און... כמעט

קיין מאָל נישט פאַרענדיקט די ווערטער. רעדן, רעדט ער טאַקע, ווי געזאָגט, וויניק, כמעט גאָרנישט, אָבער ס'מויל שטייט אים נישט פון דעסטוועגן אַ מינוט. זומער און ווינטער דאַוונט ער קאָיאָר מיטן ערשטן מנין אין בית־המדרש און בלײַבט נאָכן דאַוונען זיצן אַזוי לאַנג זאָגן תהלים ביז ס'איז צײַט אויפצומאַכן ס'געווּעלב. דאָס נישט־דערזאָגטע פאַרענדיקט ער דערנאָך אין משך פון אַ גאַנצן טאָג. די ליפּן הערן זיך נישט אויף צו באַוועגן און עס זעט אויס גלײַך ער זאָל האַלטן אין איין קײַען ברויט. הגם נישט עלטער ווי אַ יאָר עטלעכע און פופציק, גייט כאַסקל פּאַוואָליע, קוים וואָס ער רירט מיט די פיס, אַז מ'זעט אים צוגיין פונעם געווּעלבטיש ביז צו דער שוועל, קאָן מען מיינען, אַז דאָס שלעפּט זיך נעבעך אַ זקן אַ בן־שמונים אויף זײַנע אַלטע, שוואַכע פיס. און כאָטש אַזוי, קאָן כאַסקל, אַז ער וויל, גיין גיך און אַפילו לויפן. אַ סימן: ערב־שבת, פרײַטיק צו מיטאָג מאַכט כאַסקל צו דאָס געווּעלב. נאָר ווי אַזוי פאַרמאַכט ער עס? ער גיט זיך אַ לאָז פונעם געווּעלבטיש מיט איין שפּרונג צו דער דעמבענער טיר, גיט אַ צי מיט איין האַנט דעם אײַזערנעם ריגל, צו וועלכן מע דאַרף געוויינטלעך אין דער וואָכן אַחוץ זײַנעביידע הענט אויך זײַן ווײַב ציפּע־יענטעס, און גייט — ניין, ער לויפט אין מרחץ אַרײַן. אַהיימגעקומען פון מרחץ, טוט ער זיך איבער שבתדיק: ס'שטרײַמל, די זשופּיצע און לויפט אין שול אַרײַן. דאָרט וואַרט ער, לויט דעם צי ס'איז זומער צי ווינטער איין שעה, צוויי שעה און דרײַ שעה אין איינעם מיט געצל שמש ביז יידן קומען זיך צונויף צו מנחה. דערווײַל זאָגט ער הויך, אויף אַ קול תהילים. אין איינעם אַ שבת צו שלש־סעודות — ס'איז האַלב טונקל, ס'ווערט גאַנץ טונקל, מ'זעט זיך איינער דעם אַנדערן נישט די צורה. „געצל, צײַט אָנצינדן ליכט" — הילכט עס אַריבער פון אַלע עקן טיש. — „אַזוי גאָר? אָנצינדן ליכט?", — מיט אַ מאָל ווערט כאַסקל באַרעדעוודיק. דער שעפּטשער פון אַ גאַנצן אינדערוואָכן קאָן פּלוצעם שרײַען. אויף אַ קול און מיט אַ גבורה וואָס פאַרשעמט דעם שמש בײַ די הקפות:

— געצל, זאָלסט זיך נישט דערוועגן צו מאַכן ליכט. וועסט חלילה זײַן אַ מחלל־שבת (כאַסקל איז צוגעגאַן נאָענט צו געצלען זיך צוגעשפּאַרט צו אים מיט זײַן שפּיצעכיקן בויך און אים אַרײַנגעיאָגט די ווערטער ווי אַ וויכער אַרײַן) אַ ח י ב־מיתה. כאַסקלס קול האָט אין חלל פון דער שול אָפּגעהילכט ווי אַ דונער. אַן אימה איז געפאַלן אויף דער אין טונקלקייט גע־

הילטער עדה בײַם טיש. די צוויי־דרײַ צענדלינג ייִדן — צוויי־דרײַ מנינים פּאַרגליוועטע וואַקספיגורן — זײַנען דעמאָלט געבליבן זיצן פאַר שרעק ביז שפּעט אין דער נאַכט בײַ שלוש־סעודות. די ווײַטערע שבתים איז שוין בײַ שלוש־סעודות מיט כאַסקלען אין איינעם קוים אַ מנין געווען.

ס'איז כדאַי פאַרויסצולויפן אַ שטיקל צײַט און צו דערציילן, אַז דעם סוד פון כאַסקלס התנהגות איז מען געוואָר געוואָרן מיט אַ צוואַנציק יאָר שפּעטער, ווען „כאַסקל חורבן בית־המקדש" האָט שוין טאַקע באמת קוים געקאָנט רעדן און האָט געהאַלטן בײַם שטאַרבן. ער האָט זיך צוגעבויגן צו יהושע־העשל דיין, וואָס האָט מקיים געווען בײַ זײַן בעט די מצוה בקור־חולים, און צו אים געשעפּטשעט:

— אַ גאַנצע וואָך קריכט אַ ייִד ווי אַ וואָרעם אין גשמיות פון לעבן, אָבער שבת דאַרף ער זיך משׂמח זײַן מיט דער שכינה. דער וואָך גיב אָפּ נאָר אַ ברעקל פון דײַן חיות, ס'לשון? — אַן עבירה, די פּיס? — אַן עבירה. דער גאַנצער כוח פונעם גוף און פון דער נשמה פון אַ ייִד געהערט דעם הייליקן שבת. וואָס זאָגט איר, ר' יהושע־העשל, וועט מען אָננעמען די שיטה פון אַ פּשוטן לעדער־קרעמער אין בית־דין של מעלה?

איז זאַלישטשיק ערשט נאָך כאַסקל גאַרבערס טויט געוואָר געוואָרן ווער „כאַסקל חורבן בית־המקדש" איז געווען. בײַם לעבן זײַנעם האָבן אַ סך געהאַלטן, אַז ער מאַכט דעם אָנשטעל, ווער ווייס צוליב וואָס און ס'האָט זיי פאַרדראָסן, ווײַל אַן אָנשטעל פאַרדריסט. אַנדערע ווידער האָבן געטראַכט אַז כאַסקל איז אַ שטיקל צוגעדולטער און זײַנען געווען צופרידן, וואָס זײַן שגעון שאַט כאָטש קיינעם נישט, אַפילו אים אַליין צו דער פּרנסה אויך נישט.

האָט אַזאַ ייִד ווי כאַסקל גאַרבער געקענט אין זינען האָבן ווײַב און קינדער? פאַרשטייט זיך אַז נישט. נאָך אַ גליק וואָס קיין ייִנגלעך האָט כאַסקל נישט געהאַט.

22

אין בראַניצקיס גאָרטן

כאַסקלס עלטסטע טאָכטער פונעם ערשטן ווײַב האָט געשמט אין שטאָט פאַר אַ שאָנהייט. פעסעלע איז אַלט געווען אַ יאָר אַכצן־נײַנצן. גע־האָט אַ געדיכטן קאָפּ ברוינע זײַדענע האָר. דערצו טונקעלע, ווייכע אויגן ווי סאַמעט, אַ גרינלעך־ווײַס פּנים מיט חן־גריבעלעך אויף ביידע באַקן און צוויי געטאָקטע פיס. זי האָט געענדיקט אַ זיבן־קלאַסיקע רעגירונגס־שול, גערעדט פּויליש ווי אַן עכטע פּאָלקע און דײַטש אויך נישט שלעכט. דײַטש איז איר אויסגעקומען צו רעדן ווייניק, אָבער דערפאַר האָט זי גע־קענט אַ סך לידער פון היינע און שילער אויף אויסנווייניק. פון שילערס לידער איז איר, ווי אַלע געבילדעטע ווײַבלעך און מיידלעך פון יענער צײַט, צום מייסטן געפעלן „די גלאָקע". נישט איין מאָל אין אַ ווינטער־נאָכמיטאָג איז זי געזעסן אין דער אונטערשטער שטוב בײַ אַן אויפגעשפּאַנטער קאַנווע, אויסגעהאָפטן פייגעלעך מיט צעשפּרייטע פליגל אָדער רויזן מיט פונאַנ־דערגעעפנטע בלעטער און געזאָגט דערבײַ פאַר זיך סטראָף נאָך סטראָף „די גלאָקע":

O dass er ewig gruenen bliebe,
der schoene Lenz der jungen Liebe.

— איז זיך איר יונגע צאַרטע שטים פאַרגאַן אין חלומות וועגן אַ קיין מאָל נישט געזעענעם מאַן פון לעמבערג אָדער קראָקע, אַ מאַן מיט אַ שיינער בלאָנדער טשופּרינע, וואָס ער קען זי מיט איין שאָקל פונעם קאָפּ אַראָפּ־וואַרפן אויפן פּנים און צוריק אַריבערוואַרפן אויפן נאַקן, און מיט אַ דיכ־טער־לאַוואַליערע, וואָס הענגט אַראָפּ פונעם האַלדז ווי אַ בינטל שוואַרצע בלעטער.

— זאָלושע מיך נישט מיטן „גלאָק", — צעשרײַט זיך די שטיפמאַמע און פון איר געשריי בלאָזט מיט קנאה צו דער שטיפטאָכטערס כשופדיקער שטים, צו איר שיין פּנים און צו אירע גילדענע הענט. זי טראַכט וועגן אירע אייגענע פיר מיידלעך. קיינס איז נישט געראָטן אין דער עלטערער

שוועסטער. פּעסעלע — צישעט עס בײַ איר שלאַנגיש אין מוח — האָט אַלץ פֿאַר זיך זאַזשערעט.

טעג צערינען, אַפּילו געדיכטע גרויע ווינטערטעג. אַז ס׳הייבט אָן ווייען דאָס ערשטע פֿרילינגווינטל און די זון נעמט אויסטריקענען די פֿײַכטקייט פֿון פֿאַרלאָזטע גאָרטנבענק, הייבן זיך אָן פֿאַר פּעסעלען די שפּאַצירגענג אין בראַניצקיס פּאַרק.

זאַלישטשיקער ייִדן, אַז זיי רעדן אַרויס דעם נאָמען בראַניצקי איז נישט אַנדערש ווי בראַניצקי ימח שמו. הגם ער איז שוין טויט אַ יאָר זעכציק און אפשר מער, קאָנען זיי אים נישט מוחל זײַן וואָס ער האָט אַ מאָל געהייסן וואָווע ברוינשטיין, האָט זיך געשמדט און חתונה געהאַט מיטן פּירשט פּי־ניבסקיס טאָכטער. ייִדישע טעכטער דאַקעגן טראָגן נישט נאָך קיין שנאה. זיי זאָגן צערטלעך „באַראָן בראַניצקי“ און דריקן דערמיט אויס דאַנקבאַרקייט צו דעם משומד, וואָס האָט אין זײַן צוואה אַרײַנגעשריבן אַז דער שיינער, גרויסער פּאַרק מיט די פֿײַן געשאָטערטע, לאַנגע אַלייען, מיט די וווּנדער־לעך באַאַרבעטע בלומענבייטן, מיט די קילע, שטיפֿערישע שפּרינגברונע־מער און מיט די באַצויבערנדיקע טײַכן, אויף וועלכע ס׳שווימען ווײַסע שטאָלצע שוואַנען, זאָל ווערן אַן עפֿנטלעכער גאָרטן.

אין די פֿאַרמיטאָגן זיצט פּעסעלע אין אַ זײַטן־אַלייע אויף אַ באַנק מיט אַן אָנשפּאַר פֿאַר די פּלייצעס, טייל מאָל אַליין מיט אַ האַנט־אַרבעט, מיט אַ באַנד שילער, מייסטנס אָבער מיט חברטעס פֿאַרטאָן אין אַ טרוימ־שפּיל. זיי שפּילן זיך, די מיידלעך, אין נײַגעריקייט, ווי אַזוי וועט הייסן דער חתן זייערער? מ׳שרײַבט אָן אויף צעטעלעך נעמען, שיינע פּוילישע נעמען, און אַיעדע נאָך דער ריי מאַכט צו די אויגן און ציט אַ נאָמען. פּעסעלען איז שוין עטלעכע מאָל נאָך אַנאַנד אַרויסגעקומען: טאַדעוש. זי ווערט רויט פֿאַר גליק. די חברטעס זײַנען זי מקנא — אַזעלכע נאָענטע מענטשן מיטן נאָמען טאַדעוש: פּאַן טאַדעוש, טאַדעוש קאָשציושקאָ. צו טאַדעוש פּאַסט זיך נישט אַזאַ נאָמען ווי פּעסעלע. ווער רופֿט זי דען אַזוי? דער טאַטע, די שטיפֿמאַמע, דער זיידע מנשה, אַ מאָל אַ שכנה. די חברטעס רופֿן זי נישט אַנדערש ווי פּעפּאַ. זי אַליין פֿילט אַז פּעסעלע איז עפּעס אַ פֿרעמדער נאָמען. אַ נאָמען פֿאַר אַ פֿאַרצײַטישער פֿרוי. זי הייסט נישט פּעסעלע, זי הייסט פּעפּאַ, איר מאַן וועט הייסן טאַדעוש, זיי וועלן וווינען אין שטיבער מיט געפּאַרבטע דילן ווי דער דאָקטאָר הולעס, וועלן קומען אין שול אַרײַן

ווי ער, נאָר איין מאָל אין יאָר. אירע זין (זי לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, פֿאַר־שעמט זיך) וועלן זײַן דאָקטוירים, אירע טעכטער וועלן שפּילן פּאַרטעפּיאַן. אָבער וווּ וועט זי וווינען? אין לעמבערג צי אין קראָקע? זי הייבט זיך אויף פֿון דער באַנק, רײַסט אָפּ אַ בלימל און נעמט ציפּן די בלעטלעך און ציילן אין דער שטיל:

לעמבערג, קראָקע; לעמבערג, קראָקע; לעמבערג...

אַ ציטער פֿון פֿרייד לויפֿט דורך איר יונגן צאַרטן גוף. דאָס פּנים קאָן נישט פֿאַרבאַהאַלטן דאָס גליק: לעמבערג... זי האָט טאַקע געוואָלט לעמבערג.

אַז די שטיפֿמאַמע האָט פּעסעלען דערציילט וועגן דעם שידוך, וואָס מ׳רעדט איר מיט אַ בוקאָווינער דאָרפֿס־בחור, און אַז דער פֿאָטער האָט אַרויסגעשיקט אַ הזמנה פֿאַר די מחותנים זיי זאָלן קומען אָנקוקן די כּלה, איז פּעסעלע אויסגעבראָכן אין אַזאַ געוויין, וואָס די שטיפֿמאַמע האָט פֿון איר קיין מאָל נישט געהערט. ס׳האָט ציפּע־יענטען אַזש אָנגעכאַפּט בײַם האַרץ און זי האָט גענומען האַלדזן און קושן פּעסעלען און זי טרייסטן ווי מ׳טרייסט געוויינטלעך אַ מיידל, וואָס דער חתן געפֿעלט איר נישט.

— וואָס זשע, — האָט ציפּע־יענטע גערעדט צו איר ווי אַן אייגענע מאַמע — טאַטע־מאַמע ווילן חלילה דײַן שלעכטס? זיי זײַנען דאָך אויסן נאָר דײַן טובֿה! דער טאַטע האָט זיך נאָכגעפֿרעגט, האָט מען אים געזאָגט, אַז ס׳איז אַן אײַזערנער שידוך, אַזאַ שידוך טרעפֿט נאָר איין מאָל אין אַ יובֿל. אי רײַך, אי שיין און געבילדעט. הלוואי אויף מײַן פֿרומעלען גע־זאָגט געוואָרן — האָט פֿון איר די שטיפֿמאַמע נישט־ווילנדיק אַרויסגערעדט.

פּעסעלע האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון דער שטיפֿמאַמעס אָרעמס. זי האָט געכאַפּט אַ קוק אויף דער קליינער אויסגעטריקנטער פֿרוי, אויף איר פּנים מיט די צוויי האָרווערצעלעך בײַ די זײַטן, אויף דעם אײַנגעצויגענעם קאָפּ־טיכל אירן, פֿון וועלכן ס׳האָבן ווילד אַראָפּגעפּלאָטערט די עקן ווי די פֿליגל פֿון אַ רויבפֿויגל, און עס האָט זיך פֿאַר איר אין דער האַלב־טונקל־קייט פֿונעם צימער אָוועקגעשטעלט דער בייזער פּאַן קאָוועצקי, דער אויפֿזעער פֿון בראַניצקיס גאָרטן.

פּונקט אַזאַ קליינער, אַ דאַרער, דאָס זעלבע פּאַרמעט־גרינלעכע פּנים, שטענדיק אונטערגעבונדן מיט אַ טיכל, וואָס זײַנע עקן יאָגן זיך בײַ אים אונטערן האַלדז ווי פֿון אַ ווינט געטריבן.

פעסעלע און אירע חברטעס האָבן פּײַנט געהאַט דעם פּאַן קאָוועצקי, וואָס טראָגט זיך אַרום איבערן פּאַרק ווי אַ בייזער הונט און לאָזט אַלע מאָל אַרויס אַן אומהיימלעכן האָוקע: „דאָ טאָר מען נישט שטיין, זשי־דוווקעס!", „זעצט אײַך נישט צו פיל צו אויף איין באַנק, זשידוווקעס!"... פריילעך ווערט פּאַן קאָוועצקי נאָך זונפאַרגאַנג ווען ער קאָן געבן אַ גע־שריי: „מע פאַרמאַכט דעם גאָרטן!" און עס הייבן זיך אָן שיטן די זשידווו־קעס דורכן טויער באַגלייט פון דער געקלינגערײַ פון קאָוועצקיס שווערן בינט שליסל. עפּעס דאַכט זיך דעמאָלט אויס, ווי פּאַן קאָוועצקי וואָלט פאַרנומען צו זיך דעם פרילינג, דעם זומער, די גוטע גאָרטן־ריחות, אַלע מיידלשע חלומות פון אַ גאַנצן טאָג און איבערגעלאָזט פאַר די זשידוווקעס נאָר דעם רינגפלאַץ מיט דעם באַרג שטויב אין מיטן, מיט די שורות גע־וועלבן צוביידע זײַטן באַרג און בייזע שטיפמאַמעס אין דומפּיקע אַלקערס.

פעסעלע האָט אויף זיך אַ כאַפּ געטאָן דעם מאַנטל און איז אַרויס אין איין אָטעם פון דער שטוב. זי האָט אַדורכגעשפּרײַזט אויף גיך דעם רינג־פּלאַץ און זיך פאַרנומען אויפן טאַרסקיער וועג צום זיידן מנשה.

בײַם זיידן אין שפּײַזקרעמל האָט דער נאָר וואָס אָנגעצונדענער נאַפט־לאָמפּ געברענט אומרויִק, אַרויסגענומען די אויגן בײַ דער פאַראומערטער עגונה, וואָס איז געזעסן בײַם געוועלבטיש און געלייענט אַ מעשה־ביכל.

פון הינטערן טיש איז אַפּירגעקומען די עגונה מיט אַ שוואַרצן טיפן שייטל אויפן קאָפּ. אונטערן שייטל איז פאַרשווונדן דאָס בלייכע פּנים, האָט זיך קוים אַרויסגעזען דער קליינער, דאַרער גוף. אַ שייטל האָט גע־שפּאַנט אויף צוויי שיך מיט הויכע קנאַפּל און געוועדט מיט אַ דריבנע, קוויטשיק קולעכל:

— דו ביסט עס, פעסעלע?! דער זיידע, ווו ער איז? ער האָט הײַנט אַ שווערן טאָג. אין דער פרי איין לוויה און באַלד דאַרף ער גיין צו אַ צווייטער. האָט ער זיך אַ ביסל צוגעלייגט אויסרוען אין אַלקער. און דו מיינסט, פעסעלע, — האָט דאָס שייטל אויפגעהערט קוויטשען, געגומען שעפּטשען סודותדיק — אַז די סגולה העלפט? ס'זאָל זיך אָנהייבן און אויסלאָזן! ס'שטיקט אים, נישט פאַר דיר געזאָגט, פונקט ווי פריער דער געלעכ...

די עגונה האָט אָפּגעהאַקט אין מיטן וואָרט. אין דער טיר, וואָס פירט פונעם אַלקער אין געוועלב אַרײַן האָט זיך באַוויזן דער זיידע מנשה.

— וואָס טוט דער טאַטע, פעסעלע? — האָט ער אַ פרעג געטאָן אַזוי זיך, אַנשטאָט אַ גוט ב׳אָונט.

— קוים וואָס ער גייט — האָט פּעסעלע געוואָלט אויספרווון, צי דער זיידע איז גוט אויפגעלייגט.

— קערסט מיר אָן אַ גרויסער שגץ, — איז מנשה צוגעגאַן נענטער צום אייניקל, איר געגלעט דעם קאָפּ און אַ קניפּ געטאָן אין בעקל. ער האָט זיך אײַנגעקוקט אין פעסעלען און איצט בײַם אומרויִקן שײַן פונעם נאַפט־לאָמפּ דערזען מער ווי אַלע מאָל ווי שטאַרק זי סאַמעוועט מיט איר פאַר־שטאָרבענער מוטער. קיין געזונטערס און שענערס ווי איר מוטער, איז, דאַכט זיך, אין דער גאַנצער שטאָט נישט געווען און פלוצעם איבער נאַכט... אַ בייז אויסכאַפּעניש... מנשה טראַכט פון זײַנע קינדער און צער פאַר־קלעמט אים בײַם האַרץ. דער מוח מאַכט אויף גיך דעם סך־הכל. דרײַ טעכטער און צוויי זין. צוויי פון די טעכטער יונג אַוועקגעגאַנגען און אי־בערגעלאָזט יתומים אויף שטיפמאַמעס הענט. סאָסיע, די יינגסטע — אַ פאַראומערטע עגונה. פון די זין איז דער עלטסטער אַ מחוסר פרנסה מיט אַ שטוב דערוואַקסענע מיידלעך און דערצו עלנט אין אַ פרעמדער שטאָט. דער יינגערער — פאַר קיין שום ייִד ניט געזאָגט, אַ בעזדיטניק. ער אַליין, מנשה, שוין צוואַנציק יאָר אַן אַלמן, פרנסה בצימצום און דערצו האָט אים דער רבונו־של־עולם צוגעשיקט אַ מכּה אשר לא כתובה בתורה: לאַכן.

ווי אַלע מאָל, ווען יסורים נעמען אים אײַנגעשפּאַרט נאָגן בײַם האַרץ, צעבליִען זיך אויף מנשהס אַנגעדראָלענע באַקן צוויי ברענענדיקע געלעכ־טער־רויזן. איבער דער שיטערער גרוילעך־קויטיקער באָרד, וואָס הייבט זיך בײַ אים אָן פון סאַמע אונטער די אויגן, פלאַטערט איצט אַ בלאַסע רויטקייט. עס זעט אויס ווי אין די האָרוואָרצלען זאָל טליִען דער באַגינען פון אַ שׂריפה. מיט דער רעכטער דלאָניע פאַרשטעלט מנשה דאָס מויל. ער פאַרצאַמט דעם וועג די שטורמישע געלעכטער־כוואַליעס וואָס רײַסן זיך פון האַלדז. ער קרעקט זיך, גלײַך אַ פישביינדל זאָל זיך אים האָבן אוועק־געשטעלט פּאַפּעריק אין ווייִשעט. ס׳דויערט היפשע עטלעכע מינוט. איין שלונג נאָכן אַנדערן. איין שטיק געלעכטער נאָכן אַנדערן האָט זיך אַראָפּגע־גליטשט אין מאָגן אַרײַן, פרײַ געמאַכט דעם האַלדז. איצט נעמען זיך אויך

לעשן די פֿײַערלעך אויף די באַקן. די באָרד ווערט צוריק גרוי, קויטיק, טרויעריק.

— האָסט געהערט, פּעסעלע, מרדכי־סענדער איז געשטאָרבן. אַ ירא־שמים געווען און אַ גרויסער למדן.

און מנשה האָט נאָך אַ מאָל אַ גלעט געטאָן פּעסעלען איבער די האָר און איז אַוועק.

23

מנשה, דער לוויה־גייער

פון וואַנעט דאָס חולאת פון לאַכן האָט זיך גענומען צו מנשה בעליק, ווייס קיינער נישט. ער אַליין געדענקט, אַז אין איינעם אַ זומער (ס'מוז שוין זײַן זיבעט דעמאָלט דרײַסיק יאָר, אויב נישט מער) איז ער אויף שבועות געפאָרן קיין קאָסעוו בעטן אַ רפואה בײַם רבי ר' חיימל. די נסיעה, דער־מאָנט ער זיך נאָך הײַנט, איז געווען אַ שווערע, זייער אַ שווערע. קודם ווי נעמט מען אַ געלעגנהייט קיין קאָסעוו? ווער פאָרט קיין קאָסעוו? זאַליש־טשיקער ייִדן זײַנען ריזשינער חסידים, גייען אויף יום־טוב פירלעך קיין סאַדאַגערע. מנשה בעליק איז אָבער נישט קיין זאַלישטשיקער, ער שטאַמט פון גוואָזדזיעץ, אַ קליין שטעטל לעבן קאָלאָמיי. און אין יענער געגנט האַלט מען פון קאָפּל חסידס אייניקלעך. אין קאָסעוו — פלעגט מנשהן ייִנגלווײַז זאָגן דער פאָטער זײַנער — איז היימישער ווי אין סאַדאַגערע. דאַוונט מען, דאַוונט דער רבי פאַרן עמוד, טאַנצט מען, טאַנצט דער רבי מיט. מיט איין וואָרט, מ'איז בײַם רבין אויף יום־טוב און נישט ווי אין סאַדאַגערע בײַם רבש"ע צו גאַסט. איז טאַקע מנשהס זיידע אַלע יאָרן געפאָרן צום אַלטן רבין און דער טאַטע זײַנער איז געווען כמעט אַ מקורב אין קאָסעוו. פון זאַלישטשיק, ווי געזאָגט, איז נישט קיין קלייניקייט זיך צו דערשלאָגן קיין קאָסעוו. אַ גליק וואָס ס'האָט זיך געמאַכט, אַז פון בראַניצקיס הויף איז אַ פּרעכטער געפאָרן קיין קאָסעוו נאָך זאַלץ. האָט מנשה געקאָנט ברעכן די ביינער דרײַ טעג אויף אַ שווערן לאַסטוואָגן און אָנקומען אַ שברי־כּלי צוויי טעג פאַר יום־טוב.

אסרו־חג נאָכן דאַוונען האָט ער זיך געפּראַוועט בײַם רבין. ר' חיימל האָט אויסגעהערט, מיט ציטערדיקע הענט געצופּט, ווי זײַן שטייגער איז געווען, האָר פון דער באָרד, זיי געלייגט טריקענען אין דער אָפענער גמרא אויפן טיש, דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן פונעם שטול, צוגעפירט מנשהן צום פענצטער און געטײַטלט מיטן פינגער אויפן בית־עולם, וואָס אַקעגנאיבער דעם הויף.

— אַ ייִד, מנשה, — האָט דער רבי געצויגן מיט זײַן נאָגנדיק־זיסער שטים וואָס אונטער איר כּישוף זײַנען געשטאַנען אַלע זײַנע חסידים, — אַז ער קוקט איין מאָל, צוויי מאָל אין טאָג און אַז מ׳דאַרף, אויך בײַ נאַכט, אויף אָט די שטיינער, ווערט פון זײַן געלעכטער — געוויין. הלוית־המת איז אַ גרויסע מצוה. זאָלסט אָפּהיטן די מצוה, מנשה, דו הערסט, בכל נפשך ובכל מאודך.

מנשה איז אַהיימגעפאָרן און האָט פון דעמאָלט אָן עטלעכע און דרײַסיק יאָר דורך אַנאַנד נישט פאַרפעלט קיין איין לוויה אין שטאָט. ער האָט געשפּאַנט דעם טאָרסקיִער באַרג־אַרויף צום בית־עולם ווי דער רבי האָט געהייסן, איין מאָל און צוויי מאָל אין טאָג, אין היצן און אין זאַווערוכעס און עטלעכע מאָל איבערן יאָר אויך אין פינצטערע שבתצונאַכטסן, ווען דער שוואַכער שײַן פון די לאַמטערנעס שפּרינגט שדיש אַרום דער מיטה, פאַרשטעלט די לעבעדיקע און נעמט אַרום יעדן מיטגייער מיט איינזאַמקייט און שרעק. איז דאָס מת געווען אַזאַ, וואָס האָט זיך פאַרדינט מער כּבוד ווי געוויינטלעך, האָט מנשה נישט געזשאַלעוועט אָפּצוזיצן אַ נאַכט און צו לערנען משניות און אַפילו זיך מטפּל צו זײַן מיט דער טהרה. ער האָט געלערנט משניות און ס׳האָט אים געשטיקט דער געלעכטער, ער האָט געוואַשן דעם מת און זיך צוגעהאַלטן דאָס מויל, ער זאָל זיך נישט צעלאַכן אויף אַ קול.

לכתחילה, אַז מנשה האָט אָנגעהויבן ווערן אַ כּל ולך בײַ די לויות, זײַנען אפשר געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אונטערגעברומט:

— אויסגערעכנט, אַ לאַכער שטעלט מען זאָגן צדוק הדין? איר האָט ליב אַ פריילעכן ייִד? שטעלט אים זינגען שושנת יעקב.

מיט דער צײַט אָבער האָט מען אויפגעהערט ברומען. מ׳האָט געוויינט, כאָטש מנשה לאַכט, און שפּעטער גאַר געגומען יאָמערן, ווײַל מנשה לאַכט.

די עטלעכע צענדלינג מענטשן, וואָס זײַנען בײַגעווען בײַ דער לוויה פון מנשהס ווײַב און שפּעטער בײַ דער קבורה פון זײַן טאָכטער, האָבן דערציילט, אַז ס׳איז געווען אַ פּחד צו קוקן ווי אַזוי מנשה האָט געלאַכט אין מיטן קדיש־זאָגן. אויגן האָט ער דערבײַ געהאַט — צוויי אויסגעלאָשענע קוילן. דער גוף האָט זיך געשאָקלט ווי אַן איבערגעבראָכענער צווײַג און די אָנגעדראָלענע באַקן האָבן געברענט מיט אַ העליש געלעכטער. איז טאָקע אַזאַ געיאָמער, ווי דעמאָלט בײַ חיהציע מנשהס קבורה, נאָך,

דאַכט זיך, בײַ קיין שום לוויה נישט געווען. וואָס העלער דער געלעכטער האָט געפּלאַמט אויף מנשהס קינבאַקן, אַלץ שטאַרקער האָט דער עולם געפּלייצט מיט געוויין.

שטאַרקט מנשהס געלעכטער דעם טרויער בײַ לוויות און ער הייבט אָן צו פאַרשטיין די טיפע כּוונה פונעם רבינס סגולה. ער הייבט אויך אָן פילן די גרויסע זכיה, וואָס ער האָט אין זכות פון ר׳ חיימלס ווערטער. דאָס חולאת זײַנס ווערט בײַ אים אַ מתּנה פון זײַן ליבן גאָמען, אַ מתּנה, וואָס איז אַ לעבעדיקער קוואַל פון מצוות, אַ גאָב פון גאָט, וואָס האַלט אָפּ ייִדן פון עבירות. יאָ, פון עבירות, וואָרעם ס׳מאַכט זיך דאָך נישט איין מאָל, אַז דער געשטאָרבענער לאָזט איבער אַ טינא בלב בײַ קרובים, בײַ אייגענע קינדער, אָדער גאָר די ירושה איז צו גרויס און פאַרהאַרטעוועט די געמיטער בײַ די אבלים. וואָלט מען נישט געוויינט און פאַרשעמט דערמיט אַ טויטן, ווען נישט מנשהס געלעכטער, וואָס צעברעכט אַפילו הערצער פון שטיין.

אַז גראָד הײַנט בײַ סענדער־מרדכיס לוויה זאָל זיך אויסלאָזן דעם רבינס סגולה, זאָל צערינען ווערן זײַן זכיה, אויף דעם האָט זיך מנשה נישט גערעכנט. סענדער־מרדכי איז געווען זײַנער אַן אמתער ידיד און ער האָט אים ליב געהאַט אהבת נפש. און ס׳איז געווען פאַר וואָס ליב צו האָבן סענדער־מרדכין. אַ מענטש איז געזעסן אַ גאַנצן טאָג על התורה ועל העבודה. און אַ ייִד אַ לב־טוב און אַ נוח־לבריות האָט סענדער־מרדכי אין זינען געהאַט, אַז נישט נאָר ער אַליין, נאָר אויך אַנדערע זאָלן האָבן עולם־הבא. אַלע טאָג פאַר נאַכט נאָך מנחה איז ער געזעסן אין אַלטן בית־המדרש און געלערנט מיט פּשוטע ייִדן עין־יעקב. און ווי אַזוי געלערנט. ער פרעגט יעדן אויס און ווערט נישט מיד נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל צו פאַרטײַטשן. און הגם סענדער־מרדכי איז אַ ייִד אַן אָרעמאַן מיט צוויי פאַרזעסענע מיידלעך, וואָס אַרבעטן אויס אַ צימצומדיקע פּרנסה מיט דער נאָדל, איז פון דעסטוועגן שייך, אַז ער זאָל נאָכן לערנען אַהיימברענגען אַן אורח און אַ מאָל צוויי צו דער וועטשערע און געבן אַ נדבה אויך, אַז ס׳וואַלגערן זיך גראָד עטלעכע גראָשן אין קעשענע.

אַז אַזאַ ייִד ווי סענדער־מרדכי איז נפטר געוואָרן, האָט פאַרשטייט זיך, מנשה געלערנט משניות און זיך אַליין מטפּל געווען מיט דער טהרה. אויפן וועג צום בית־החיים האָט מען זיך, כּנהוג בײַ אַזאַ חשוב מת, אָפּגע־שטעלט בײַם בית־המדרש. דער רב האָט מספּיד געווען, דער חזן האָט גע־

מאַכט אַ מלא און איידער מ׳נעמט ווײַטער גייך, מוז מען דעם נפטר אָפּזאָגן פונעם בית־המדרש. ווער זשע זאָל עס טאָן? מנשה. ער גייט אַרויף אויף דער טרעפּ פונעם פּאָליש און גיט אַ געשריי:

— סענדער־מרדכי, איך זאָג דיך אָפּ פונעם בית־המדרש. זאָלסט זיין אָפּגעשיידט פון אַלע לעבעדיקע.

און ס׳האָט אים פאַרשטיקט אַ געלעכטער, אַז ער האָט קוים געקאָנט פאַרענדיקן די עטלעכע ווערטער. געפילט האָט ער תיכף, מנשה, אַז ס׳איז היינט אַנדערש ווי אַלע מאָל, ס׳זאָל זיך דאָס עמעצער געווען אַ קרום טאָן. פאַרקערט, מנשהן האָט זיך אויסגעדאַכט, ער איז געווען זיכער, אַז די עטלעכע מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען נאָענט לעבן אים, האָבן געשמייכלט. און פּלוצעם, ער האָט נאָך נישט אוספייעט אַראָפּצוגיין פון דער טרעפּ, איז אויסגעוואַקסן לעבן אים דעם נפטרס יינגערער ברודער עוזר צעלניקער, אַ קליין, פאַרעשט יידל, וואָס דאָס זשאַקעטל איז ביי אים תמיד פאַרבלאָ־טיקט און דער קאַפּעליוש אויפן קאָפּ שטענדיק פאַפּעריק, מחמת ער האָט רק קיין צייט נישט און האָט אַ רעווע געטאָן מיט כעס:

— וואָס איז אויף אייך די גדולה, ר׳ מנשה? איר גלוסט זיך צו לאַכן, אַז אַ ייד לאָזט איבער אומפאַרזאָרגטע קינדער?

מנשה איז געבליבן געפּלעפּט. ער האָט נישט געקאָנט אַרויסברענגען אַ וואָרט. מיט צוויי אויסגעלאָשענע אויגן ווי יענצמאָלט ביי זיין חיהציעס קבר האָט ער געקוקט אויף די מלווים, אין זיי אַריינגעבויערט זיין צער. און די מלווים? קיינער פון זיי האָט דאָס מאָל נישט געזען זיינע אויגן, אַלע האָבן זיך געחידושט, גלייך ס׳וואָלט פאַר זיי געווען עפּעס אַן אומדערוואַרטע נייעס, אַ טייל האָבן געשמייכלט און די מיינסטע האָבן געשוויגן. פון דעם שווייגן האָט עס אַרויסגערעדט מיט קאַלטער, געלאַסענער בעלי־הבתישקייט:

— ס׳איז טאַקע נישט גלייך, אַז אַ ייד מיט אַזאַ מום זאָל זיך שטופּן צו לוויות. אַזאַ ייד דאַרף זיין אַ פּורים־רב, אַ מאַרשעליק ביי חתונות.

די לוויה איז שוין אַוועק אויף גוטע הונדערט שריט פאַרויס און מנשה איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויף דער טרעפּ פון בית־המדרש, געגלאָצט מיט די אויגן, געדושעט אין זיך געלעכטער און זיך נישט געקאָנט ספּאַמיענטן פון אַלץ, וואָס ס׳איז דאָ פאַרגעקומען.

אויפגעוועקט פון זיין פאַרגליווערטקייט האָבן מנשהן פאַרשייטע שניי־שטערנדלעך, וואָס האָבן זיך גענומען אַראָפּלאָזן פון פאַרכמאַרעטן הימל, זיך

שפּילן מיט אַלץ, וואָס טרעפט זיך אין וועג, אויך מיט מנשהס אויסגעלאָשענע אויגן, מיט זײַנע פֿאַרפּלאָמטע און גרוילעך־קוויטיקער באָרד.

ווען מנשה איז אַהיימגעקומען און זיין טאָכטער, די עגונה, האָט אים גענומען דערציילן וועגן דעם שידוך וואָס מע רעדט פעסעלען, האָט זי באַלד דערזען, אַז ס'איז נישטאָ וועמען צו דערציילן. דער פאָטער איז אויס מענטש. ער האָט נישט געלאַכט און מע האָט אַפילו נישט געזען, אַז ער זאָל וועלן לאַכן. דאָס קײַלעכיקע פּנים זײַנס האָט זיך מיט אַ מאָל אויסגעצויגן און איז געוואָרן לאַנג און די בערגלעך מיט די בלויע בלוטאָדערלעך אויף די באַקן האָבן פאַרלוירן די פאַרב. מנשה האָט אויסגעזען בלייך און טרויער־ריק.

— די ציפּע־יענטע — האָט סאָסיע אַרײַנגערעדט אין איר פאָטער, — איז פלאָם־פײַער פאַרן שידוך, און דער כאַסקל איז, וויזט אויס, אויך מסכים, אָבער פעסעלע וויל נישט הערן פון אַ דאָרפס־בחור. זי וויינט און זי קלאָגט און מען קאָן זי נישט אײַנעמען.

מנשה האָט זיך צוגעהערט אָן שום אינטערעס גלײַך עס זאָל געווען זײַן די רייד נישט וועגן זיין אייניקל, נישט וועגן צער פון זײַן טאָכטערס יתומה, נאָר וועגן עפּעס אַ מעשׂה מיט אַ שידוך פאַר אַ מיידל פון פרעמדע טאַטע־מאַמע, וואָס גייען אים נישט אָן און ער פאַרשטייט נישט צוליב וואָס מע דערציילט אים דאָס און צוליב וואָס ער דאַרף עס וויסן.

אָבער אַז סאָסיע האָט נישט נאָכגעלאָזט און האָט נאָך אַ מאָל און איבער אַ מאָל איבערגעחזרט, אַז פעסעלע וויינט, אַז זי וויל אַריבערקומען זיך דורכרעדן מיטן זיידן און אַז ער זאָל איר בײַשטיין קעגן פאָטער און קעגן דער שטיפמאַמע, האָט מנשה אַ בייזן ברום געטאָן און געזאָגט ווער־טער, וואָס האָבן סאָסיען געקלונגען דול און נישט צום פאַרשטיין.

— לאָז זיך אים דאַכטן, כאַסקלען, אַז ס'איז ערב־שבת. ער מעג שטעלן פיס און טאָקע גיין און זיך צוואַיילן. אויף דעם ביסל נדן, וואָס „כאַסקל־חורבן־בית־המקדש" האָט אָנגעזאַמלט, וואַרטן ציפּע־יענטעס איידעמעס.

און פלוצעם, גלײַך פון איין זייט זאָל אַ פײַער זיך האָבן אויסגעלאָשן אין מנשהס מוח און פון דער אַנדערער זײַט זאָל זיך עס האָבן אָנגעצונדן, איז ער אַריבער צו אַנדערע רייד, וואָס סאָסיע האָט זיי נאָך ווייניקער פאַרשטאַנען און נאָך מער זיך פאַר זיי געשראָקן.

— טאָמער האָט זיך עוזרן אויסגעדאַכט, אַז איך לאָך אָפּ פון תחית־

המתים איז ער נאָך אַ ווילדערער עם־הארץ ווי ער איז. ווען איך בין גע־שטאַנען אויף דער שוועל פון בית־המדרש און האָב אָנגעזאָגט סענדער־מרדכין, אַז ער זאָל זײַן אָפּגעשיידט פון די לעבעדיקע איז מײַן געלעכטער געווען שטאַרקער ווי בײַ אַנדערע לוויות. פאַר וואָס שטאַרקער, פרעגסטו?

סאָסיע האָט געקוקט אַ באַנומענע אויפן פּאַטערס דולן פּנים.

— ראשית־כל, — זאָגט מנשה, — ווײַל מיר האָבן אָנגעווירן אַזאַ תלמיד־חכם און אַזאַ צדיק, און שנית, ווײַל סענדער־מרדכי מיט זײַן שׂכל־הפּועל איז דאָך זיכער מיט השארת־הנפש. כ׳האָב געלאַכט, ווײַל כ׳האָב געוויינט, ווײַל כ׳האָב געיאָמערט, און כ׳האָב געלאַכט. ווײַל כ׳האָב געזען מרדכי־סענדערן אַ לעבעדיקן אין גן־עדן.

— און אפשר, — האָט דער אַלטער מנשה אַ כאַפּ געטאָן די ווייסע באָרד אין האַנט, ווי אײַנצושטילן איר צערודערונג, האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין אַ זײַט און געקוקט איבער דער אָפענער טיר צום טונקעלן אַלקער מיט אַזאַ פּחד אין די אויגן, גלײַך ער זאָל האָבן דערזען דעם מלאך־המוות, — אפשר איז גאָר עוזר געװעכט. די סגולה פונעם רבין איז נישט קיין אייביקע. געדאַרפט פאַרן קיין קאָסעוו זי באַנײַען, געדאַרפט זיך נאָך אַזוי פיל יאָרן שואל עצה זײַן מיטן צדיק־הדור. און ווײַל די סגולה איז אויסגע־גאַנגען, האָט עוזר מיך געהערט פּשוט לאַכן, פּשוט לאַכן בײַ זײַן ברודערס לוויה. איך בין אים מוחל, איך בין אים מוחל במחילה גמורה, פאַר דעם בזיון.

נאָך אָט די ווערטער האָט זיך מנשה, ווײַזט אויס, באַרויִקט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן באַנקבעטל, האָט זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל, האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין דער וואַנט, אַ שטילן קרעכץ געטאָן און גענו־מען דרימלען.

עס איז געווען דער אָנהייב פון אייביקן שלאָף. צו מאָרגנס איז גאַנץ זאַלישטשיק געווען בײַ דער לוויה פון מנשהן, וואָס האָט אין משך פון עט־לעכע און דרייסיק יאָר נישט פאַרפעלט קיין יידישע לוויה אין שטאָט. מע האָט די מיטה אַרײַנגעטראָגן אין בית־המדרש (דערצו האָט זעלטן אַ ייִד אין שטאָט זוכה געווען) און ר׳ משולם־שׂמחה, דער דיין, האָט דעם נפטר מספּיד געווען און בײַ אים געבעטן מחילה פאַר דעם בזיון, וואָס עוזר, דער צעלניקער, האָט אים אָנגעטאָן בײַ סענדער־מרדכיס לוויה.

בעלי־הבתים אין בית־המדרש האָבן עוזרן געראָטן צו פאָרן קיין קאָ־סעוו נאָך אַ תשובה.

24

דער „בעשאַו"

אַז ס'איז אַריבער די שבעה, האָט כאַסקל אַרויסגעשיקט אַ הזמנה צו הענעך אָרטשיק קיין קאָזמין און אים מיט זײַן ווײַב קריינע און מיטן חתן־בחור הערש־לייב פּאַרבעטן קיין זאַלישטשיק אויף „בעשאַו".

די מעבל־שטוב בײַ כאַסקל גאַרבער איז אין יענעם מיטוואָך נאָך מיטאָג געווען אויסגעסטרויעט יום־טובדיק. פּעסעלע מיט דער שטיפמאַמען האָבן אָנגעגרייט כיבוד ווי אויף אַ פאַרשפּיל. זיי האָבן געבאַקן לעקעך, מאַנדל־קוכן, און אַפילו שטרודל. און משקה איז געשטאַנען אויפן טיש כיד המלך: זעקס־און־נײַנציקער בראָנפן, פוילישער מעד, ווישניאַק און אַ פלאַש אַלטער רומענישער ווײַן. פאַר כאַסקלען איז דער מיטוואָך געווען ווי ערב־שבת. סאָסיע, די שוועגערין, האָט אַכטונג געגעבן אין לעדער־קראָם און ער, כאַסקל, האָט קודם אַרומגעפּאַדעט אין שטוב און איז דערנאָך געגאַנגען צו זלמן שפּערבערס אכסניה אָפּנעמען די געסט און געגאַנגען איז ער גיך, כמעט אַזוי גיך ווי ערב־שבת אין מרחץ אַרײַן.

דער „בעשאַו" איז דורך בעסער ווי מע האָט זיך גערעכט. פּעסעלע איז געווען פון די שיינע מיידלעך, וואָס פאַנגען מיט זייער פּנים דאָס אויג און דאָס האַרץ פון יעדן בחור, און זי האָט דערצו געהאַט אַ זיסע שטים, וואָס מאַנצבילן קאָנען קעגן איר קיין גבורות נישט באַווײַזן.

און הערש־לייב? מיט זײַן שלאַנקער און בייגעוודיקער געשטאַלט, זײַן שאַרף געשניטן פּנים און מיט דער בלאָנדער טשופּרינע, וואָס האָט אַרויס־רופעריש געפּלאָטערט ביי יעדן דריי פון קאָפּ, האָט הערש־לייב אַפילו אָן רייד געהאַט אַ שליסל צום האַרץ פון יונגע מיידלעך. הערש־לייבס אויגן האָבן געלויכטן מיט יענער ייִנגלשער עזות, וואָס מיידלעך ווייסן נישט וואָס צו טאָן מיט איר: ברוגז ווערן אָדער הנאה האָבן, געוויינטלעך איז גובר די הנאה.

ס'ליגט אין דער טבע פון אַ „בעשאַו", אַז חתן־כלה זאָל זיך אַ קנייטש טאָן מיט עפּעס וואָס איינס ביים אַנדערן געפעלט נישט.

האָט פּעסעלען נישט געפעלן, וואָס הערש־לייב רעדט דײַטש ווי אַ שוואַב. ער זאָגט „געשט״ אַנשטאָט „געסט״ און „איך גע היים״ אַנשטאָט „איך גע נאָך האַוזע״. הערש־לייב ווידער האָט מעשׂה בר־שׂכל אַ טראַכט געטאָן, אַז אָט דאָס צעפּיעשטשעטע שטאָטישע פּרײַלין וועט זיך אפשר נישט קאָנען צופּאַסן צום דאָרף און צו אַ ווירטשאַפט אין דאָרף.

די איבערטראַכטענישן האָבן זיך גיך אויסגעוועפּט. גלײַך ער זאָל געוועז פילן אַז עס איז צײַט צו וויסן ווו מע שטייט אין דער וועלט און אַז מע דאַרף פאַרענדיקן דעם „בעשאַר״, האָט הערש־לייב אַזוי פּלוצעם אי־בערגעריסן דעם שמועס און פאַרבעטן דאָס פּרײַליין פּעפּי אויף אַ געבעקס אין דער קאָנדיטאָרײַ. אין פּעסעלעס טונקעלע אויגן האָט אַ בליץ געטאָן אַ ליכטיקער שמייכל. זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום פאָטער און גע־לאָזט וויסן: איך גיי מיטן הער הײַנריך אויף אַ קאַווע אין דער קאָנדיטאָרײַ צו פּישל צאָלער. ציפּע־יענטע האָט עפּעס אַ מורמל געטאָן אַז זי וועט מיטגיין, נאָר כאַסקל האָט אָפּגעווונקען:

— זאָלן די קינדער גיין געזונטערהייט. זאַמט אײַך נישט. מע דאַרף דאָך אַריינרופן עטלעכע מענטשן.

די קינדער האָבן נישט געענטפערט. זיי האָבן זיך געמאַכט נישט־הערנדיק.

סײַ כאַסקל און זײַן ווײַב ציפּע־יענטע און סײַ הענעך אָרטשיק מיט קריינעז האָבן גיך באַמערקט, אַז דער „בעשאַר״ איז אַ געראָטענער און זיי האָבן ביים אַנדערן עק טיש אָנגעהויבן רעדן תּכלית. כאַסקל האָט זיך מתחייב געווען צו געבן דער בת־יחידה פון זײַן פאַרשטאָרבענעם ווײַב טעמע ק״ן רײַניש כסף און צו מאַכן פאַר דער כּלה אויסשטײַער ביד־רחבה: קליידער און וועש (מיט שטיקערייען — האָט ציפּע־יענטע אונטערגעזאָגט), פּוטערוואַרג און בעטגעוואַנט.

הענעך האָט מודיע געווען, אַז דאָס פּאָרפאָלק וועט ב״ה וווינען בײַ אים, מיטאַרבעטן מיט אים אויף דער ווירטשאַפט און וועט זײַן באַזאָרגט מיט פּרנסה און איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר מיט אַ שיינער ירושה פון הויז, גאָרטן און פעלדער אַחוץ שטובזאַכן.

ווען פּעסעלע מיט הערש־לייבן זײַנען צוריקגעקומען, איז דער טיש שוין געווען אַ געדעקטער און עס זײַנען שוין געווען קרובים אין שטוב.

מחותּנים האָבן זיך געגעבן תּקיעת־כּף און מען האָט געבראָכן טעלער.

25

די מסירה

ס'זיינען פאַרבײַ נישט מער ווי דרײַ וואָכן. דער חתן האָט באַוויזן אָנצושרײַבן איין בריוו צו דער כּלה. די כּלה האָט נאָך נישט אויספּייעט צו ענטפערן און דער שידוך איז שיר נישט קאַליע געוואָרן.

צו וואָס זאָל אַ קאָזמינער שוואָב פאָרן קויפן לעדער אויף אַ יריד אַזש קיין זאַלישטשיק, אַז נײַבורג איז פּונקט אַזאַ גרויסע שטאָט און ליגט ממש בײַ דער נאָז? דאָס שוואַכסטע איינשפּענערל מאַכט דעם וועג פון קאָזמין קיין נײַבורג אין אַ קנאַפּער שעה.

אָבער יענעם דאָנערשטיק יריד־טאָג אין זאַלישטשיק איז דער קאָזמינער שוואָב פראַנץ גערמאַן אייגענס געקומען אַ תּל מאַכן פון דעם שידוך צווישן כאַסקל גאַרבער און הענעך אָרטשיק. ער אַליין, גערמאַן, האָט קיין אינטערעס נישט געהאַט אין דעם ענין, ער איז בלויז געווען פון פריץ טײַפעלס חברותא און מע האָט אים געשיקט אין שליחות.

פראַנץ האָט זיך געיאָוועט בײַ כאַסקלען אין געוועלב שפּעט נאָך מיטאָג, ווען ס'זײַנען שוין קיין קונים כּמעט נישט געווען. ביז כאַסקל האָט זיך ספּראַוועט מיטן לעצטן קונה, האָט דערווײַל פראַנץ כּלומרשט באַקוקט די לעדער־פּלאַכטעס, וואָס זײַנען געהאַנגען אויף די ווענט ביי דער טיר און די פּאַרטיקע שיך און שטיוול און לעדערנע זעק, וואָס זײַנען געשטאַנען אויסגעשטעלט אויף די פּאָליצעס.

דערנאָך איז ער צוגעקומען צום טיש און האָט פאַרלאַנגט מע זאָל אים ווײַזן ווייכע לעדער פאַר אונטערגענײַ און האַרטע פאַר פּאָדעשוועס.

אַזוי ווי דאָס איז געווען אַ נײַער קונה, וואָס כאַסקל האָט אים נאָך קיין מאָל נישט געזען אין זאַלישטשיק, האָט ער אים אַ פרעג געטאָן פון וואַנעט ער קומט.

— פון קאָזמין.

— פון אַזוי ווייט?

— איך פאָר צו אַ קרוב אין אַ דייטשישער קאָלאָניע לעבן יאַגאָלניצע

און וואָרט דאָ אויף אַ בויד און אַזוי ווי עס איז יריד־טאָג האָב איך גע־טראַכט דאָ אײַנצוקויפֿן. מע האָט מיר סײַ ווי געזאָגט, אַז דאָ איז ביליקער ווי בײַ אונדז אין נײַבורג.

ווען כאַסקל האָט דערהערט דעם נאָמען קאַזמין, האָט ער, ווייזט אויס, פֿאַר איבעררעאַשונג פֿאַרגעסן וועגן זײַן נאָענטקייט מיט דעם דאָרף, אָבער ער האָט זיך באַלד ספּאָמיענטעט און איבערגעפֿרעגט:

— פֿון קאַזמין, זאָגט איר? מײַן טאָכטער איז אַ כּלה געוואָרן פֿאַר אַ קאַזמינער בחור.

דער שוואָב האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר פֿרום פֿאַרחידושטע אויגן, גלײַך ער זאָל דאָס האָבן צום ערשטן מאָל געהערט.

— ווער איז דער גליקלעכער אין קאַזמין, אויב איך מעג פֿרעגן?

— ווער אַנדערש קאָן עס זײַן, אַז בײַ אײַך וווינט נאָר איין ייִד אין דאָרף מיט אַ דערוואַקסענעם זון.

— אַ, הענעך אָרטשיק. אַ גוטער ווירט און אַ רײַכער מאַן. אויף ווען איז באַשטימט די חתונה?

— מיר האָבן זיך געאײניקט אַז אין קורצן, אפֿשר נאָך פֿאַר פּסח.

— אַזוי גיך? — האָט דער שוואָב אַ צי געטאָן בײַ דער לאַנגער, גע־דיכטער וואָנצע און אַרויסגעצילעט פֿון מויל ווערטער וואָס האָבן דער־לאַנגט כאַסקלען ווי מיט אַ דובניע איבערן קאָפּ — ווילן דען דעם חתנס ברידער ביז דעמאָלט זײַן פֿריי און קאָנען קומען צו דער חתונה?

— וואָס פֿאַר אַ ברידער? דער חתן איז הענעך אָרטשיקס אײנציקער זון.

— אַנטשולדיקט מיר, — האָט דער שוואָב זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט ביידע הענט בײַם מויל, ווי אַ צייכן, אַז ער וויל עס כּלומרשט צוהאַלטן, אַז ס׳זאָל ווײַטער נישט קאָנען רעדן — איך האָב זיך נישט ווילנדיק אַרויסגעכאַפּט און עס טוט מיר באַנג, וואָרעם איך זע, אַז מײַן שכן הענעך האָלט בסוד, אַז זיינע עלטערע צווײַ זין, דער וועלוול און דער מענדל זײַנען מיט עטלעכע יאָר צוריק אַנטלאָפֿן איבער דער גרענעץ.

— פֿאַר וואָס אַנטלאָפֿן? — האָט כאַסקל איבערגעפֿרעגט אַ דערשראָ־קענער.

אַזוי מיט די הענט בײַם מויל האָט פֿראַנץ גערמאַן דערציילט כאַסקלען פֿאַדראָבנע וועגן הענעכס עלטסטן זון, וואָס האָט זיך געליובעוועט מיט

הערמאַן טײַפּעלס טאָכטער מאַרטאַ און האָט איין מאָל געטראָגן מאַרטאָן אַ מתּנה אַ רויט טיכל און ס׳איז גראָד אַרויס דער בוהײַ פון שטאָל און האָט לייזער־בערן דערהרגעט. דערנאָך האָבן דעם געהרגעטנס ברידער גענומען נקמה אין מאַרטאַס פֿאָטער און אים קאַלטבלוטיק דערמאָרדעט (ביי דעם וואָרט „קאַלטבלוטיק״ האָט זיך גערמאַנס קול אַ הייב געטאָן העכער און איז געוואָרן שאַרף אַנקלאָגעריש).

כאַסקל איז פֿאַר פּחד, פֿאַר פֿאַרדראָס און פֿאַר צעטומלטקייט געבליבן ווי פֿאַרגליווערט. ער האָט נישט געקאָנט אַרויסברענגען אַ וואָרט פון מויל. און ער האָט אויך נישט געהערט מער וואָס דער שוואָב רעדט צו אים.

גערמאַן האָט טאַקע ווײַטער נישט גערעדט. ער איז געווען צופרידן מיט דער דורכגעפירטער שליחות און האָט בלויז, אויף צו פֿאַרענדיקן, אַ פרעג געטאָן אויפן פּרייז פונעם לעדער און אַז ער איז געבליבן אָן אַן ענטפער, האָט ער זיך גיך אויסגעדרייט און איז אַרויס פון געוועלב.

ווען כאַסקל איז עטלעכע מינוט שפּעטער געקומען צו זיך, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר צוריקרופן דעם שוואָב. ער האָט אים נאָך געוואָלט אויספרעגן דאָס און יענץ און אַ סך זאַכן. ער האָט קודם געקוקט אויף רעכטס ווו דער שטראָז פירט צו דער סטאַנציע פון די בוידן, וואָס גייען קיין יאַגאָלניצע און קיין טשאַרטקעוו און דעם דײַטש נישט געזען. האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ און געכאַפּט אַ בליק צו לינקס, ווו ס׳ני־ דערט דער באַרג־אַראָפּ צו דער בריק איבערן דניעסטער קיין זוויניעטשקע און דערזען דעם קאָזמינער שוואָב, נישט גיין נאָר אַנטלויפן.

וואָס איז דאָס געלאָף אויפן דײַטש? און ער האָט דאָך, דאַכט זיך, גע־ זאָלט פֿאָרן קיין יאַגאָלניצע, וואָס זשע לויפט ער צוריק צו דער זוויניעטש־ קע? אַזוי פֿאַרלוירן ווי ער איז געווען, האָט כאַסקל באַלד פֿאַרשטאַנען, אַז דער שוואָב איז נישט געקומען קויפן, נאָר אונטערצוטראָגן אַ מסירה און קאַליע צו מאַכן דעם שידוך.

אָבער וויפל ער האָט מיט אָט דער טראַכטעניש נישט געפּרוווט צו נישט מאַכן דאָס, וואָס דער שוואָב האָט דערציילט אָדער כאָטש מינערן דערפון, זײַנען אים גערמאַנס רייד געשפּרונגען אין פּנים אַרײַן און האָבן געציִשעט מיט חוזק:

ס׳איז דאָך פֿאַרט אמת, אַז דו, כאַסקל, גייסט חתונה מאַכן דײַן טאָכ־ טער מיט אַ ברודער פון מערדער.

26

נוסיע גראַלניק גיט אַן עצה

די שעה ביז ס׳האָט געגומען טונקל ווערן און מע האָט געקאָנט פֿאַר־מאַכן ס׳געוועלב, איז כאַסקל געשטאַנען בײַ דער טיר און האָט ממש נישט אַרײַנגעלאָזט מער קיין קונים. אויף וואָס די עטלעכע פּאַרשפּעטיקטע קונים האָבן זיך געפֿרעגט, האָט כאַסקל געענטפֿערט, אַז ס׳איז נישטאָ, ס׳איז אויס־געגאַנגען.

אַז ער האָט סוף־כּל־סוף געקאָנט אָװעקלייגן דעם ריגל איבער דער טיר, איז ער צוגעלאָפֿן אַהיים אָנזאָגן ציפּע־יענטען, אַז ער וועט הײַנט שפּעט אַהיימקומען, ווײַל ער וועט נאָך מעריב צוגיין צו נוסיע גראַלניק אויף דער זווינעטשקע. נוסיע האָט געשיקט נאָך אים אַ שליח־מיוחד און געבעטן, ער זאָל קומען, ווײַל ער וויל זיך מיט אים אַן עצה האַלטן.

נוסיע גראַלניק איז געווען פֿון די רײַכסטע סוחרים אין דער געגנט. און דערצו אַ ייִד, וואָס איז געווען אַ בר־שׂכל נאָך איידער עס איז אים געלונגען נושׂא־חן צו זײַן בײַם פּירשט פּינינסקי און צו פּאַכטן בײַ אים די גרעסטע גראַלניע און פֿון איר נתעשר צו ווערן, און ער איז געבליבן אַ בר־דעת, דאָס הייסט ער איז נישט געוואָרן קיין בעל־גאווהניק אויך נאָך דעם ווי מע האָט גענומען שאַצן זײַן פֿאַרמעג אין די צענדלינגער טויזנט רײַניש.

נוסיע גראַלניק האָט געשטאַמט פֿון אַ משפּחה הדרת־פּנימדיקע ייִדן. דער פֿאָטער זײַנער ר׳ אליה, וואָס האָט געהאַלטן אַ פֿעלדקרעטשמע בײַ די אַקאַציעס האַלב וועגס פֿון זאַלישטשיק אויפֿן וועג צום שטעפּאַניוװקער וואַלד, און ער אַליין, נוסיע, און זײַנע דרײַ אויסגעגעבענע זין זײַנען געווען הויכע שלאַנקע מאַנצבילן מיט שיין געוואַקסענע שוואַרצע בערד און קאַרש שוואַרצע אויגן, און שטענדיק מיט אַ שטילן קלוגן פּנים.

קיין למדן איז נוסיע נישט געווען, אָבער ער האָט געהאַט אַ גוטן זכּרון און האָט געדענקט, וואָס ער האָט אַ מאָל געלערנט. ער האָט דאָס געוווסט ווי אויסצוניצן אין אַ שמועס און ער האָט אויך ליב געהאַט אַרײַנ־צוקוקן אין די לשון־קודשדיקע ספֿרים חיצוניים.

ווײַבער האָבן געכיכעט מיט אָנצוהערענישן, און מאַנצלײַט, אַז זיי זײַנען גראָד געווען אויפגעלייגט צו אַ ביסל לשון־הרע, האָבן זיי אויך נישט פֿאַרפֿעלט אַרויסצוברענגען די סברה, אַז נוסיעס הדרת־פּנים איז אים בײַגעשטאַנען בײַם פּריץ און דער עיקרשט בײַ דער פּריצה, וואָס אַז זי קוקט אויף אַ שיין מאַנצבילש פּנים ווערט פֿון דער צעדרייטער מרשעת אַ צדיקת, מיט גוטסקייט און מיט גנאָד צו מענטשן. און פֿון דער גנאָד האָט, פֿאַרשטייט זיך, קודם־כּל נהנה געווען דער מאַן מיטן שיינעם פּנים.

אַזוי אָ האָט מען גערעכילעוועט וועגן נוסיען, אָבער אַלע זײַנען געווען צופֿרידן וואָס דער פּריצהס גנאָד האָט אים געטראָפֿן. אים, נוסיען, האָט מען פֿאַרגינען.

אַז כאַסקל גאַרבער, וואָס האָט ייִנגלווײַז געלערנט מיט נוסיען אין איין חדר בײַם פּעמורענער מלמד און האָט זיך דורך זײַן פֿאַרשטאָרבענער ערשטער פֿרוי טעמע אָנגעקערט מיט אים מחותּנימשאַפֿט, האָט דערציילט נוסיען די מעשׂה מיטן קאָזמינער שוואַב, האָט דער גראַלניק ווי זײַן שטייגער איז געווען, ס׳ערשטע אַ זאָג געטאָן: וואָס אײַלסטו זיך? אַ ישוב־הדעת קאָן קיין מאָל נישט שאַטן.

און ווײַל אָט די ווערטער — האָט נוסיע אַליין דערפֿילט — האָבן זיך עפּעס נישט געפּאַסט פֿאַר אים, וואָרעם ער אַליין איז געווען אַ גיכער, אַ געאײַלציקער (דער זאַלישטשיקער קולטוס־פּרעזידענט דאָקטאָר נײַבאָרן, דער שטאָט־חכם, פֿלעגט וועגן אים זאָגן, אַז ס׳ברענט אים אונטער די הענט און אונטערן קאָפּ), האָט ער זיך באַלד פֿאַרריכט.

— ס׳הייסט, פֿון אײַלעניש קומט דווקא יאָ אַרויס גוטס, אָבער נישט ווען ס׳גייט וועגן אָפּלאָזן אַ שידוך. בײַ אַזאַ זאַך איז גוט הונדערט מאָל איבערצוקלערן, צי מען זאָל עס טאָן און דערנאָך ערשט נישט צו טאָן. איך האַלט מיט יענע וואָס זאָגן, אַז בעסער אָנצושרײַבן צוועלף שורות, איידער צו צערײַסן תּנאָים. בײַ אַ גט דאַרף מען זען באַזאָרגן די קינדער, אָבער בײַ צעריסענע תּנאָים קאָן מען אַ מאָל נישט אײַנשטילן די פֿריקרע מורא, וואָס בלײַבט ליגן אויפֿן האַרץ. וועגן צעריסענע פּאַפּירן און צעבראָכענע ווערטער האָט מען שוין אָנגעשריבן טויזנטער מעשׂיות, איינע שרעקלעכער פֿון דער אַנדערער, און דו גיי פֿאָרש אויס צי זיי זײַנען טאַקע אַלע אמת.

כאַסקל איז געזעסן בײַ נוסיען אין עסצימער און האָט געפֿילט, אַז ווען ער זאָל זיך איצט אויפֿהייבן און ווערן גיין, וואָלטן אים די פֿיס נישט

געטראָגן אַפּילו מיט זײַן װאָכעדיק פּאַװאָליעדיקן גאַנג. ער האָט זיך אַ פּאָר־שטומטער צוגעהערט צו נוסיעס רייד:

— אַז דער קאָזמינער שװאָב איז אײגנס געקומען מיט אַ כּוונה קאַליע צו מאַכן דעם שידוך, דאָס איז קלאָר. דעם חתנס ברידער האָבן, זאָגט ער, דערהרגעט אַ דײַטש. דער ייִד, הייסט עס, איז קין און ער, דער דײַטש, איז נעבעך הבל. אַפּילו אַ װאָלעך װאָלט איך גיכער געגלייבט אַז ער קאָן אַ מאָל זײַן הבל, אָבער נישט אַ דײַטש. דו, כאַסקל, װײסט דאָך נאָר פֿון אַ פּרשה חומש, פֿון אַ פּרק־משניות און פֿון אַ בלאַט־גמרא, אָבער װען דו זאָלסט אַ מאָל אַרײַנקוקן אין אַ ספר דברי הימים, אַ ספר, װאָס באַשרײַבט װאָס ס׳איז מיט די ייִדן געשען מיט עטלעכע הונדערט יאָר צוריק, װי, למשל, אין ר׳ יוסף הכהנס עמק הבכא, װאָלסטו געזען, אַז די דײַטשן זײַנען געװען ערגער פֿון נבוכדנאצרן און פֿון טיטוס הרשע, און װאָלסט אויך נישט געגלייבט, אַז אַ קאָזמינער דײַטש קאָן זײַן אַ קרבן און נישט קיין מערדער.

נוסיעס װערטער װעגן די דײַטשן האָבן כאַסקלען באַרויִקט. זיי האָבן אים צוגעגעבן כּוח נישט צו גלייבן דעם קאָזמינער שװאָב, און װײַל ער האָט זיך געפֿילט באַרויִקט, האָט ער באַקומען קוראַזש ענדלעך אויך צו זאָגן עפּעס. ער האָט געװאָלט זאָגן אַ סך אָבער מער װי „נוסיע, װאָס זשע טוט מען?“, האָט ער נישט אַרויסגעבראַכט.

און נוסיע האָט װייטער געזאָגט:

— ראשית, נישט דערציילן קיינעם און אויך נישט דער כּלה און אַפּילו נישט דײַן װײַב ציפּע־יענטע; שנית, די חתונה אָפּלייגן אויף שבת נאָך שבועות, דו זאָגסט, אַז דעמאָלט איז נישט גוט, װײַל ס׳איז שניט־צײַט, איז אויף שבת נחמו, אָדער ראש־חודש אלול און פֿאַר דער צײַט װעלן מיר זען, װאָס ייִדן װעלן זאָגן. װאָרעם אויב דער שידוך טויג נישט און דײַן חתנס ברודער זײַנען טאַקע רוצחים, װעלן נײַבורגער ייִדן נישט שװײַגן. ייִדן נעמען זיך צײַט. זיי אײַלן זיך נישט אַזוי צו דער רשעות װי די דײַטשן, אָבער פֿון דעסטװעגן װעלן זיי קיין אומגלײַכן שידוך נישט צולאָזן. די ייִדישע צוטראָגערס װעלן זיך לאָזן הערן. לאָמיר זיי געבן צײַט דערצו, און שלישית: און דאָס איז טאַקע דער סאַמע עיקר, לאָמיר מאַכן אַ באַגעגעניש מיט דעם שדכן, װי הייסט ער דאָרט. דאָדיע שטערן־קוקער, און מיטן מחותן אַליין און לאָמיר זיך דורכרעדן, לאָמיר הערן זייער טענה.

וועסט דאָך נישט גיין משפּטן אַ ייִד, איידער דו האָסט אים אויסגעהערט. ביסט דאָך, כּאַסקל, אַ ייִד וואָס געדענקט אַ גירסא דינקותא, האָסטו זיכער נישט פֿאַרגעסן די משנה אין סנהדרין, אַז קודם „היו בודקין אותו בשבע חקירות" און דער נאָך ערשט „כּל המרבה בבדיקות הרי זה משובח", קודם האָט מען זיבן מאָל געפֿאָרשט און דערנאָך האָט מען זיך גענומען אויספֿרעגן איידער מע איז געקומען צו אַ מסקנה.

מוזן מיר אויך אָנהייבן מיט די חקירות, און זיך לאָזן צײַט פֿאַר אויס־פֿרעגן דעם בעל־דבר און מיר זײַנען, ווי געזאָגט, אין דעם גוטן מעמד, וואָס מיר דאַרפֿן נישט אויספֿרעגן קיין עדות, אויב ס'זײַנען דאָ עדות, וואָס האָבן וואָס צו דערציילן וועלן זיי אַליין קומען און זאָגן. מע דאַרף זיי נאָר געבן אַ ביסל צײַט.

און די חקירה מוז מען מאַכן אַזוי, אַז חתן־כּלה זאָלן דערפֿון נישט וויסן. מיר וועלן אָנשרײַבן אַ בריוו צו דײַן קרובֿ, דעם שדכן דאָדיע מעכל נאמנס, אַז מיר ווילן זיך מיט אים און מיטן מחותּן טרעפֿן אין פֿיר וואָכן אַרום אין אַ ירידטאָג, דינסטיק אין נײַבורג און מיר וועלן אים בפּירוש אַרויסשרײַבן וועגן וואָס ס'גייט. ער וועט מודיע זײַן בסוד דעם מחותּן און זיי וועלן אויף אונדז וואַרטן אַרום מיטאָגצײַט אין פֿאַריזערס אַכסניה.

כּאַסקל איז, ווי געזאָגט, בטבע געווען אַ מרה־שחורהניק. ווער האָט אַ מאָל געזען אויף זײַן פּנים אַ שמייכל אין דער וואָכן? און אויב אַלע טעג זײַנען געווען טרויעריקע וואָכנטעג, איז דער הײַנטיקער טאָג נאָך דער מעשׂה, וואָס ער האָט געהערט פֿונעם קאַזמינער שוואָב, געווען פֿאַר אים תּשעה־באָב מיט אַלע תּעניתים פֿאַר אַ צולאָג.

אָבער נוסיעס קלוגע רייד מיט דער צוגעפּאַסטער משנה און מיט דעם פּלאַן פֿון דער באַגעגעניש מיטן מחותּן און מיט דאָדיען אין נײַבורג, האָבן כּאַסקלען ממש פֿאַרכאַפּט און ער האָט אַ שמייכל געטאָן. ער האָט דערפֿילט עפּעס אַ וואַרעמקייט בײַ דער נשמה און אויך די זיסע נײַגיריי־קייט פֿון איינעם וואָס ווערט אַ שותּף צו אַ גרויסער דבר־מצווה, וואָס דאַרף אָפּראַטעווען אַ ייִדישע נשמה פֿון אַ צרה. ער האָט אין דער מינוט ווי פֿאַרגעסן, אַז דער ייִד מיט דער צרה, וואָס דאַרף געראַטעוועט ווערן איז ער אַליין. די מצווה איז אים געפֿעלן און אויך די אונטערנעמונג, וואָס ער גייט ווערן צו איר אַ שותּף איז אים געווען צום האַרצן און מעשׂה שותּף האָט ער אַ פֿרעג געטאָן:

— און וואָס וועט מען זאָגן דעם עולם, וואָס וועט וועלן וויסן (נײַבור־גער יידן האָבן ליב אַלץ צו וויסן), וואָס פּלוצעם אַ באַגעגעניש צווישן די מחותּנים און מיטן שדכן און מיט אַ פֿרײַנד ערב דער חתונה? קלויצעט זיך נישט דער שידוך?

נוסיע האָט אַ ווײַל נאָכגעטראַכט, פּאַוואָליע געדרייכערט דעם ציגאַר־טוטון, פֿון די רעדעלעך רויך וואָס ער האָט אַרויסגעבלאָזן אָט בעלי־הבתיש דורך די ליפּן און אָט שטיפּעריש דורך דער נאָז, האָט מען באַ־שײַנפּערלעך געקאָנט זען, אַז די מחשבה האָט נוסיען צוגעדינט און ער האָט פֿון איר הנאה.

— וואָס הייסט וואָס וועט מען זאָגן דעם עולם? מען וועט זיי זאָגן דעם פֿאָלנעם אמת, און דער אמת איז, — האָט נוסיע אַ קלאַפּ געטאָן נגידיש חשיבותדיק מיט דער רעכטער האַנט אויפֿן טיש, — אַז מיר קומען איבערשמועסן מיט הענעכן מכּוח אַ צוואה. ס'איז נישט מער ווי רעכט, אַז ווי באַלד צוויי זין זײַנען אין די מרחקים און קאָנען נישט אַהיים־קומען, דאַרף מען באַוואָרענען פֿאַר אחרי מאה ועשרים דעם זון, וואָס נעמט איבער די ווירטשאַפֿט. אַ קשיא אויף אַ מעשׂה. די זין פֿון איבער דער גרענעץ קאָנען דאָך איבער הונדערט און צוואַנציק פּאַרלאַנגען פֿון דער ווײַטנס זייער חלק דורך אַדוואָקאַטן.

ווען כאַסקל זאָל זיך נישט געווען שעמען, וואָלט ער נוסיען אַרומגע־כאַפּט און געקושט אָדער כאָטש אים געזאָגט אין פּנים אַרײַן אַלע לויב־ווערטער, וואָס זײַנען אים געלעגן אויף דער צונג און פֿאַר אַלעמען, אַז זײַן חכמה האָט נאָר איין גלײַכן: שלמה המלך. אָבער אַרויסגעזאָגט האָט ער בלויז איין וואָרט: מסכּים. און עס איבערגעחזרט צוויי מאָל און אין דעם איינעם וואָרט אַרײַנגעלייגט די גאַנצע ליבשאַפֿט, וואָס ער האָט געוואָלט אויסדריקן און דעם לויב, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן.

אַז כאַסקל האָט שוין געהאַלטן בײַם אַוועקגיין, האָט ער זיך אומגע־דרייט צו נוסיען:

— שרײַבן דאָדיען וועסטו, נוסיע, אַיאָ?!

— איך וועל, אם ירצה השם, שוין מאָרגן שרײַבן. ווי איז דער אַדרעס?

— דאָוויד (און אַ צי בײַ דער באָרד: ווי הייסט ער דאָרט דאָדיע מעכל נאָמנס?) דאָוויד ווײַנגאָרטן, נײַ־קאָזמין, פּאָסט אַלט־קאָזמין, בוקאָ־ווינאַ.

27

צווײ בריוו

ס׳האָט זיך אַזוי געמאַכט, אָדער אפשר איז עס געווען מן השמים, וואָס עטלעכע שעה אײדער דער בריוו־טרעגער האָט דערלאַנגט דאָדיען דעם בריוו פון נוסיע גראַלניק, האָט אַ שליח מיוחד פונעם נײַבורגער בעל־אַכסניה מאַקס פּאַריזער געבראַכט הענעך אָרטשיקן אַ בריוו פון איבער דער גרענעץ פון זײַנע פאַרפאַלענע קינדער. געשיקט האָט דעם בריוו דער רײַכער פערד־סוחר ברוך באַגאַטו (כשמו כן הוא) פון דער רומענישער שטאָט בוזעו צו דעם בעל־אַכסניה מאַקס פּאַריזער, בײַ וועמען ער פלעגט אײַנשטײן ווען ער איז כמעט יעדן נאָך־פסח געקומען קײן נײַבורג קויפן פערד בײַ די אָרומיקע רײַכע שוואָבן און אויך בײַ מאָלדאַוואַנעס.

געשריבן האָט ברוך באַגאַטו צום בעל־אַכסניה וועגן אָרטשיקס בײדע זין וועלוול און מענדל, וואָס האָבן געפונען אַרבעט אין שטאַל בײַם בוזערער פריץ יאָן מאַרגילאָמאַנס. אין מאַרגילאָמאַנס שטאַל כאַוועט מען די שענסטע און בעסטע פערד פאַרן בוקאַרעשטער היפּאָדראָם און דער פריץ האַלט פון די צווײ ייִדישע בחורים עולם ומלואו. און ס׳איז נישט קײן חידוש, וואָרעם וועלוול און מענדל זײַנען די אמתע מבינים אויף פערד און זײַנען אַחוץ דעם געטרײַע דינער און גײען נאָך זײער אַרבעט און האָבן נישט אין זינען קײן נאַרישקײטן ווי געוויינטלעך יונגעלײַט אין זײער עלטער. בײַם פריץ זײַנען וועלוול און מענדל ס׳אויבערשטע פונעם שטײסל און זײ זײַנען אויך זײער באַליבט בײַ די ייִדן אין שטאָט און דער עיקרשט בײַ די סוחרים וואָס שטעלן צו פערד פאַר מאַרגילאָמאַנס שטאַלן. ס׳האַלט דערבײַ, אַז יאַנקו אָורעי, וואָס איז אַ גביר צווישן גבירים (ס׳הייסט, אַז ער איז אַ שותף צו אַ נאַפטפעלד אין פּלאָיעשט) זאָל געבן זײַן הסכם, אַז זײַן עלטסטע טאָכטער ליאַ זאָל ווערן אַ כלה פאַר וועלוול אָרטשיק, און ברוך באַגאַטו בעט טאַקע דעם נײַבורגער בעל־אכסניה בשם יאַנקו אָורעי, ער זאָל לאָזן וויסן וואָס און ווער וועגן וועלוולס טאַטע־מאַמע.

צו ברוכס בריוו איז געווען בײַגעלייגט אַ קורץ און טרוקן בריוול פון וועלוולען, ווו „איך טיילע מיט אַז בין גאָט זײַ דאַנק געזונט, געבע גאָט פון אײַך דאָס זעלבע צו פאַרנעמען. אויך טיילע מיט אַז עס גייט אונדז ביידע גוט, נאָר עס בענקט זיך אַהיים". מענדל האָט צוגעשריבן נאָך קורצער, אַז „אויך איך גריסע און קיסע הערצלעך".

אַז קריינע האָט איבערגעלייענט דעם בריוו, איז זי אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. עס איז אין דעם געוויין געווען פרייד איבער דער גוטער בשׂורה וועגן אירע קינדער, אָבער די פרייד איז ווי פאַרדעקט געוואָרן פון דעם פאַרדראָס צו איר מאַן הענעך. עס האָט זיך קריינען אַ שטעל געטאָן פאַר די אויגן איר שווער לעבן אין דאָרף — אַ לעבן, וואָס זי האָט אַלע יאָר אַזוי נישט ליב געהאַט און פאַר אים אַזוי מורא געהאַט. איין זון דער־הרגעט און צוויי אַנטלאָפן אין די מרחקים — און אַז זי האָט מיטן פאַרטעך אויסגעווישט די טרערן האָט זי בייז און מיט שׂנאה אַ קוק געגעבן אויף איר מאַן גלײַך נישט אַנדערש נאָר ער איז אין דעם שולדיק.

געוויינטלעך האָט הענעך נישט געענטפערט אויף קריינעס געוויינען און אויף אירע שׂנאה־בליקן, אָבער דאָס מאָל איז ער געווען גוט אויפ־געלייגט. דער ערשטער און גוטער בריוו פון די קינדער. ער האָט זיך אָפּגערופן מיט כּלומרשטן כּעס:

— ייִדענע, שטאָט זיך צו פרייען, וואָס די קינדער לעבן, וויינסטו גאָר און ביסט ברוגז. מען קאָן אַזאַ איינער ווי דו נישט דערגאָדזען. איך קאָן דיר נישט דערגאָדזען און דער רבונו־של־עולם אויך נישט.

אַ שעה שפּעטער איז הענעך אַרײַנגעלאָפן צו דאָדיע מעכל נאָמנס אָנזאָגן די גוטע בשׂורה. דאָדיע האָט אויך געהאַט אַ בריוו צו ווײַזן. נוסיע גראַלניקס בריוו האָט הענעכן פריטשמעליעט. ער האָט נישט געקאָנט אַרויסרעדן אַ וואָרט, נאָר זײַנע אויגן האָבן פאַרצווייפלטע געהאַלטן אין איין פרעגן.

דאָדיע האָט געלייענט ביידע בריוו שטיל און אויף אַ קול און אַזוי ווי ער האָט סוף־כּל־סוף עפּעס געמוזט זאָגן, האָט ער געזאָגט:

— ס'וועט גוט זײַן זיך צו טרעפן מיטן מחותּן און מיטן גראַלניק דינסטיק אַ וואָך פאַר פּורים. ביז דעמאָלט וועט שוין אונדזער ענטפער האָבן דערגרייכט צו דער זווינעטשקע.

און דערנאָך פּלוצעם פון דער העלער הויט האָט דאָדיע גענומען

רעדן העכער און איז, ווי זײַן שטייגער איז געווען, זיך פֿאַרגאַנגען אין התפּעלות פֿון די אייגענע רייד.

— איך וועל זיי ווײַזן, הענעך, ווער ביידע קינדער זײַנען, כ'וועל זיי ווײַזן אַז זיי זײַנען כּשרע ייִדישע קינדער און (דאָ איז דאָס קול געוואָרן שטילער גלײַך ער זאָל וועלן אײַנזאָגן אַ סוד) מע דאַרף ענטפֿערן די קינ־דער דורך פֿאַריזערן (צו זיי אַליין צו שרײַבן איז נישט געזונט), אַז דו און קריינע וועלן אם ירצה השם און בלי נדר נאָך הערש־לייבס חתונה זיי קומען זען אין בוזעו און זיך באַקענען מיט וועלוולס כּלה און מיטן מחותן.

הענעכן איז פֿון דער עצה גוט געוואָרן אויפֿן האַרץ, אַזוי גוט ווי דעמאָלט ווען ער הערט ראש־השנה איתמר שוחט בלאָזן שופֿר און ער איז זיכער, אַז יעדער בלאָז זאָגט אָן גוטע בשׂורות און ישועות. הענעך האָט בטבע קיין מאָל נישט געהערט דעם אונטערזאָגערס וויינענדיקן „מן המיצר". צו זײַנע אויערן האָט תּמיד בלויז דערגרייכט דער האָפֿערדיקער שאַל פֿון בעל־תּוקע.

אויך איצט האָט ער ווי פֿאַרגעסן אין נוסיע גראַלניקס בריוו און האָט געהערט נאָר דעם שופֿר־שאַל; פֿאָרן צו די קינדער קיין בוזעו.

28

אין פאַריזערס אַכסניה

געוויינטלעך ווייעט עס שוין אַ וואָך פאַר פורים מיט פרילינג אין נייַ־בורג, אָבער דאָס יאָר איז געווען אַן עיבור־יאָר און אָנשטאָט מאַרצאָוועפיגלעס האָט דער ווינטער, כאָטש אַזוי נאָענט צו פורים, נאָך געפּראַוועטבעלי־הבתּישאָפט מיט הויכן שניי און מיט שאַרפע פרעסט. אין אַזאַ טאָגאיז ממש אַ מחיה צו זייַן אונטערוועגס ווען דער שליטן איז אַ גוט גע־קאָועטער און די פאָרערס זייַנען אַנגעטאָן אין שאָפענע פעלצן און האָבןאייַנגעדעקט די פיס מיט שווערע וואָלענע דעקן.

הענעך אָרטשיק מיט דאָדיען האָבן אין איין האַלבער שעה זיך אַגליטש געטאָן איבער דעם גוט אויסגעפּאָרענעם וועג פון קאָזמין קייןנייַבורג. כאַסקל גאַרבער מיט נוסיע גראַלניק האָבן זיך געשליטלט פוןזאַלישטשיק ביז נייַבורג פון פאַר טאָג ביז מיטאָגצייַט און זייַנען אָנגע־קומען אין פאַריזערס אַכסניה פאַרפלאָמטע פון פראָסט, הונגעריקע און גוטאויפגעראָמטע. אַפילו כאַסקלען, דעם מרה־שחורהניק, האָט דער פראָסטצעוואָרעמט נישט נאָר די באַקן, נאָר אויך דאָס האַרץ.

מע האָט זיך לכתחילה געזעצט צום טיש מיט אַ גוט געמיט. נוסיעגראַלניק האָט זיך פאַר דער צייַט געהאַט נאָכגעפרעגט בייַ נייַבורגערבראָנפן־סוחרים און טאָקע בייַ פאַריזערן וועגן די אָרטשיקס און זייער זוןאון עס איז נישט געווען קיין איינער, וואָס זאָל געווען זאָגן אַ שלעכטוואָרט. מען האָט געלויבט הענעכן, זייַן געניטשאָפט ווי אַן עובד־אדמה, זייַןרייַכע בעל־הבתּישאָפט און זייַן אָפענע האַנט פאַר צדקה. אַוודאי האָבן דילויבערס דערבייַ אַ שמוכע געטאָן וועגן די שווערקייטן, וואָס הענעך האָטמיט עברי, אָבער דאָס איז דאָך קיין נייַעס נישט געווען. דאָס האָט דערשדכן אַליין נישט געהאַט פאַרהוילן פאַר כאַסקלען. דערפאַר אַז ס׳איז גע־קומען צום חתן הערש־לייב, האָבן אַלע אים נישט נאָר געלויבט, נאָר זיךאיבערגענומען דערמיט, וואָס אַט דער דאָרפס־בחור לערנט חומש מיטרש״י און איז חוץ דעם באַוואָנדערט אין דייַטש און קאָן בעסער מסביר

זײַן אַ ליִטאַרטיקל אין דער „בוקאָווינער פּאָסט" ווי אַ סך שטאָטישע בחורים. און קיינער האָט נישט פאַרגעסן צו דערמאָנען, אַז הערש־לייב איז אַ נוח־לבריות און איז גרייט אַ טובה צו טאָן, אַז מען בעט אים. און וועגן די פאַרפאַלענע צוויי זין האָבן די מענטשן, וואָס דער גראַלניק האָט בײַ זיי אָפּגעפרעגט, אויך נישט דערציילט קיין שלעכטס. ווילע צוויי ייִדישע בחורים, קענען ווייניקער ווי זייער ייִנגסטער ברודער הערש־לייב און ווי דעם גוי, שוואָב אָדער מאָלדאַוואַן, וואָס האָט מיט זיי פאַר־טשעפּעט. מענדל און וועלוול האָבן זיך קיין מאָל נישט געלאָזט שפּײַען אין דער קאַשע און דער געממיתטער שוואָב האָט זיך, מן־הסתם, געפּרוווט יאָ אַ שפּיי טאָן אין זייער געקעכץ.

אַזוי אַרום איז אַ האַלבער שמועס צווישן די מחותּנים שוין פון לכתּחילה געווען אָפּגעשמועסט. און דער אַנדערער האַלבער שמועס איז אויך שוין כּמעט געווען פאַרטיק ווי באַלד הענעך האָט געגעבן צו לייענען ברוך באַגאַטוס בריוו צום בעל־אַכסניה מאַקס פאַריזער.

דער גראַלניק האָט פון דעסטוועגן געוואָלט וויסן פּרטים וועגן דעם ווי אַזוי צוויי ייִדישע בחורים האָבן דערהרגעט אַ מענטש און פאַר וואָס.

דאָדיע איז געווען צוגעגרייט צו ענטפערן, נישט אַזוי פאַר וואָס זיי האָבן דאָס געטאָן, נאָר אַז זיי זײַנען נישט שולדיק אין דעם על־פּי תּורה.

נאָך בעת ער האָט מיט הענעכן געלייענט נוסיע גראַלניקס בריוו און האָט זיך געשראָקן אַז כאַסקל וויל אָפּלאָזן דעם שידוך, איז דאָדיען אין מיטן ווינטער אײַנגעפאַלן די שפּעט־זומערדיקע סדרה שופטים, ווו עס ווערט געזאָגט, אַז מע זאָל באַשטימען ערי־מקלט וווהין ס׳זאָל אַנטלויפן אַ רוצח וואָס דערהרגעט אַ מענטש נישט בכּיוון.

דאָדיע האָט אַרײַנגעקוקט אין חומש און ס׳איז אים קלאָר געוואָרן, אַז הענעכס זין האָבן געהרגעט בבלי דעת, דאָס הייסט אָן אַ כּיוון. וואָרעם וועגן הייסט אָן אַ כּיוון? די מפרשים שטעלן זיך דערויף נישט אָפּ, מחמת דער פּסוק דערנאָך איז מסביר מיט אַ משל, וואָס ס׳מיינט נישט־בכּיוון. עס מיינט, זאָגט דער משל, אַז איינער איז געקומען מיט זײַן חבר אין וואַלד האַקן ביימער און ער האָט זיך זאַמירעט מיט דער האַק אָפּצוהאַקן אַ בוים און דער אײַזן איז אָפּגעשפּרונגען פונעם הענטל און האָט געטראָפן זײַן חבר און דער חבר איז געשטאָרבן.

אָבער דאָס איז דאָך בלויז איין משל וועגן נישט־בכּיוון הרגענען, —

האָט דאָדיע נאָכגעטראַכט און עס איז אים אײַנגעפאַלן, און די המצאה איז אים אַליין שטאַרק געפעלן, אַז דער נישט־בכּיוון בײַ אַ הורג־נפש שטייט גאָר אויף די ווערטער „והוא לא שׂונא לוֹ מתמול שלשום", דאָס הייסט, אויב דער רוצח איז דעם דערהרגעטן נישט געווען קיין שׂונא נישט פון נעכטן און נישט פון אייערנעכטן, האָט ער נישט געהרגעט בכּיוון.

דאָדיע האָט זיך געוווּנדערט וואָס די מפרשים, סײַ רש"י און סײַ אַפילו דער אבן עזרא גייען פאַרבײַ אָט די ווערטער, אָבער ער, דאָדיע, פילט, אַז די נישט־שׂנאה פונעם הורג צום געהרגעטן איז פאָרט דער יסוד פון דעם גאַנצן ענין. ער האָט קוים איבערגעוואַרט די דרײַ וואָכן ביז צו דער באַגעגעניש מיט אַזאַ ייִד ווי נוסיע גראַלניק און טאָקע כאַסקל אויכעט, כּדי צו באַווײַזן דעם חידוש־התורה, וואָס ער, דאָדיע, האָט מחדש געווען.

דאָדיע האָט אַרויסגעבראַכט זײַן טײַטש מיט האַרץ און האָט געוואַרט, אַז דער גראַלניק און כאַסקל זאָלן נתפּעל ווערן. דאָס האָט ער בײַ זיי נישט געפּועלט, אָבער צו פיל אָפּגעפרעגט האָבן זיי נישט. כאַסקל האָט אַ בור־טשע געטאָן: פאַר וואָס פאַרשווײַגט רש"י דעם פסוק? און דער גראַלניק האָט געשמייכלט און, אַנשטאָט דאָדיען, שפּאַסיק געענטפערט כאַסקלען, אַז די מפרשים האָבן נישט געקאָנט אַלץ פאַרענטפערן. זיי האָבן איבער־געלאָזט אַ ביסל אַרבעט אויף פאַר אַנדערע. אָבער צופרידן זײַנען אי דער גראַלניק און אי כאַסקל געווען מיט דעם פירוש. ער קאָן פאָרט צו נוץ קומען העניכס אַנטלאָפענע זין.

דער איינציקער אומצופרידענער איז געווען העניך. ער האָט גע־ווסט, אַז מענדל און וועלוול האָבן נקמה גענומען פאַר זייער ברודער. וואָס זשע דאַרף מען עס צודעקן מיט ליגן? זיך נוקם זײַן פאַרן טויט פון אַ ברודער איז נישט קיין שיינע זאַך?

ס'האָט העניכן איין צוויי מאָל אַ ריס געטאָן צו זאָגן וואָס ער טראַכט, אָבער דער גרויסער דרך־ארץ פאַר תורה־קענערס און אויך זײַן בטבעדיקע שווער־רעדעוודיקייט האָבן אים אָפּגעהאַלטן.

און אָפּגעהאַלטן העניכן זיך אַרײַנצומישן, האָט אויך דאָס, וואָס ער האָט געזען, אַז דאָדיע האָט נישט צו פיל אויסגענומען בײַם גראַלניק און בײַם מחותן און מען איז גיך איבערגעגאַנגען צו תּכלית. מע האָט אָפּגע־שטעלט דעם זמן־החתונה אויף שבת נחמו און העניך האָט זיך מתחייב געווען אָפּצוזאָגן די זין אין בוזעו פון ירושה מיט זייער הסכּם.

*

אַז הענעך איז אַהיימגעקומען און האָט דערציילט קריינען, וואָס מע האָט געשמועסט, איז קריינע געוואָרן פול מיט התפעלות וועגן דאָדיען. זי האָט גאָר נישט געוווּסט, אַז דאָדיע איז אַזאַ לערנער.

— דו זעסט, הענעך, ווי ס׳קומט צו נוץ אַז מע קען דריבנעטשקע, אַ ייִד ווערט נישט געהאָלפן דערפון וואָס ער ווייס און קען וואָס גוסטאַוו ענגעל און אַרטעמיע טאָדיראַש ווייסן אויך און קענען אויך. אַ ייִדן אין אַן עת־צרה קומט נאָר צו הילף די תורה.

— וואָס דאָדיע האָט געזאָגט, — האָט הענעך אַן אויפגעזאָטענער אַ וואָרף געטאָן קריינען אין פנים אַרײַן, — איז דאָך אָבער נישט אמת. אַפילו אַזאַ איינער ווי איך פאַרשטיי, אַז דאָדיע האָט אַרויסגעטײַטשט אויפן בוידעם אַ יריד פון דער תורה, וואָרעם מענדל און וועלוול האָבן דאָך דערהרגעט טײַפעלס זון בכּיוון.

צו זאָגן ליגן פון דער תורה איז פונקט אַזאַ גרויסע זינד ווי הרגענען אַ מענטש און אפשר נאָך אַ גרעסערע, וואָרעם וועלוול און מענדל האָבן זיך דאָך אָנגענומען פאַר זייער ברודער ווי שמעון און לוי פאַר דער שענדונג פון זייער שוועסטער. און ווער וועט זיך אָננעמען פאַר דער הייליקער תורה, וואָס מע שענדט זי מיט שקרים?

קריינע האָט נאָך אַזוינס פון הענעכן נישט געהערט. זי האָט ווי איר שטייגער אין כּעס אַראָפּגערוקט דאָס טיכל איבער די אויגן און איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט הענעכן איצט פײַנטער ווי אַלע מאָל. אָבער טיף אין האַרצן האָט זי גראָד אין דעם מאָמענט געהאַט דרך־ארץ פאַר איר מאַן און אים אַפילו ליב געהאַט. אָט דאָס איז ער, הענעך, זײַן גאַנץ לעבן, — האָט אין איר עפּעס אַ געהיימע שטים געשעפּטשעט און מיט איר שטיל־קייט אַריבערגעשעפּטשעט און דערשטיקט אַלע פאַרדראָסן צו אים.

— אָט דאָס איז ער: אַן אמת־זאָגער. און דער אמת, — האָט די שטים ווײַטער גערעדט אין איר, — איז איבער הונדערט און צוואַנציק דער זיכערסטער וועג צום גן־עדן.

— נו, וואָס דיך און לאָמיר גיין עסן, — האָט קריינעס זיכערקייט מיטן גן־עדן באַלוינט הענעכן מיט צערטלעכקייט, — וואָס האָט מען שוין דאָרט געגעבן בײַ פאַריזערן, מן־הסתּם אַזעלכע זאַכן, וואָס דו עסט נישט און איך האָב פאַרטיק אַ זיס ביסל קרויט אַזאַ יאָר צו מיר.

29

די חתונה

שבת נחמו צום פֿאַרשפּיל זײַנען נאָכן קידוש פֿאַר די ייִדן פֿון לייזער שענקערס מנין אין אַלט־קאָזמין געקומען צו פֿוס עטלעכע יונגעלײַט פֿון נײַבורג בראַש מיט זעליג קראַטקע. מען האָט זיך משׂמח געווען, געזונגען חזנישע שטיקלעך און מע האָט געכאַפּט אַ טאַנץ. דער הויפּטזינגער איז געווען זעליג און דער הויפּטטענצער טאַקע דער חתן אַליין. מע האָט אַזוי אַרײַנגעטאַנצט און אַרײַנגעזונגען ביז דאָדיע מעכל נאַמנס, וואָס האָט געקי־ ניגט אויבן אָן בײַם טיש, האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט: מע דאַרף מאַכן הבדלה.

אין די ערשטע שעהען פֿונעם חתונה־טאָג, דינסטיק, זײַנען די הויפּט־ מחותּנים געווען דעם חתנס יונגע חברים, שוואָבן פֿון נײַ־קאָזמין און מאַל־ דאַוואַנעס פֿון אַלט־קאָזמין.

פֿאַר טאָג זײַנען צוויי הויך געלאָדענע וועגענער מיט סנאָפּעס צוגע־ פֿאָרן צום סאַמע עק פֿון נײַ־קאָזמין ווו עס קניפּט זיך דער טשערנאָוויצער קייסער־שטראָז מיטן לאַנדוועג אין דאָרף אַרײַן. די וועגענער האָבן זיך אָפּגעשטעלט און די יונגע שוואָבן, וואָס האָבן געטריבן די פֿערד, האָבן גענומען אַראָפּדערלאַנגען מיט צווייציייניקע גאָפּלען קאָרן־ און ווייצן־ סנאָפּעס צו די שוואָבישע און מאָלדאַוואַנישע יונגען, וואָס האָבן זיי אויסגעלייגט ענג בײַנאַנד פֿוןביידע זײַטן וועג אָנהייבנדיק פֿונעם שוואָ־ בישן צווינטער אַנטקעגן רעכטס און ביז צו דער גרויסער סטאַדעלע אויף העבעכס הויף אין דער סאַמע מיט פֿון דאָרף.

אַז דער שפּאַליר פֿון סנאָפּעס איז פֿאַרטיק געוואָרן, זײַנען אָנגעריטן פֿיר פֿאַרלעך בחורים, צוויי שוואָבישע און צוויי מאָלדאַוואַנישע, אויף ווײַסע פֿערד, איעדער מיט אַ גרינעם זאַנגענקראַנץ איבערן האַלדז. בראַש פֿון דער גרופּע זײַנען געריטן דעם שוואָבישן בירגערמײַסטערס זון פֿיליפּ ענגעל און דער יונגער ברודער פֿונעם רײַכסטן מאָלדאַוואַנישן פּויער פּעטראַקע סאָלאָנאַר. די רײַטערס זײַנען געבליבן שטיין בײַם ראַנד פֿונעם

קייסערשטראַז און געוואָרט אויף די מחותּנים, וואָס האָבן געדאַרפֿט אָנ־קומען פֿון נײַבורג. פֿיליפּ ענגעל האָט געמאַכט אַ דעכל פֿון די הענט איבער די אויגן און געזוכט מיטן בליק אַ צייכן פֿון דער ווײַטנס. ס'האָט אַ ווייע געטאָן אַ רויט טוך אויף אַ שטעקן. דאָס האָט זעליג קראַטקע, שטייענדיק אויף דער ברישקע, געגעבן אַ צייכן, אַז מע קומט.

פֿיליפּ האָט געטשמאָקעט אַ צופֿרידענער מיט די ליפּן און דאָס איז געווען די קאָמאַנדע פֿאַר די אַכט רײַטערס זיך אַ לאָז צו טאָן אין גאַלאָפּ צו באַגעגענען די ברישקעס. אין דער ערשטער זײַנען געזעסן די כּלה מיט איר פֿאָטער און מיט איר שטיפֿמוטער, אין דער צווייטער נוסיע גראַלניק מיט זײַן ווײַב, אין דער דריטער דער כּלהס שטיפֿשוועסטער און דער כּלהס מומע סאָסיע, אין דער פֿערטער סתּם קרובֿים. בײַ די זײַטן פֿון די ערשטע פֿיר ברישקעס האָבן זיך אויסגעשטעלט די אַכט רײַטער צו צוויי בײַ יעדער ברישקע און באַגלייט די מחותּנים אין דאָרף אַרײַן.

אַז מע איז אָנגעקומען צום שמאָלן לאַנדוועג מיט דעם שפּאַליר פֿון סנאָפּעס, זײַנען די רײַטער אַנשטאָט בײַ דער זײַט געגאַנגען פֿאָרויס פֿאַר יעדער ברישקע. אין די הײף בײַביידע זײַטן וועג זײַנען געשטאַנען שוואַ־בישע ווירטן און אין יעדן הויף אויך עטלעכע מאָלדאַוואַנישע געסט, דער עיקרשט פֿרויען און ס'האָט זיך דערהערט אַ געשריי פֿון באַגריסונג „האָך!“ און „סע טראַיאַסקאַ!“

בײַם טויער פֿון אָרטשיקס אָבאָרע האָבן אויף די מחותּנים געוואָרט העניעך, דער חתן, דאָדיע מעכל נאַמנס, לייזער שענקער, חיים דער גע־וועלבער, וואָס איז געווען דער בעל־תּפֿילה און בעל־קורא אין שענקערס מנין, און נאָך צוויי־דרײַ ייִדן פֿון אַלט־קאָזמין. מיט די ייִדן זײַנען אויך געשטאַנען דער נײַ־קאָזמינער בירגערמײַסטער גוסטאַוו ענגעל און פּעט־ראַקע סאַלאַנאַר פֿון אַלט־קאָזמין. די ייִדן, אַלע מיט שטרײַמלען און אין זײַדענע זשופּעצעס, גוסטאַוו ענגעל אין אַ שלוסראָק מיט אַ צילינדער, און פּעטראַקע סאַלאַנאַר אין אַ ווײַס אויסגענייט העמד און מיט אַ קײַלעכיקן שוואַרצן קאַפּעליוש אויפֿן קאָפּ.

קריינע איז געווען אויסגעפּוצט אין אַ שטערנטיכל וואָס דער פֿאָטער האָט איר געבראַכט אַ מתּנה פֿון סטאַמבול. זי האָט עס איצט צום ערשטן מאָל זינט דעמאָלט אָנגעטאָן. לעבן קריינען — דאָדיעס ווײַב ברײַנע אין אַ שוואַרצן זײַדענעם קלייד, און נאָך עטלעכע שכנות פֿון אַלט־קאָזמין.

דער בעל־תפילה און דאָדיע האָבן אין איינעם, ווי אונטערגעזאָגט, אַ שרײַ געטאָן: מזל־טוב און ברוכים־ הבאים, און כאַסקל און דער גראַל־ניק האָבן צוריק געענטפערט ברייט און יום־טובדיק: מזל־טוב, ברוכים הנמצאים.

די מאַנצבילן האָבן זיך געגעבן שלום־עליכם און די ווײַבער האָבן זיך געקושט מיט דער כלה און מיט איר שטיפמוטער און מיט איר מומע סאָסיע, דער עגונה.

מע האָט אײַנקוואַרטירט די כלה און די מחותנים אין די שטאָטיש אויסמעבלירטע צימערן אין הענעכס הויז און די חופה האָט מען געשטעלט פרי, כדי צו פאַרשפּאָרן חתן־כלה אַ לאַנגן תענית.

באַזעצט האָט מען די כלה אין הענעכס גרויסער סטאָדאָלע. זי איז געווען גרויס און רחבותדיק. אין איין זײַט זײַנען געשטאַנען די גרייטע טישן און אין דער צווייטער זײַט צו דער טיר צו איז געשטאַנען די שטול פאַר דער כלה און אין דער מיט — אַ גרויס ליידיק פּלאַץ צום טאַנצן.

דער מאַנצבילישער טיש פאַר דער חופּה איז געווען בײַ דאָדיען אין שטוב.

פון דאָרט האָט מען געבראַכט דעם חתן צו באַדעקנס. קריינע מיט ברײַנען האָבן פון הענעכס אָבאָרע אַריבערגעטאַנצט מיט צוויי גרויסע קוילעטשן אין האַנט דעם וועג צו דאָדיעס הויז אַנטקעגנאיבער און אַנטקעגנגעטאַנצט דעם חתן, וואָס דער פאָטער און דער מחותן האָבן אים געפירט אונטער אָרעם. אַלע האָבן געקוקט און באַוווּנדערט קריינעס טאַנץ. אירע פון יאָרן און דער עיקר פון שווערער האַרעוואַניע היפּש אויס־געקרימטע פיס האָבן זיך אין גייענדיקן טאַנץ איר זון אַנטקעגן עפּעס ווי אויסגעגלײַכט און געוואָרן יונג און געטאָקט. הערש־לייב האָט געשטראַלט מיט פרייד, הענעך און אַפילו כאַסקל האָבן געשמייכלט און נוסיע גראַלניק איז באַלד ווי מען איז אָנגעקומען צו באַדעקנס מעשה קאַוואַליר צוגע־לאָפן צו קריינען מיט אַ הנאהדיקן קאָמפּלימענט.

— מחותנתטע, הלוואי אויף אַלע יונגע מיידלעך געזאָגט געוואָרן אַזוי טאַנצן ווי איר.

נאָך דער סעודה האָט מען גערופן דרשה־געשאַנק. די מחותנים האָבן געטאַנצט אַ מצווה־טענצל מיט דער כלה און דאָס פּלאַץ איז געוואָרן פרײַ

פאַר די קראַטקעס וואָס זײַנען כמעט אַלע געקומען צו דער חתונה. ס׳האָט אויך נישט געפעלט דער עלטסטער צווישן זיי, דער פעטער גאָדל.

דאָס טײַערסטע דרשה־געשאַנק פאַר הענעכן און קריינען און פאַרן יונגן פאָרפאָלק זײַנען געווען די שבחים, וואָס דער בירגערמײַסטער גוסטאַוו ענגעל און די קראַטקעס האָבן אויסגעלייגט פאַר די מחותנים און טאָקע פאַר הענעכן מיט קריינען.

גוסטאַוו ענגעל האָט געהאַלטן אין איין דערציילן דער כּלה און די זאַלישטשיקער מחותנים ווי אַזוי הערש־לייב האָט אָפּגעראַטעוועט דאָס דאָרף פון פײַער און וואָס פאַר אַ זעלטענער ווירט ער איז און האָט מיט אַ שמייכל צוגעגעבן, אַז ווען ער דאַרף אויסקלײַבן ווער עס זאָל ווערן בירגערמײַסטער נאָך אים: זײַן אייגענער זון פיליפּ אָדער הערש־לייב וואָלט ער געזאָגט הערש־לייב, וואָרעם ער האָט אַ קאָפּ פון אַ ראַבינער און געניטע הענט צו פירן אַן אַקעראײַזן. זעליג האָט באריכות איבער־געגעבן וועגן הערש־לייבס קוראַזש און זײַן גרייטקייט זיך אײַנצושטעלן פאַר קהל אין נײַבורג יענעם דינסטיק, ווען ייִדן האָבן אַראָפּגעזעצט דעם ראש־הקהל משולם־וואָלף.

און דער אַלטער גאָדל איז אַ בגילופנדיקער אַלע מאָל צוגעלאָפן צו הענעכן און צו די מחותנים און האָט אַלץ איבערגעחזרט דעם זעלבן פּזמון:

— איך ווייס נישט צי הערש־לייב קאָן לערנען. איך קאָן כמעט גאָר־נישט אָדער טאָקע גאָרנישט. משולם־וואָלף קאָן, איז וואָס האָט איר פון משולם־וואָלפן? אָבער אַ מענטש איז הערש־לייב און אַ ייִד אויכעט. ער האָט די נשמה פון מרדכי הצדיק.

„מרדכי הצדיק״ האָט איבערראַשט דעם עולם מיט אַ קורצער רעדע אויף דײַטש. ער האָט געדאַנקט די געסט, דעם בירגערמײַסטער, די גע־קומענע פון נײַבורג, און האָט פאַרזיכערט, אַז ער וועט אָפּהיטן די ווירט־שאַפט, וואָס זײַנע טאַטע־מאַמע האָבן מיט אַזויפל מי אויפגעשטעלט. ער האָט צום סוף האַלב שפּאַסיק און האַלב ערנסט אויסגעדריקט אַ דאַנק דעם הער דוד ווײַנגאַרטן, וואָס האָט געהאַט דעם פיינעם אײַנפאַל אויפ־מערקזאַם צו מאַכן אים און זײַנע עלטערן, אַז אין זאַלישטשיק געפינט זיך אַ שיין און קלוג מיידל מיטן נאָמען פעפי, וואָס גליקלעך וועט זײַן

דער, וואָס זי וועט אײַנוויליקן צו זײַן זײַן פרוי. און ער דאַנקט דעם „הערגאָט", וואָס ער, הערש־לייב, האָט געפונען גנאָד אין פּעפּיס אויגן.

— בראַוואָ! — האָט אויסגערופן גוסטאַוו ענגעל.

— בראַוואָ!! — האָבן געשריגן די קראַטקעס און עס האָט נישט גע־נומען קיין סוף צו דער האַנט־פּאַטשערײַ.

הענעך האָט געשײַנט פאַר גליק און אויך קריינע, אָבער בײַ קריינען האָט אין האַרץ געגראַבלט אַ מורא: נישט פּעסל הייסט הערש־לייבס ווײַב, נאָר פּעפּי, און הערש־לייב האָט נישט געזאָגט קיין פּשטל, נאָר געהאַלטן אַ דײַטשישע דרשה.

אַרויסגעבראַכט די מורא פאַר דעם נײַעם דרך, וואָס דאָס יונגע פּאָר־פאָלק ברענגט אַרײַן, האָט קריינע ערשט עטלעכע טעג שפּעטער, ווען זי מיט הענעכן האָבן זיך מאַנטיק אין דער פרי אַריבערגעכאַפּט צו פוס אי־בער דער רומענישער גרענעץ קיין מיהאַלען, ראשית, צו באַשטעלן אַ פור קיין באָטאָשאַן צו דער פּאָסטבויד, וואָס גייט פון דאָרט איבער פּאַשקאַן און ראָמאַן קיין פלאָיעשט און בוקאַרעשט און שטעלט זיך אויך אָפּ אין בוזעו; און שנית, צו גיין אין לופו חיים־ייִדלס שענק אויף אַ מושק מיט אַ גלעזל ווײַן. קריינע איז נאָך דאָרט קיין מאָל נישט געווען. ווען האָט זי זיך גע־קאָנט פאַרגינען נעמען הענעכן און סתם גיין קיין מיהאַלען זיך אָנטאָן תענוג?

אויפן וועג אַהיים פאַר נאַכט פון מיהאַלען, האָט קריינע פּלוצעם ווען זיי זײַנען אַדורכגעגאַנגען דאָס אַקאַציע־וועלדל צווישן דער רומענישער גרענעץ־וואַך און דעם נײַבורגער קייסער־שטראָז און האָבן זיך דערנענ־טערט צום קאָזמינער דאָרפסוועג, אַראָפּגערוקט דאָס טיכל איבער די אויגן ווי איר שטייגער איז געווען, ווען זי האָט געוואָלט אַן ערנסטן שמועס טאָן און זיך אָפּגערופן צו הענעכן:

— עס הייבט זיך אָן אַ נײַע משפּחה אָרטשיק אין נײַ־קאָזמין. בײַ דער ערשטער האָב איך געהיט ייִדישקייט און דו דאָס פעלד. אָבער ווער וועט איצט היטן גאָט ברוך הוא מצוות?

— געדענקסט, קריינע, — האָט הענעך געענטפערט, — וואָס דער נײַבורגער רב האָט אונדז געהאַט געזאָגט, ווען מיר האָבן געשריבן בײַ אים דאָס פּאַפּיר מיט ענגלען? ער האָט געזאָגט, ר' בצלאל, אַז פעלד איז אויך ייִדישקייט.

— און איך זאָג, — האָט קריינע אַרויפגערוקט דאָס טיכל, כּדי צו קוקן הענעכן גלײַך אין די אויגן אַרײַן, — אַז צו פעלד דאַרף מען היטן גאָטס מצוות, כּדי צו בלײַבן אַ ייִד. דאָס פעלד קאָן מען בײַ דיר צונעמען, אָבער אַז דו היטסט גאָטס מצוות, בלײַבסטו אַ ייִד.

דער שיינער שפּעטזומער־טאָג האָט זיך געזעצט. בײַם עק פון הימל האָבן גענומען פלאַקערן די לעצטע שײַנען פון דער זון און מיט טרויער באַלויכטן קריינעס רייד, וואָס האָבן געפלאַטערט מיט פּחד און מיט אומהיימלעכער נביאות.

1938

דריי דערציילונגען

אַ דאָרפֿסייד

די מעשׂה וואָס איך גיי איבערדערציילן איז וועגן דעם אַלטן וואָלף אַריק, וואָס ער און זײַנע זיידעס ביזן דריטן דור זענען געבוירן געוואָרן און האָבן געלעבט אין אַ דאָרף אין דער בוקאָווינע.

אין די לעצטע צען יאָר פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט וואָלף אַריק געטראָגן די קרוין פֿון דעם עלטסטן מענטש אין דאָרף. מען האָט געוווּסט, אַז עס זײַנען אין די אַרומיקע ישובים און אין דאָרף גופֿא פֿאַראַן נאָך עטלעכע, וואָס דערנענטערן זיך באַגלײַך מיט וואָלפֿן צו די נײַנציק, אָדער האָבן אַפֿילו שוין אַריבערגעשפּרײַזט די דאָזיקע גרענעץ. אָבער ווער האָט אָט די זקנים דען געזען? זיי ליגן אין די שטיבער און וואַרעמען זיך בײַם אויוון און טאָמער טרעטן זיי זומערצײַט אַריבער די שוועל אין דרויסן אַרויס, איז עס אויפֿן הויף פֿאַרן הויז, ווו מע זעצט זיך אַוועק אויף דער פּריזבע מיט אַ שכן און מע בעט אים ער זאָל רעדן העכער, ווײַל מע הערט נישט.

וואָלף איז דער איינציקער צווישן די סאַמע עלטסטע, וואָס די עלטער האָט נישט קיין שליטה נישט אויף אים און נישט אויף זײַנע חושים. אַ גלײַכער, אַ געשטרעקטער, אַן אויסגעפּוצטער, אַן דעם מינדסטן שטויבעלע אויף זײַן שוואַרצן זשאַקעטל און אויף די אָפּגעגלאַנצטע שטיוול, שפּאַנט וואָלף אין אַ זומערטאָג איבערן הויפּטוועג, שטעלט זיך אָפּ בײַ בערישן אין שענק, כאַפּט אַ שנעפּסל מיט אַן אייער־קיכל פֿאַר צובײַס און גייט אַריבער אויף דער אַנדערער זײַט גאַס שפּילן אַ פּערבל מיטן „שייגעץ".

דער „שייגעץ" איז דער מאָלדאַוואַנישער בירגערמײַסטער פֿון דאָרף, דומיטרו סאַלאָנאַר, אַ מענטש אין די זעכציקער. דומיטרו איז נישט נאָר איינער פֿון די רײַכסטע פּויערים אין דאָרף, נאָר ער גילט אויך פֿאַרן סאַמע געלערנטסטן, וואָרעם ער האָט הינטער זיך עטלעכע קלאַסן גימנאַזיע. וואָלף האָט ליב דעם „שייגעץ", ווײַל ער האָט אויף זיך, זאָגט ער, אַ סוחריש־ייִדישן קאָפּ און האַלט גיכער פֿון אַן איידעלן ייִדישן געקעכץ ווי פֿון אַ גוייִשן מאכל.

טאָמער איז דער „שייגעץ" נישטאָ אין דאָרף, שפּילט וואָלף זײַן פּערבל מיטן „שייגעצל". דאָס „שייגעצל" איז געווען דעם בירגערמײַסטערס עלט־

סטער זון, אַן אַלטער בחור אין די אָנהייב פערציק, וואָס איז געווען אַ מאַ־טעמאַטיק־לערער אין אַ טשערנאָוויצער גימנאַזיע און האָט די זומער־וואַקאַציעס פאַרבראַכט ביי טאַטע־מאַמע אין דאָרף.

יעדער פויער אין דאָרף ווו ס'האָבן געוווינט מאַלדאַוואַנעס, דייטשן און אויך אוקראַינער, איז געווען אָדער אַ „שייגעץ", אָדער אַ „שייגעצל". אַלע האָט דער אַלטער וואָלף געקאָנט פון קינדווייז אָן און אַלעמען האָט ער געזאָגט „דו"; אַלעמען — אַפילו דעם וואַכמייסטער פון די זשאַנדאַרן, וואָס האָט געשטאַמט פון אַ דערבייַיקן מאַלדאַוואַנישן דאָרף.

אַלע האָבן אים ליב געהאַט און אים אָפּגעגעבן כבוד, און אַלע, פון גרויס ביז קליין, האָבן זיך צוגעהערט צום אַלטן וואָלף, ווען ער האָט אָנגע־וויזן אויף אַ פעלער.

און אָנווייזן אויף פעלערן פלעגט וואָלף אָפט. זייער אָפט. אָט איז ער פאַרבייגעגאַנגען און געזען ווי אַ פויערטע סאַפּעט קאַרטאָפל און גייט מיט דער סאַפּע צו טיף, אַזוי, אַז אַנשטאָט אויפצושאַרן די ערד אַרום די קאַרטאָפל־קאַרטשעס און אָוועקצוגראָבן דאָס ווילד געוויקס, גראָבט זי אונטער דעם קאַרטש אַליין; אָט פאָרט דורך אַ מאַלדאַוואַן מיט אַ וואָגן סנאָפּעס פון פעלד און וואָלף זעט, אַז מע האָט די סנאָפּעס שלעכט אויפגעלאָדן און פאַרטאַטשנע צונויפגעבונדן; עס רייט פאַרביי אַ שוואָב און זיצט נישט ווי ס'דאַרף צו זיין אין זאָטל, אָדער גאָר צוויי ייִדישע יִינגלעך באָדן זיך און וויסן נישט ווי „מע לייגט אַ ריכטיקן קלאַפּטער". אַלעמען שטעלט אָפּ דער אַלטער וואָלף, אַלעמען פאַרריכט ער און קיינער ווערט נישט ברוגז. אַלע דאַנקען אָפּ מיט אַ פריינדלעכן שמייכל.

אַלעמען זאָגט ער „דו", דער אַלטער וואָלף, און אַלעמען באַלערנט ער. נאָר איינער איז פאַראַן אין דאָרף וואָס וואָלף אירצט אים און גייט צו אים אַהיים און בעט אים ער זאָל אים געבן צו פאַרשטיין אַן ענין, וואָס איז אים, וואָלפן, אי אומקלאָר און אי ער מאַכט אים אומרויִק.

דער איינער איז יאַנקל, דער רוסישער. יאַנקל איז אַ דעזערטיר פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה. ער שטאַמט פון קעשענעוו און האָט, ווי ער דערציילט, מיטגעמאַכט דעם פּאָגראָם אויף ייִדן, וואָס איז דאָרט פאָר־געקומען דעם לעצטן טאָג פּסח.

אַראָפּגעבראַכט האָט מען יאַנקלען אין דאָרף אַריין פאַר אַ מלמד. אָבער

ער האָט אָפּגעלערנט מיט די קינדער איין זמן און איז גאָר געוואָרן אַ בוכ־האַלטער אין דער נייַער מיל בייַ דער באַן־סטאַנציע.

אַז יאַנקל, דער רוסישער, איז אַ געלערנטער ייִד — איז לייַכט צו זען פון די כלערליי ביכער, וואָס געפינען זיך בייַ אים אין אַלמער און אויפן טיש. מ׳געפינט דאָרטן אַ חומש, אַ משניות און לעבן זיי אָן אַ שיעור אַנ־דערע ספרים אויף לשון־קודש, אויף ייִדיש, אויף רוסיש און לעצטנס אויך אויף דייַטש. וואָרעם דער „פּאַניע" האָט זיך אין איינע עטלעכע יאָר אויך אויסגעלערנט דייַטש און רעדט עס בעסער ווי אַלע ייִדן אין דאָרף.

און יאַנקל, דער רוסישער, האָט אַ גלאַטע צונג צום דערציילן און אַז ער נעמט רעדן וועגן דעם קעשענעווער פּאָגראָם שטעלן זיך די האָר קאַ־פּויער פאַר שרעק און פאַר ווייטאָג.

אָבער דער אַלטער וואָלף ווערט נישט מיד צו הערן אַלץ מער און מער. און אַלע מאָל שטעלט ער איין און די זעלביקע פראַגע, וואָס יאַנקל זאָל אים פאַרענטפערן.

— אדרבה, יאַנקל, גיט מיר צו פאַרשטיין ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך, אַז שכנים, וואָס מע וווינט און מע האַנדלט מיט זיי זינט יאָרן, וואָס מע קען זיי און זייערע טאַטעס און מע געדענקט זייערע זיידעס, זאָלן אין איין שיינעם טאָג אויפברעכן בייַ דיר די טירן און זיך נעמען ראַבעווען דייַן פאַרמעגן און הרגענען דייַנע בנית־בית? און אַז ס׳טרעפט זיך שוין אַ בייזער שכן וואָס קומט גנבענען און ראַבעווען, ווו זייַנען די זשאַנדאַרן?

אַט האָט זיך מיט אַן ערך פינף און צוואַנציק יאָר צוריק געטראָפן, אַז דאָ נישט זייער ווייַט פון אונדז, אין גאַליציע, אין דער שטאָט קאַלאָמיי, האָבן גויים נאָך די וואַלן צום רייַכסראַט זיך אַ לאָז געטאָן צו ייִדישע הייַזער און גענומען ברעכן טירן און לאָדן. נו, זייַנען תּיכּף אָנגעקומען די זשאַנדאַרן און מען האָט די גויים צעטריבן און די רעדלפירער האָט מען נאָך דערנאָך געמאַכט אַ פּראָצעס בייַ דעם „שוואור־געריכט".

אָבער איר זאָגט דאָך, אַז אין קעשענעוו האָבן די שכנים געראַבע־וועט און געהרגעט און די זשאַנדאַרן האָבן גאָר געמאַכט יד־אחת מיט זיי און זיך צוגעקוקט און זיך געטיילט מיט די געראַבעוועטע זאַכן?! ווי אַזוי זשע איז דאָס מעגלעך? גיט מיר צו פאַרשטיין, יאַנקל, טייַערער — האָט זיך דער אַלטער וואָלף געבעטן.

געוויינלעך האָט יאַנקל געשוויגן אָדער ער איז אָפּגעקומען דעם אַלטן

מיט אַזאַ זאָג ווי „וואָס מיינט איר, ר׳ וואָלף, פּאָניעס מלוכה איז אויך אַ מלוכה? ס׳איז אַ מחילה, איר זאָלט מיט אַנטשולדיקן״.

אָבער דעם אַלטן וואָלף האָבן אַזעלכע וווּליוונגערישע און שפּאָסיקע זאָגעכצער נישט באַרויִקט. ער האָט געהאַלטן אין איין פרעגן און געוואָלט דערגיין דעם ריכטיקן ענטפער. און אַז דער אַלטער האָט געפרעגט און יאַנקל, דער רוסישער, איז נישט געווען גוט אויפגעלייגט, איז דער ענטפער געווען: „זייַט נישט אַזוי זיכער, ר׳ וואָלף, לאָז זיך נאָר מאַכן די אמתע געלעגנהייט קאָנען אײַערע „שקצים״ און „שייגעצלעך״ אָפּטאָן דאָס זעלבע. און אײַער וואַכמייַסטער, וואָס איר האָט אים קינדווייַז געטראָגן אויף די הענט, זאָל שטיין און צוקוקן. פּאָלגט מיך, ר׳ וואָלף, געטרויט נישט צו פיל אײַערע שוואָבישע, מאָלדאַוואָנישע און אוקראַיִנישע שכנים און גלייבט אויך נישט צו פיל, אַז קירהס זשאַנדאַרן וועלן זיך פאַר אײַך אײַנשטעלן״.

אַז יאַנקל האָט אַזוי גערעדט פלעגט זיך דער אַלטער וואָלף אויף אים בייזערן און אַ מאָל אויף אַן אמת ברוגז ווערן.

— דאָ רעדט איר דאָך שוין סתם אין דער וועלט אַרײַן ווי אַ נאַריש קינד, — האָט דער אַלטער וואָלף כמעט ווי געשריגן צו יאַנקל דעם רוסישן,

— קירה איז בײַ אײַך דאָס זעלבע וואָס „פּאָניעס מדינה״?

נאָך אַזאַ שמועס מיט יאַנקלען, דעם רוסישן, האָט דער אַלטער וואָלף אַריק אַ טאָג־צוויי נישט געשפּילט קיין פערבל נישט מיטן בירגערמייַסטער און נישט מיט זייַן זון, און ער האָט אויך אויסגעמיטן אַנצווייַזן פעלערן די „שקצים״ און די „שייגעצלעך״.

*

שבת חזון האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה און תיכּף נאָך ראש־השנה איז שוין „פּאָניע״ געווען אין קאָזמין, און די קאָזאַקן אין די לאַנגע קאַפּאָטעס האָבן זיך אַרומגעיאָגט אויף זייערע פערד ווי ווילדע איבערן דאָרף און איבער דער גאַנצער געגנט.

און איינער אַ קאָזאַק האָט מיט עטלעכע טעג שפּעטער פאַרבייַגעיאָגט לעבן אַלטן וואָלף, וואָס האָט טראָט בײַ טראָט שפּאַצירט אויף דער רעכטער זייַט פונעם הויפּטוועג. דעם קאָזאַק האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער ייִד האָט אַ טרײַב געטאָן זײַן פערד. איז ער אַרײַן אין כעס, איז אַראָפּגעשפּרונגען

פונעם זאָטל און האָט דערלאַנגט דעם זקן איבער דער פּלייצע מיט דער ברייטער זײַט פון דער ביקס.

דער אַלטער וואָלף האָט זיך אָפּגעמוטשעט ביז נאָך די ערשטע טעג סוכּות און חול־המועד האָבן די עטלעכע ייִדן, וואָס זײַנען פאַרבליבן אין דאָרף און ייִדן פון דער נאָענטער שטאָט געבראַכט וואָלף אַריק צו זײַן אייביקער רו.

צווישן די שטאָטישע ייִדן איז אויך געווען יאַנקל, דער רוסישער, וואָס האָט זיך צוליב זיכערקייט אַריבערגעקליבן אין שטאָט אַרײַן. און אויפן וועג פון בית־עולם האָט ער מיט ביטערניש אַ זאָג געטאָן צו די מיטגייער:

„דאָס האָט פאָניע געלערנט מיט די קירהשע גויִים ווי אַזוי מע שלאָגט ייִדן. און ווי מע האָט מיר איבערגעגעבן זײַנען אַ שפּאָר ביסל „שקצים“ און „שייגעצלעך“ דערבײַ געווען, האָבן זיך צוגעקוקט און — מן־הסתם אויך עפּעס געלערנט, הלוואי איך זאָל ליגן זאָגן“...

דאָס בוררות

פונעם טשערנאָוויצער רינגפלאַץ פירט דער שטראָז באַרג־אַראָפּ צום פּרוט און צום דניעסטער און צו די פּעטע סטעפּעס, וואָס שפּרייטן זיך ביז צו די גרענעצן פון גאַליציע און בעסאַראַביע; באַרג־אַרויף פון דעם זעלביקן רינגפּלאַץ גייט דער וועג צו אַלט־רומעניע און צו די שיינע בערג און גיכע טײַכן פון דער דרום־בוקאָווינע.

אַז מע האָט זיך בשלום אַרויסגעדרייט פון די סערפּענטינעס איבערן פּראַנצטאָלער באַרג און מען איז דורכגעפאָרן דעם היסטאָרישן קאָזמינער וואַלד, וואָס נעמט זיך איבער בײַ די רומענישע גימנאַזיסטן מיט זײַן גלאָריע פון אַ גוואַלדאָוונעם מאַלדאַוויש־באַיאַרישן זיג איבער דער פּוילישער שליאַכטע ערגעץ בײַם סוף פונעם 15טן יאָרהונדערט — האָט פערד און וואָגן אַ פרײַען שליאַך ביז צום סערעט און ביז צו דער אַלטער ייִדישער שטאָט, וואָס ליגט בײַם רעכטן ברעג פונעם טײַך און הייסט אויף זײַן נאָמען אויך סערעט.

פון ביידע זײַטן טײַך — אַ געמיש פון מאַלדאַווישע, רוטענישע און סלאָוואַקישע דערפער. שטיבלעך כּמעט דורכויס ליימענע מיט שטרויענע דעכלעך; פויערן אָרעמע, פאַרהאָוועטע און אַלע, דאַכט זיך, מיט איין און דעם זעלבן פאַרחושכטן פּנים. דורך דער וואָך איז שווער צו כאַפּן אַ פויער־שע געשטאַלט אַנדערש ווי אין באַוועגונג. בלויז זונטיק און דער עיקרשט אין אַ זומערדיקן זונטיק — הײַפלעך פויערן און פויערטעס, וואָס רוען אויף דער פריזבע פאַר דער שטוב, אויף אַ באַנק פאַרן קלויסטער אָדער אָנ־געשפּאַרט אויפן פּלויט בײַ דער קרעטשמע. און דעמאָלט איז ערשט רעכט שווער פונאַנדערצושיידן פּנימער. מע ווערט ממש געבלענדט פון דער שפע און דער ווײַסקייט פון די פויערשע העמדער. מע זעט בלויז אַ ים פון לײַוונט וואָס כוואַליעט מיט אַרבל. און ווי אַ כוואַליע מיט איר פאַרבנשפּיל, אַזוי כּישופט דאָ יעדער אַרבל דאָס אויג מיט זײַן וווּנדערלעכן קינסטלערישן אויסגעניי. די מאָטיוון וואָס די הענט פון די פויערטעס פול מיט געניטשאַפט און פול מיט געמיט האָבן אַרײַן אין די העמדער שטײַגן אָפּט מאָל אַריבער

בלויז זייערע כוונות פון באַצירונג און רעדן מיט חלום, מיט בענקשאַפט און מיט טיפע גורל־אַנונגען.

די גרעסטע און שענסטע אויסגענייען מאַכט מען אין די רומענישע דערפער, און די מאָלדאַוואַנישע פויערן זיינען נישט נאָר קינסטלעריש אַ ניואַנס העכער ווי די סלאָוואַקן און די רוטענער; זיי זיינען אויך מיט אַ קנייטש רייכער פון זיי און מיט אַ האַרעלע... געבילדעטער. די רומענער זיינען דאָך ביי זיך אין דער היים, ס'איז זייער מלוכה. האָבן זיי דערפאַר עפעס מער געגאַסן ביי דער פאַרטיילונג פון די פריצישע פעלדער; אין זייער דאָרף איז דער שטראַז מיט ווייניקער גריבער; די שול־געביידע — אַ געמויערטע און דער לערער האָט לייכטער אויסגעפּועלט עטלעכע סטי־פּענדיעס פאַר פויערשע קינדער. אין די רומענישע דערפער פאָרן אָן סטודענטן אויף וואַקאַציע פון סערעט און פון טשערנאָוויץ, ברענגען אַנטיסעמיטיזם צו די טאַטעס און מאַכן פאַר די זין אַ „סעראַטע", צו וועלכער עס שטראַמט נישט נאָר דאָס רומענישע יונגוואַרג, נאָר עס קומען אויך ווי צו אַן אייגענעם „טאַנצקרענצכען" די שוואַבישע מיידלעך פון דעם נייעם שכנישן דאָרף.

דאָס נייע דייטשע דאָרף אין שכנות איז אויך שוין אַלט איבער הונ־דערט יאָר. אין דעם דייטשן דאָרף האָבן זיך ייִדן שפּעט באַזעצט. די מיינסטע פון זיי האָבן פריער געוווינט אין רומענישן דאָרף. בלויז איין ייִדישע משפחה איז דאָ געווען אַן אַלטע און אַן איינגעזעסענע — די משפחה אָרטשיק.

צום בעסטן האָט די געשיכטע פון די ניסלס זיכער געקענט די אַלטע ברײַנע, וואָס איז על־פּי חשבון געווען וואָלף ניסלס אַן אוראייניקל. זי האָט געדענקט די מינדסטע פּרטים פון מעשׂיות, וואָס זי האָט זיך געהאַט אָנגעהערט מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק ביי איר זיידן און ביי איר טאַטן אין שטוב און — זי האָט דערציילט מיט אַזאַ ברען און מיט אַזאַ קריגערישער ליידנשאַפט גלייך אַלץ זאָל האָבן פּאַסירט נישט העט ווייט אַ מאָל, נאָר דאָ, ערשט נעכטן.

גענומען האָט זיך דער צאַפּלדיקער ה י י נ ט־־נוסח אין דער אַלטער ברײַנעס היסטאָריע מן־הסתם דערפון, וואָס אַנגעהויבן האָט זי געווײַנלעך דערמיט, וואָס זי האָט צו וויסן געטאָן, אַז זי וועט פאָרן קיין סערעט און לאָזן איבערשרייבן איר צוואה, ווייל זי קאָן פאָרט נישט דורכקומען מיט דער שנור און נישט מיט רודאָלפן. און אַז די אַלטע האָט וועגן דעם גערעדט,

האָט איר פּנים וואָס איז געווען גלאַטיק און שיין, אָבער מיט בולטע שטריכן פון מענערישער שטרענגקייט, געפּלעמלט מיט רוגזה און איר קול איז געוואָרן פול מיט אויסטענהרישקייט.

פון דער טעמע האָט מען ברײַנען געקאָנט לײַכט אָוועקפירן, אָבער נישט פון איר קריגערישן טאָן. וואָס שייך דער טעמע האָט מען זי בלויז געדאַרפט אַ פרעג טאָן פון וואַנעט ס'נעמט זיך צו אירן אַ זון דער גויִישער נאָמען רודאָלף און זי האָט באַלד אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט דאָס צעטל מיט קריוודעס צו דער שנור און צום זון און זיך גענומען דערציילן ווי אַזוי „יאַרע ניינאונדאַכציק" איז געשען אַן אומגליק מיט דעם קרוינפּרינץ רודאָלף און ווי אַזוי ס'גאַנצע לאַנד האָט מיטגעוויינט מיטן קייסער פראַנץ־יאָזעף און מיט דער קייסערין עליזאַבעט און ווי אַזוי אַלע ייִנגלעך וואָס זײַנען אין דעם יאָר געבוירן געוואָרן האָט מען אַ נאָמען געגעבן נאָכן קייסערס בן־יחיד. וואָס שייך איר רודאָלפן, דאָס איינציקע ייִדישע קינד, וואָס איז אין יענעם יאָר געבוירן געוואָרן אין דאָרף, האָט מען געפרעגט אַ שאלה בײַם נײַבורגער רב און דער רב האָט געפּסקנט אַז נאָך אַ מלך מעג מען, וואָרעם דער ייִדישער נאָמען סענדער איז אויך נאָך אַ גויִישן קיניג. אַז ס'איז אָבער געקומען צום ברית האָט גבריאל שוחט, וואָס האָט געמאַכט די ברכות, בײַ קיינעם נישט געפרעגט און אויסגערופן רפאל בן צבי, אַנשטאָט רודאָלף בן צבי. מען האָט זיך טאַקע דערנאָך געקריגט מיטן שוחט, אָבער ס'איז געווען פאַרפאַלן. גבריאל האָט זיך פאַרענטפערט דערמיט, אַז ער האָט באין אופן נישט געקאָנט ברענגען איבער די ליפּן אַ גויִישן נאָמען בײַ די ברכות.

אַזוי איז ברײַנעס זון געבליבן מיט זײַן ריכטיקן נאָמען רודאָלף פאַר דער שטוב און פאַר דער גאַס באַגלײַך מיט אַלע שוואַבישע קינדער פון „יאַרע ניינאונדאַכציק" און מיט אַ צווייטן נאָמען, אַ צוטשעפּעניש בלויז פאַר דער שול. און ברײַנע האָט נאָך איצט געהאַט תרעומות צום שוחט, זאָל זיך מיִען, פאַר דעם וואָס ער האָט אָפּגעטאָן. ראשית, האָט זי געטענהט, דאַרף אונדזער פראַנץ־יאָזעפס אַ זון זײַן בײַ ייִדן נישט ווייניקער מיוחס ווי יענער קיניג וואָס ייִדן הייסן נאָך אים סענדער, און שנית, איז זי געווען כמעט ווי זיכער, אַז די צרות מיט רודאָלפן נעמען זיך בלי־ספק אויך דערפון וואָס מע רופט אים נישט צו דער תורה אויף זײַן ריכטיקן נאָמען.

און פון דער קריגערײַ מיט גבריאל שוחט איז ברײַנע געווײנלעך שוין

פון זיך אַליין אַריבערגעגאַנגען צו אַ סך אַן עלטערער, אָבער פֿאַר איר נישט ווייניקער צאַפּלדיקער רוגזה אויף יענעם סערעטער רב, וואָס האָט געלעבט אין די צײַטן פֿון איר עלטער־זיידן וואָלף־ניסל. ווען נישט דער רב — האָט זיך בריינע בײַזלעך אַ וויש געטאָן די ווינקלען פֿונעם מויל — וואָלט וואָלף־ניסל געווען געלאָזט נישט קיין קלענערע ירושה ווי זײַן גוטער פֿרײַנד לודוויג הוביך. קירה האָט נאָך דעמאָלט נישט געהאַט דער־לויבט די ייִדן צו האָבן אייגן פֿעלד, אָבער לודוויג האָט געוואָלט קויפֿן אויף זײַן נאָמען אַ גרויסן לאַן פֿאַרן זיידן, און דער שוואָב איז געווען גרייט אײַנ־צולייגן אַ שריפֿט בײַם סערעטער רב, אַז דאָס פֿעלד איז נישט זײַנס, נאָר וואָלפֿס און האָט זיך אויך אונטערגענומען צו באַוואָרענען דעם ענין אין זײַן צוואה. דער זיידע איז געפֿאָרן זיך באַראָטן מיטן רב און ר׳ משולם־שׂמחהס עצה איז געווען, אַז מלכות טאָר מען נישט אָפּנאַרן און אַ גוי דאַרף מען נישט געטרויען. האָט לודוויג דעם לאַן — גאָלד מיט זילבער — בײַ יאַן נימידזשאַן געקויפֿט פֿאַר זיך און ניסל איז געוואָרן אַ קאָניאַר, געכאָוועט פֿערד פֿאַר די מאָלדאַווישע פּריצים. אַזוי — ער, אַזוי זײַן זון און אַזוי ברײַנעס טאַטע, וואָס איז געווען זײַן אייניקל און האָט נאָך אים געהייסן. נאָך אַ פֿערד פֿון ניסלס שטאַל, האָט בריינע פֿאַרזיכערט, האָט מען זיך געריסן און געצאָלט פֿרײַזן אויף אַלע ירידים. דער רײַכסטער רומענישער באָיאַר סטורדזאַ וואָס האָט געוווינט צוואַנציק געקאָוועטע מײַל פֿון דאַנעט איבער דער גרענעץ, פֿלעגט זיך נאָכפֿרעגן נאָך ניסלס פֿערד, אָבער פֿאַר־מעגן — האָט בריינע אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף אונטערצושטרײַכן איר טיפֿע איבערצײַגונג אין דעם פּרט — איז נישט קיין שטאַל מיט פֿערד. פֿאַרמעגן איז — פֿעלד.

פֿון דער דאָזיקער לעבנס־חכמה אירער, אַז רײַכקייט מיינט נאָר אַן אייגן שטיק ערד, וואָרעם ערד ווערט נישט חרוב און שפּײַזט דעם מענטש תמיד ווי לאַנג ער אַרבעט איבער איר — איז בריינע קיין מאָל אויף קיין האָר נישט אָפּגעגאַנגען. זי האָט אַ לעבן לאַנג געהיט דעם מאַרג גאָרטן אַרום איר שטוב. אירע הענט האָבן אים פֿרילינג־צײַט צעגראָבן און פֿאַרזייט, און אירע הענט האָבן אין האַרבסט געטאָן די הויפּטאַרבעט פֿון אַראָפּנעמען די פּרוכט. וואָס שייך זיך אַליין, איז בריינע געווען גערעכט מיט איר דערפֿאַ־רונג. פֿון איר פֿאַרשטאַרבענעם מאַנס תאווה צו פֿערד און צו פֿערד־מסחר האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם מיט אָרעמקייט. דער איינציקער און זיכע־

רער קוואַל פון חיונה איז געבליבן דער גאָרטן אַרום דער שטוב. ברײַנע האָט געגלייבט און נאָך איר מאַנס טויט פאַרשטאַרקט דעם גלויבן אין דעם שטיק פעלד און זי איז געווען איבערגעגעבן צו אים מיט אַרבעט און מיט געטרײַשאַפט.

און דער אַלטער ברײַנעס אומצופרידנקייט מיטן זון און מיט דער שנור, אַן אומצופרידנקייט וואָס האָט געפירט צו גערייצטע איבעררעדעכ־צער און האָט דערפירט אַפילו צו אַ בוררות, האָט זיך גענומען נישט פון עפּעס אַנדערש ווי נאָר דערפון, וואָס איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז רודאָלף און זײַן ווײַב האָבן אין תּוך מער אמונה אין מסחר און אַפילו אין מעקלערײַ, ווי אין דער מאַמעס גאָרטן. עס האָט ברײַנען פאַרדראָסן, ווען איר זון האָט אַרײַנגעכאַפּט און הנאה געהאַט פון עפּעס אַ זײַטיק פאַרדינסטל און עס איז פאַר איר ממש געווען אַ פערזענלעכע באַליידיקונג, ווען מע האָט נאָך צוליב דעם פאַרשפּעטיקט אויף וויפל נישט איז מיט דער אַרבעט בײַם גאָרטן.

זי האָט אָוועקגעלייגט אַ סך האַרץ, ברײַנע, איינטענהענדיק מיט רודאָלפן, למאַי ער איז מקנא אליה דעם בהמה־סוחר מיט זײַן פון הײַנט־אויף־מאָרגן־עשירות פון געלט און נישט דעם שוואָב יאָהאַן גובקע מיט זײַן אייביקער פּרנסה פון פעלד, און ס׳האָט שוין געהאַלטן דערבײַ, אַז ברײַנע זאָל די שטוב מיטן גאָרטן פאַרשרײַבן דעם סערעטער מושב־זקנים און אַרײַ־בערגיין אַהין וווינען. אָבער איידער זי טוט עס, האָט זי באַשלאָסן צו גיין מיטן זון צווישן מענטשן.

פון דעם בוררות איז די אַלטע ברײַנע אַרויס אַ באַזיגטע, אַ צעבראָ־כענע און דערצו נאָך מיטן נאָכטעם פון אַן עבירה אויפן האַרצן, וואָרעם זי האָט עובר געווען אויף דער מידה פון הכנסת־אורחים, וואָס זי האָט אַלע אירע יאָרן אָפּגעהיט. זי האָט דערנאָך בײַ די בוררים געבעטן מחילה פאַר דער בושה, וואָס זי האָט זיי אָנגעטאָן און ערב־יום־כיפור נאָך אַ מאָל גע־בעטן און זיי האָבן איר מוחל געווען, אָבער דער פריקרער נאָכגעשמאַק פון דער עבירה איז געבליבן. ברײַנע אַליין פלעגט וועגן דעם רעדן מיט צער און געבן אויף איר שטייגער אַ משל. אַ שוך וואָס איז נאַס געוואָרן — האָט זי געזאָגט — איז וויפל דו זאָלסט אים נישט פּוצן וועט ער צוריק נישט גלאַנצן, סײַדן ער האָט צײַט געהאַט זיך גוט אויסצוטריקענען. און איך — איז איר געווײַנלעך קריגעריש קול וויִטיקלעך שטיל געוואָרן — בין אַלט און האָב ווייניק צײַט...

די געשיכטע מיט דער בוררות איז געווען אַזוי: פֿאַר בוררים האָט בראַנגע מיט רודאָלפֿס הסכמה אויסגעקליבן מרדכי־נחן, דעם בעל־תּפֿילה און זוסיע דער גלעזער. מרדכי־נח אַ ייִד מיט אַ שפּיציקער באָרד, וואָס האָט מחמת דער שטאַרק איינגעבויגענער פּלייצע זײַנער, געגרייכט אים מעשׂה חוזק ביז ווײַט איבערן פּאַס, איז געווען אַ שטאָטישער, האָט געקענט דריבנעטשקע און געהאַט אויך אַ שטיקל קול־נגינה. אַז ר׳ גבריאל שאַפּיראָ איז בײַם אָנהייב פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה געשטאָרבן, האָט מען אין די דערפֿער קיין נײַעם שוחט נישט אויפֿגענומען. די שחיטה האָט געטאָן דער שו״ב פֿון אַ נאָענטן דאָרף, וואָס פֿלעגט קומען צו פֿאָרן יעדן דאָנערשטיק אויף אַ האַלבן טאָג. די שול־עבודהס ווידער האָט מען איבערגעגעבן מרדכי־נחן. ער איז געוואָרן דער שטענדיקער בעל־תּפֿילה, בעל־קורא און בעל־תּוקע און אויף אים האָט מען זיך אויך פֿאַרלאָזט מיט קלענערע שאלות פֿון כּשר און טריפֿה. קיין שׂכירות האָט מרדכי־נח נישט גענומען. פֿון אַ גאַנץ יאָר איז אָפּגערעדט, אָבער אַפֿילו ימים־נוראָים האָט ער געדאַוונט אומזיסט. מרדכי־נחס לוין איז געווען זײַן גוטמוטיקער שמייכל אויפֿן חשבון פֿון די „גרײַזן ווי די פּויסטן, וואָס פֿליִען אַרום שבת אין דער פֿרי בײַם דאָרפֿישן מנין" און דאָס ביסל פּחד וואָס ער פֿלעגט אָנוואַרפֿן אויף די ייִדן, טאָמער האָט מען גערעדט בײַם לייענען. וואָרעם טאָמער האָט מרדכי־נח דערהערט זיך שושקען בשעת ער האָט מיט אַזוי פֿיל האַרץ און הנאה געציקלט די מהפּך־פּשטאַ ס אין דער תּורה, האָט עס אים בפּירוש פֿאַרדראָסן אויף די „גרײַזניקעס" און ער האָט זיך געגעבן אַ דריי אויס מיטן פּנים צום עולם און אַ זאָג געטאָן מיט אַ היפּש ביסל גאווה, אָבער אָן בייזקייט: „נו, אדרבא, גייט א י ר צו לייענען, אַז איר מיינט ס׳איז לײַכט. איך וועל זיך דווקא יאָ צוהערן און שווײַגן". בשעת מעשׂה האָט בײַ מרדכי־נחן די לאַנגע שפּיציקע באָרד געטאַנצט ווי עפּעס אַ ווײַס שרעטעלע פֿון איין קני זײַנער צו דער אַנדערער. עס האָט זיך געגלוסט צו לאַכן, אָבער אַז די ייִדן האָבן אַ טראַכט געטאָן ווי שווער עס איז די מלאכה פֿון לייענען געכּתיבהטע אותיות אָן נקודות, איז זיי באַפֿאַלן אַ טיפֿע שטילקייט פֿון שרעק און מרדכי־נח — האָט מנצח געווען.

דער צווייטער בורר, זוסיע גלעזער איז אויך געווען אַ שטיקל יחסן אין דאָרף. ער האָט באַלאַנגט צום ייִנגערן דור. דאָס פּנים — געגאָלט און די וואָנצעלעך אַרויפֿגעדרייט און פֿאַרענדיקט עלעהיי בײַם דײַטשן קייסער

ווילהעלם מיט צוויי דינע קנייטעלעך. זוסיע רייכערט אַ שווערע שוואַבישע ליולקע, טראָגט אויפן קאָפּ אַ גרין יעגער־קאַפּעליושל און אויף די פיס — לעדער־קאַמאַשן מיט מעשענע קלאַמערן. אין דער וואָכן שטעקט ער אין די לעדער־קאַמאַשן אַרײַן די ליולקע. שבת, אויפן וועג צום דאַווענען האַלט ער דאָרט דעם טלית. מיט איין וואָרט, זוסיע זעט אויס היפּשלעך גויִיש, אָבער דווקא ע ר לערנט אַ פּרשה חומש מיט רש״י און קאָן דערציילן אַ חסי־דישע מעשה און אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע וואָס ער האָט אַרויסגעלייענט פון אַ דײַטשישן קרימינאַל־ראָמאַן. ער האָט אַ שאַרפע צונג און מע האָט אַ ביסל מורא פאַר זײַנע אַרײַנזאָגעכצער, אָבער פון דעסטוועגן איז ער בײַ גויִים און בײַ ייִדן אַן אָנגעלייגטער בעל־עצה, ער גילט פאַר אַ בר־שׂכל און פאַר אַ געטרײַען מענטשן.

דאָס בוררות איז פאָרגעקומען אין אַ ווינטערדיקן נאָכמיטאָג בײַ דער אַלטער ברײַנע אין דער מעבלשטוב. מע האָט זיך אויסגעזעצט אַרום דעם קײַלעכדיקן דעמבענעם טיש און מע האָט געטרונקען טיי מיט צוקער־געבעקס. וואָס ברײַנע האָט אייגנס אָפּגעבאַקן צו דער געלעגנהייט. זי איז געווען אויסגעפּוצט ווי אין אַ יום־טוב. זי האָט געטראָגן דאָס שבתדיקע שוואַרצע זשאַקעטל, וואָס האָט זיך הויך פאַרשפּיליעט און עפּעס ווי אונטערגעשפּאַרט דעם אַלטן קאָפּ אירן, אים געמאַכט שטאָלצער און תּקיפותדיקער ווי אין גע־ווײַנלעכע וואָכנטעג. זי האָט זיך געריכט, ברײַנע, אויף אַ פּסק, וואָס וועט באַווײַזן דעם אמת פון איר לעבנס־דערפאַרונג און וועט פאַרשטאַרקן איר אָנזען בײַ די קינדער.

זי האָט אויסגעלייגט איר טענה קורץ און מיט דער פולער זיכערקייט פון אַ מענטשן, וואָס ווייס אַז ס׳איז איבעריק אַ סך צו ברײַען. וואָרעם די זאַך איז קלאָר ווי צוויי מאָל צוויי. צו רודאָלפס רייד האָט זיך ברײַנע צוגעהערט מיט אומגעדולד און מיט היפּש האַרצווייטיק. ראשית, איז איר נישט געפעלן וואָס ער איז געקומען צום בוררות אין די וואָכעדיקע בגדים; שנית, האָט זי געהאַט עגמת־נפש וואָס איר זון איז אַ כּבֿד־פּה און די ווערטער זײַנע זײַנען מער געבעבעט ווי גערעדט, און דריטנס, וואָס פאַר אַ רייד זײַנען דאָס עפּעס, אַז אויף צו צעגראָבן דעם גאָרטן אין פרילינג דאַרף מען דינגען אַ סלאָוואַק, וואָרעם ער, רודאָלף, קען אין דער צײַט צונויפקויפן עטלעכע זעק קאַרטאָפל און ער קאָן אין איין טאָג פאַרדינען מער וויפל מע מוז צאָלן אַ סלאָוואַק פון אַ גאַנצער וואָך אַרבעט.

ברײַנע האָט זיך נישט געקאָנט אײַנהאַלטן און אַ געשריי געטאָן צו רודאָלפֿן:

— בעבעסט, זײַ מוחל, נאַרישקייטן. למאי זאָלסטו גיין צונויפֿקויפֿן קאַרטאָפֿל, בעסער היט אָפּ דײַן פֿעלד און זאָלן אַנדערע צו דיר קומען קויפֿן. אין דען אַזוי נישט שענער און געזינטער? און זינט ווען איז דאָס גוט צו פֿאַרלאָזן זיך מיט דער אַרבעט בײַם גאָרטן אויף די הענט פֿון אַ פֿרעמדן רוח, אַ סלאָוואַק?

די בוררים האָבן זי באַרויִקט. מרדכי־נח איז געזעסן אָנגעשפּאַרט אויף דער האַנט; ער האָט געטראַכט און זײַן באָרד האָט אַרומגעטאַנצט איבערן טיש ווי שבת בײַם לייענען איבער די יריעות פֿונעם ספֿר־תּורה. זוסיע גלעזער האָט זיך געשטײַפֿט די קנייטלעך בײַ די וואָנצעס זיי זאָלן נישט אומפֿאַלן און זײַן פּנים האָט געלויכטן מיט אַ פּסק וואָס איז אי על־פּי שכל און אי על־פּי יושר.

און אַז ס׳איז געקומען דער מאָמענט פֿון אַרויסגעבן דעם אורטייל, האָט זיך זוסיע אָפּגערופֿן צו ברײַנען אַזוי: „איך פֿאַרשטיי נישט, ברײַנע, — האָט ער געזאָגט, — פֿאַר וואָס איר ווילט דווקא אַז אײַער זון זאָל פֿאַר־שוואַרצט ווערן ווי אַ גוי בײַם ריסקאַל. איר פֿאַרגינט אים גאָרנישט אַ לייכטערן און אַ ייִדישערן גראָשן? איך זע נישט פֿאַר וואָס ס׳קומט רודאָלפֿן מעביר נחלה צו זײַן. וואָס איז? ער איז, חלילה, נישט מקיים כּבוד־אם?"

מרדכי־נחן האָט זוסיע, ווײַזט אויס, ממש אַרויסגענומען די רייד פֿונעם מויל. נאָך איידער יענער איז פֿאַרטיק געוואָרן, האָט ער שוין געבורטשעט אין טיש אַרײַן: „נו, אַוודאי איז ער גערעכט; נו, וואָדען אַוודאי איז ער גערעכט..." און מרדכי־נח האָט דערבײַ האַסטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ, מיט זײַן שפּיציקער באָרד און מיטן גאַנצן אײַנגעבויגענעם אייבערשטן גוף, כּדי וואָס מער אונטערצושטרײַכן, אַז ער איז אויף אַלע הונדערט פּראָצענט מסכּים מיט זוסיען.

אויף דער אַלטער ברײַנע זײַנען די רייד פֿון די בוררים אַראָפּגעפֿאַלן ווי אַן אומגעריכטער, העפֿטיקער קלאַפּ איבערן שאַרבן. זי איז געבליבן זיצן אָן לשון. איר פּנים איז געוועז בלייך, אָפּגעצויגן און דער קלענער, שטאַלטנער קאָפּ אירער האָט ווי דער קאָפּ פֿון אַ געטשקע אַרויסגעגליווערט הילצערן פֿון דער שוואַרצער יאַקעס געפּאַסטן קעלנערל.

אָבער אַז זי איז מיט עטלעכע מינוט שפּעטער געקומען צו זיך און האָט

צוריקגעקראָגן ס׳לשון, האָט זי געדאַנקט די בוררים פאַר זייער טירחה און אַ זאָג געטאָן צו רודאָלפן כמעט ווי מיט ווייכקייט אין דער שטים: „נו, זון מײַנער, איצט וועסטו שוין קאָנען רויִק נאָכגיין דײַנע קאַרטאָפל־מסחרים און דײַנע מעקלערײַען בײַ אליה בהמה־סוחר. מיט מײַן צוואה ביסטו זיכער; ייִדן האָבן דאָך געפּסקנט״.

אין ברײַנעס ווערטער איז נישט געווען קיין שום אָנשטעל. זוסיע גלעזער אַליין, וויפל מאָל ער פלעגט דערציילן די מעשׂה מיטן בוררות און ער האָט זי געהאַלטן אין איין דערציילן, ווארעם ער האָט זי אַרײַנגענומען, אַזוי צו זאָגן, אין דעם פּאַק פון זײַנע געשיכטעס, האָט מודה געווען, אַז ברײַנע האָט געמיינט ערנסט איר׳ע רייד. ווער עס האָט געקענט די אַלטע ברײַנע, האָט געוווּסט, אַז זי איז נישט קיין מענטש פון פאַרשטעלעניש. זי האָט אַלע מאָל געזאָגט וואָס זי האָט געטראַכט און געפילט. און נאָך אַ סימן, אַז זי האָט אינעווייניק אין איר האַרץ געהאַט שלום געמאַכט מיט דעם פּסק פון די בוררים, איז געווען וואָס זי האָט אויף ס׳נײַ געשטעלט טיי מיט צובײַס און אונטערגעטראָגן יעדן בײַם טיש אַ לעפעלע אײַנגעמאַכטס און מיט פרײַנדלעכקייט און אַפילו מיט אַ שמייכל.

און פּלוצעם איז אויסגעבראָכן אַ שטורעם. מרדכי־נח און זוסיע האָבן נאָר וואָס געהאַט אָוועקגערוקט פון זיך די ליידיקע גלעזער און זוסיע האָט זיך אָקאָרשט צעפירט די הענט צו זײַנער אַ לאַנגער און באַליבטער מעשׂה וועגן אַ רײַכן שוואָב פון נײַ־היטע לעבן ראַדעוויץ, וואָס זײַנס אַ קינד איז געוועזן געוואָרן פונעם וויזשניצער רבינס אַן אָנווּנטשונג און דער שוואָב איז געוואָרן אַ הייסער וויזשניצער חסיד און פלעגט איבערלאָזן איבערן יאָר אַ ממון־קורח אין הויף און האָט זיך איין מאָל אַפילו געוואָלט מגייר זײַן. אַלע האָבן אָנגעשפּיצט די אויערן און זיך גוט אײַנגעהערט, ווארעם זוסיע איז געווען אַ געשמאַקער דערציילער און זײַנע געשיכטעס האָבן אָנגעכאַפּט נישט נאָר בײַם לאָך, נאָר טאַקע בײַם האַרץ. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ברײַנע הערט זיך אויך צו, אָבער מיט אַ מאָל האָט מען דערזען ווי עס איז אויף איר ממש געקומען אַן איבערבײַטעניש. זי האָט אויפגעהערט נערוועז צו ציִען ס׳טיכל אויפן קאָפּ און מיט ליפּן פאַרשפּיצטע פון כעס האָט זי געמורמלט צו זיך אומפאַרשטענדלעכע רייד, פון וועלכע בלויז די עטלעכע ווערטער „פונקט ווי מיטן סערעטער רב״ זײַנען דערגאַנגען צו די אַרומיקע. מען האָט אָבער אַפילו קיין צײַט נישט געהאַט זי איבערצופרעגן וואָס זי מיינט.

זי האָט זיך געגעבן, ברײַנע, אַ ריס אויף פונעם בענקל, איז געבליבן שטיין אַ מעכטיקע, עפּעס אַ צוויי מאָל גרעסערע ווי זי איז אין דער אמתן געווען, האָט אויסגעשטרעקט די רעכטע האַנט ווי אַ גענעראַל (דער פאַרגלײַך מיט אַ גענעראַל שטאַמט פון זוסיע גלעזער) און אַ קאָמאַנדעווע געטאָן הויך און אויף דײַטש: „מרדכי־נח הארב און זוסיע שייגעץ, פערלאַססען זי דען זאַל!“

זוסיע גלעזער איז געווען אַ זעלנער אין דער ערשטער וועלט־מלחמה און ס'איז אים דערפאַר נישט אָנגעשטאַנען, אַז ער זאָל זיך האָבן דער־שראָקן. אָבער אויף די אַנדערע, — האָט ער איבערגעגעבן, — דאָס הייסט, אויף מרדכי־נחן און אויף ברײַנעס אייגענע קינדער איז געפאַלן אַ פּחד און זיי זײַנען זיך צעלאָפן ווי די האָזן. פון דעם אָבער וואָס זוסיע פלעגט אַלע מאָל, ווען ער האָט דערמאָנט יענע סצענע, פאַרגלײַכן ברײַנען מיט אַ גענעראַל, האָט מען געקענט לײַכט דרינגען, אַז אַפילו אָדער דווקא זײַן געמיט פון אַ געוועזענעם זעלנער האָט זיך דעמאָלט היפּש אַ קאָרטשע גע־טאָן אונטער דער אַלטער ברײַנעס תּקיפותדיק־גענעראַלסקער קאָמאַנדע.

דער „גענעראַלשע“ אַליין האָבן דערנאָך די שנור און דער זון גע־טראָפן ליגן אויפן בעט אַ פאַרוויינטע, אַ צעבראָכענע זקנה, אַ שברי־כּלי. זי האָט אויסגעזען, ברײַנע, נישט ווי נאָך אַ קאָמאַנדע פון נצחון, נאָר ווי איינער וואָס האָט אָקאָרשט איבערגעלעבט אַ שווער אומגליק.

און ווי שווער עס איז געווען די מפּלה וואָס זי האָט געליטן בײַם בוררות, האָט ברײַנע אין יענעם ווינטערדיקן אויפדערנאַכט געפּרוווט געבן צו פאַרשטיין איר שנור און איר זון. מיט אַנדערע האָט זי וועגן דעם קיין מאָל נישט גערעדט. ווי רודאָלף האָט איבערגעגעבן, האָט ברײַנע אים און זײַן ווײַב איבערדערציילט ווי אַזוי, צוליב דער עצה פונעם סערעטער רב, האָט איר עלטער־זיידע וואָלף־ניסל נישט געקויפט קיין פעלד, איז נישט געוואָרן קיין עובד־אדמה און האָט פאַרשפּילט פאַר זיך אַליין און פאַר די דורות נאָך זיך אַן אייביקע פּרנסה און אַ זיכער און רויִק לעבן. וואָס יענער זיידע האָט קאַליע געמאַכט, האָט זי, ברײַנע, געוואָלט פאַרריכטן פאַר זיך און פאַר אירע קינדער. איז דער עלטסטער זון יונג געשטאָרבן, דער מיטל־סטער איז אַוועק ערגעץ אין די ווײַטע לענדער אויף יענער זײַט ים און דער ייִנגסטער יאָגט זיך נאָך אַ מעקלערײַ פון אַ קעלבל און פון אַ זאַק קאָר־טאָפל. זי איז געווען זיכער, אַז אַזעלכע ייִדן ווי מרדכי־נח און זוסיע, וואָס זײַנען די געלערנטסטע ייִדן אין ביידע דערפער, וועלן פאַרשטיין וואָס זי

מיינט. שטעלט זיך אַרויס, אַז זיי זײַנען פּונקט ווי דער סערעטער רב פון מיט הונדערט יאָר צוריק.

פון דעם ווי אַזוי רודאָלף האָט נאָכדערציילט יענעם שמועס, האָט מען נישט געקאָנט וויסן, צי די מוטער האָט אים דאָס מאָל מער איבערצײַגט מיט איר געוויין ווי פריִער מיט אירע קריגערײַען. דאָס דאַרף האָט גיך־האַלטן אַז יאָ. ער האָט איצט — האָט מען געזאָגט — מער אין זינען געהאַט דער מאַמעס גאָרטן און ס׳האָט געטראָפן, אַז אליה בהמה־סוחר האָט אים געשיקט רופן און רודאָלף האָט געלאָזט ענטפערן, אַז ער קאָן נישט קומען, ווײַל ער איז פאַרנומען בײַ פעלדאַרבעט.

אָבער אַז נישט ער, נישט זײַן ווײַב און נישט מרדכי־נח האָבן נישט אָנגעהויבן משׂיג צו זײַן די דראַמע, וואָס האָט זיך דעמאָלט נאָכן בוררות אָפּגעשפּילט פאַר זייערע אויגן, — דאָס איז קלאָר. דער איינציקער וואָס האָט יאָ עפּעס געאָנט וועגן די טראַגישע שלאַכטן, וואָס דער אַלטער ברײַנעס האָרץ האָט געקעמפט און פאַרלאָרן אין יענער פאַרנאַכטיקער שעה נאָכן בוררות און וועגן די כוחות קעגן וועלכע זיי זײַנען געקעמפט געוואָרן — איז געוועזן זוסיע גלעזער. ער האָט, איבערדערציילנדיק צום אַזויפלטן מאָל די „גענעראַלסקע סצענע" אַ זאָג געטאָן: „און איר מיינט טאַקע, אַז ברײַנע האָט דעמאָלט אַרויסגעטריבן מיך און מרדכי־נחן? זי האָט זיך געשלאָגן מיט העכערע פון אונדז און ווײַל זי האָט זייערע נעמען נישט געקענט, האָט זי זיי גערופן מרדכי־נח און זוסיע".

לייטענאַנט פּישלער

א

פון די אַלע דערמאָנונגען וועגן געשעענישן און געשטאַלטן וואָס האָבן זיך אָנגעהויפט אין מײַן זכּרון אין משך פון מער ווי אַ האַלבן יאָר־הונדערט, דערקוטשען מיר צום ווייניקסטן די דערמאָנונגען וועגן די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָס איך האָב פאַרבראַכט ווי קירהס סאָלדאַט און אָפיציר אין די טראַנשייען אויפן איטאַליענישן פראָנט און מיט דער אָקופּאַציע־אַרמיי אין דער אוקראַינע.

די געשעענישן און געשטאַלטן פון מײַנע מלחמה־יאָרן ליגן ערגעץ טיף פאַרגראָבן אין אַ קעלערדיקן ווינקל פונעם זכרון און, ווי זאָגט מען דאָס, זיי „מאָנען נישט קיין עסן״.

די מענטשן, וואָס איך האָב אין יענע יאָרן באַגעגנט און די געשעע־נישן, וואָס איך האָב איבערגעלעבט, מאָנען בײַ מיר נישט איך זאָל וועגן זיי דערציילן. עפּעס האָבן זיי צײַט צו וואַרטן און איך מוז מודה זײַן, אַז זייער געדולד איז אַ שטיקל טרייסט פאַר מיר.

עס איז אַ שטיקל טרייסט, וואָרעם איך טראַכט, אַז יענע מענטשן און יענע איבערלעבענישן שטופּן זיך נישט צום פאָרנט פון מײַן זכרון און צום שפּיץ פון מײַן פעדער, ווײַל זיי טראָגן אין זיך אַן אַנונג, אַז ס׳איז נאָך דאָ צײַט, אַן אַנונג, אַז —

...כ׳וועל געווים נאָך לעבן זייער לאַנג
און אפשר לענגער נאָך אַפילו פון מײַן זיידן.

אָבער דאָ אַנומלט מיט חדשים קעריק איז אַ געשטאַלט פון די געש־טאַלטן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אַרויפגעשווומען אין מײַן דער־מאָנונג, און אַרויפגעשווומען מיט אַ היפּש־מאָנערישן טומל. ס׳איז געווען אין אַ מסיבה פון פרײַנד. מע האָט גערעדט וועגן גליק און איינער פון די געסט האָט דערמאָנט די פראַנצויזישע חכמה, אַז ווען דער רבונו־של־עולם שרײַבט אַ שונד־ראָמאַן, שרײַבט ער אים אונטערן פּסעוודאָנים: גליק.

אַלע האָבן געלאַכט און די מיינסטע פּירושים זײַנען געווען, אַז גליק

איז נישט מער ווי אַן אײַנרעדעניש, נישט מער ווי אַ פּוסטער אָבערגלויבן. בלויז איינער, וואָס איז אין דער היטלער־צײַט געווען „דאָרטן" און איז ערשט זינט עטלעכע יאָר דאָ, אין אַמעריקע, האָט איבערגעריסן דעם געלעכטער און די שפּאָט־רייד און האָט אַלעמען איבעררעאַשט, און אַפילו אַ ביסל געפּלעפט, מיט אַזעלכע טיף ערנסט־אַרויסגעזאָגטע ווערטער: „גליק איז ווי גאָט אַליין. גאָט איז פאַראַן, אַז מ'גלייבט אין אים. און אַזוי איז אויך גליק. ווער ס'גלייבט דערין, פאַר דעם עקסיסטירט עס און דער האָט עס אויך".

מע האָט געוואַרט, אַז דער מענטש פון „דאָרטן" וועט, ווי אַ משל צו דעם וואָס ער האָט נאָר וואָס געזאָגט, דערציילן אַ פּאַסירונג פון זײַן לעבן, אָבער ער האָט עס נישט געטאָן. לויט דעם אויסדרוק פון זײַן פּנים האָט מען געזען, אַז משלים פעלן אים נישט. ער האָט בלויז נישט קיין חשק, און אפשר אויך נישט קיין כּוח געהאַט זיי אַרויסצוברענגען.

אין יענעם מאָמענט, גלײַך ווי אַרויסגעשיקט פון עפּעס אַ פאַרהוילענעם רעזשיסער, האָט זיך צו מיר באַוויזן לייטענאַנט פישלער, מײַן חבר פון די איטאַליענישע טראַנשייען, שיקל פישלער פון סטאַניסלאַוו. נישט וואָס איך האָב דערזען זײַן געשטאַלט, נאָר איך האָב דערהערט זײַן שטים, די שאַרפע, באַפעלערישע און דערבײַ אַ ביסל שטאַמלערישע שטים פון מײַן חבר, וואָס האָט אין יענער פינצטערער אויגוסט־נאַכט אונטערן געדונער פון די איטאַליענישע האַרמאַטן און אונטערן געבליץ פון די איטאַליענישע שײַנוואַרפערס צו מיר אַ געשריי געטאָן: „ביקל, קום מיט מיר, איך האָב גליק!"

דאָס ביסל שטאַמלערישקייט אין לייטענאַנט פישלערס שטים האָט גאָרנישט געמינערט פון איר שאַרפקייט. פאַרקערט. עס האָט דער שטים (ווי מערקווערדיק דאָס איז!) צוגעגעבן חן און וואַרעמקייט. איך שטרײַך דאָס אונטער, ווײַל דאָס אינעווייניקסטע אויער מײַנס האָט איצט בײַ דער מסיבה אויפגעכאַפּט אַלע ניואַנסן פון לייטענאַנט פישלערס קול. ס'איז אין די עטלעכע פערציק יאָר, זינט איך האָב די שטים צום לעצטן מאָל געהערט, פון איר גאָרנישט פאַרלוירן געגאַנגען.

עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס מײַן חבר שיקל פישלער איז צו מיר געקומען מאָנען: דערצייל וועגן מיר. עס איז געווען גלײַך ער זאָל מיר זאָגן: וואָס וואַרטסטו, אַז יענער ייִד פון „דאָרטן" זאָל דיר ברענגען

אַ משל, ווען דו אַליין האָסט דעם שענסטן משל צו דער האַנט? דערציייל זיי וועגן יענער זומערנאַכט פון יאָר 1917 אויף די באַרגיקע וועגן בײַם טײַך איסאָנצאָ, ווו איך האָב דיך געמאַכט פאַר אַ שותף צו מײַן גליק און האָב דיך אָפּגעראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט.

אָט־אָט און איך האָב געהאַלטן בײַ פאָלגן מײַן חבר פישלער. די ערשטע ווערטער זײַנען מיר שוין געלעגן אויף דער צונג. איך האָב זיי אָראָפּגעשלונגען. ס׳איז אַ צו לאַנגע מעשׂה, האָב איך מיר געזאָגט אַ תּירוץ. ס׳איז אַ מעשׂה גיכער צום אָנשרײַבן ווי צום דערציילן.

לייטענאַנט פישלער האָט, ווײַזט אויס, אָנגענומען מײַן תּירוץ, וואָרעם אין דער מינוט איז זײַן קול אין מיר אַנטשוויגן געוואָרן.

אַהיימגעקומען האָב איך מיר אויפן שרײַבטיש אַוועקגעלייגט אַ צעטל מיט קידוש־לבנה־אותיות: שרײַבן וועגן לייטענאַנט פישלער און וועגן דער זומערנאַכט בײַם איסאָנצאָ. דער צעטל האָט מיך געהאַלטן אין איין דערמאָנען און — איך האָב געהאַלטן אין איין אָפּלייגן, געהאַט טויזנטער אויסריידן, אמתע און צוגעטראַכטע.

לייטענאַנט פישלער איז אַלע מאָל געווען אַ פּריציש־שטאָלצער. ער האָט געקאָנט עפּעס בעטן, אָבער איבערחזרן די בקשה איז נישט געווען אין זײַן טבע. ער איז אויך איצט נישט אָפּגעגאַנגען פון זײַן דרך. ער האָט געשוויגן ביז ער האָט מיט דרײַ וואָכן קעריק מיך געלאָזט דערמאָנען דורך אַ שליח.

ב

ס׳איז געווען שפּעט נאָך מיטאָג. ס׳האָט געקלונגען דער טעלעפאָן און אַן אומבאַקאַנטע מאַנצבילישע שטים האָט אַ פרעג געטאָן אין מאַמע־לשון: דו ביסט לייטענאַנט ביקל?

אַ צעטומלטער און אַ היפּש־דערשראָקענער האָב איך צוריקגעפרעגט: „ווער זענט איר?“

— דו דערקענסט מיך נישט? — האָט דער פון יענער זײַט טרײַבל געענטפערט, — איך בין געווען דײַן אָפיצירס־דינער אין די איסאָנצאָ־שלאַכטן. דו געדענקסט האַופּטמאַן טינקל און לייטענאַנט פישלער?

ווען ער האָט אַרויסגעזאָגט דעם נאָמען פישלער האָב איך דערפילט ממש אַ סקרוך איבערן לײַב: פישלער האָט אים געשיקט צו מיר.

— ווען האָט איר געזען פישלערן? — האָב איך געפרעגט אַ פּאַר־ציטערטער.

— כ'האָב אים שוין נישט געזען זינט דער לעצטער איסאַנצאָ־שלאַכט, ווען מיר האָבן דעראָבערט דעם מאָנטע־סאַנטאָ. איאָ?

— ווי אַזוי זשע האָט איר אײַך פלוצעם דערמאָנט אין אים? — האָב איך דעם ייִדן געפרעגט אויספאַרשן.

— ער איז דאָך געווען מיט דיר אין איינעם און איך האָב מיך די לעצטע צײַט עפּעס מער ווי תּמיד (בײַ טאָג און דער עיקרשט בײַ נאַכט) דערמאָנט אין אײַך ביידע.

איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז דער ייִד איז נישט קיין ייִדיש־לייענער און אַפילו אַ שוואַכער ייִדיש־רייִדער. איך האָב עס דערקענט לויט דעם פרעמדן אַקצענט, לויט דעם וואָס ער האָט מיר געזאָגט „דו" און — וואָס ער האָט זיך איצט ערשט דערוווסט אַז איך בין אין אַמעריקע.

— איך בין שוין 39 יאָר אין אַמעריקע, — האָט מיר מײַן אַפּיצירס־דינער געגומען דערציילן ווי אַזוי ער איז צופעליק געוואָרן, אַז „זײַן אָפּיציר" איז אויך דאָ אין לאַנד, — איך בין אַ „קלינער" אין ברוקלין. מײַנע „קאַסטאָמערס" זײַנען זייער צופרידן מיט מײַן אַרבעט. דאָ לעצטנס האָב איך אַ ביסל טראָבל. עס האָבן זיך אַרײַנגעצויגן אין מײַן „נאַכבאַר־שאַפּט" סאַטמאַרער חסידים און זיי געפעלט נישט וואָס מײַן „סטאָר" איז אָפן אום שבת, דערקוטשען זיי מיר, שרײַען מיר נאָך, אַז איך בין אַ גוי און נאָך אַזעלכע זאַכן. איך לייען נישט קיין ייִדיש, ווײַל מ'האָט מיך נישט גע־לערנט. אָבער פאַרגאַנגענעם דאָנערשטיק בין איך געווען בײַם „בוטשער" און האָב געזען ליגן אַ ייִדיש בוך. איך גיב אַ קוק: ס'איז דאָרט דאָ דײַן „פּיקטשע". איך האָב דיך באַלד דערקענט. איך האָב אַ געשריי געטאָן צום „בוטשער": דאָס איז דאָך מײַן אָפּיציר. כ'האָב אים שוין דערציילט אַלץ וועגן דיר און וועגן לייטענאַנט פישלער.

— ווידער פישלער! — טראַכט איך און איך פרעג מײַן „דינער": ווע־מענס אַפּיצירס־דינער זענט איר געווען, מײַנער צי לייטענאַנט פישלערס? (איך האָב דערפילט אין מײַן פראַגע אומגעדולד און האָב זיך פאַר מיר אַליין פאַרשעמט).

— דײַנער בין איך געווען, — ענטפערט די שטים איבערן טעלעפאָן (זי קלינגט סענטימענטאַל, כמעט וויינענדיק), אָבער אין פישלערן האַלט

איך מיך לעצטנס אין איין דערמאָנען. איך וועל אַריבערקומען צו דיר. דו וועסט מיך דערקענען. ווען זאָל איך קומען? ווען איך רייד מיט דיר רינען מיר טרערן פון די אויגן. שוין איבער פינף און פערציק יאָר דיך ניט געזען.

ער איז געקומען און האָט מיך געטראָפן אין זייער נישט קיין גוטן טאָג. ס'איז געווען אַ האַלבע שעה, נאָך דעם, ווי מע האָט מיר געהאָט אָנגעזאָגט די וויסטע בשורה וועגן לייוויקס טויט. איך בין געווען צערודערט און האָב מיך געאײַלט צו אַ זיצונג פונעם לוויה־קאָמיטעט אין „ייִוואָ"־הויז.

ער האָט מיך באַגלייט. איך האָב זיך אין אים אײַנגעקוקט און האָב אים בשום־אופן נישט געקאָנט דערקענען. ער האָט מיר אָנגערופן זײַן נאָמען בײַם מיליטער און ווי אַזוי ער הייסט איצט אין אַמעריקע און ביידע נעמען האָבן מיר גאָרנישט געזאָגט, האָבן מיך אין גאָרנישט דערמאָנט. אין דער צורה ווידער פון דעם עטלעכע און זעכציק־יאָריקן ייִד איז נישט געווען קיין שום שטריך, וואָס זאָל מיר זײַן קענטלעך.

אָבער אַלץ וואָס ער האָט דערציילט וועגן די געשעענישן אין יענע שלאַכט־טעג בײַם פוס פון מאָנטע־גאַבריעלע און אויפן מאָנטע־סאַנטאָ און אויך וועגן די אָפיצירן און אַ טייל סאָלדאַטן אין דעם 24סטן רעגימענט האָט געשטימט.

איך האָב אים אַלץ געהאַלטן אין איין פרעגן צי איז ער נישט געווען לייטענאַנט פישלערס אָפיצירס־דינער און ער האָט נישט אויפגעהערט צו פאַרזיכערן, אַז ער איז געווען נאָר מײַן דינער און אַז ער איז סײַ בײַ דער עלפטער און סײַ בײַ דער צוועלפטער אָפענסיווע נישט אָפּגעטראָטן פון מײַן זײַט.

— געדענקט איר, — האָב איך צום סוף אַ פרעג געטאָן, — יענע פינצ־טערע אויגוסט־נאַכט, ווען לייטענאַנט פישלער און איך האָבן געפירט אַ קאָמפּאַניע זעלנער מיט בוי־מאַטעריאַלן צו די פאָדערשטע טראַנשייען, און פון די אַן ערך צוויי הונדערט אירע האָבן מיר פאַר טאָג צוריקגעבראַכט נישט מער ווי עטלעכע און דרײַסיק? ווו זענט איר דעמאָלט געווען? זענט איר געווען מיט מיר בײַ יענעם קאַטאַסטראָפאַלן מאַרש?

ער געדענקט יענע נאַכט, אָבער ער איז נישט מיטגעגאַנגען מיט מיר. די אָפיצירס־דינער האָט מען געלאָזט „אין דער היים".

פאַר קיין איין מאָמענט האָט מיך נישט פאַרלאָזן דער חשד, אַז דער ייִד איז געווען נישט מײַן דינער, נאָר דער אָפיצירס־דינער פון מײַן חבר

שיקל פישלער און אַז ער איז איצט זײַן שליח בײַ מיר צו מאָנען דעם חוב פֿון דאַנקשאַפֿט פֿאַר יענער נאַכט ווען ער האָט מיך געראַטעוועט פֿון טויט.

איך האָב דעם ברוקלינער ייִד דערציילט וועגן מײַנע אַפּיצירס־דינער, וואָס איך געדענק זיי יאָ. צווישן זיי איז בלויז געווען איין ייִד, אָבער דער ייִד האָט געשטאַמט פֿון גאָר אַן אַנדער שטעטל און ער איז געווען אַ הויכער, אַ דינער, אַ פֿרומער און אַ שטיקל בן־תּורה. ער האָט מיט זיך געטראָגן אַ מחזור און אַ חומשל און ער האָט „געלייענט עברי ווי אַ וואַסער".

דער „קלינער" פֿון ברוקלין האָט אַ שמייכל געטאָן, וואָרעם ער איז דאָך פּונקט דער היפּוך וואָס יענער איז געווען. ער איז מיטלוווקסיק, באַ־לײַבט פֿון ייִנגלווײַז אָן, און שוואַך, זייער שוואַך, אויף עברי. אַז פֿון ייִנגלווײַז באַלײַבט און שוואַך אויף עברי — האָט ער אַליין דערציילט.

ער האָט זיך מיט מיר געזעגנט און צוגעזאָגט אין גיכן נאָך אַ מאָל צו קומען. דאָס צווייטע מאָל וועל איך אים זיכער דערקענען. ביז איצט האָט ער מער נישט געלאָזט הערן פֿון זיך. ער ווייסט מן־הסתּם, אַז ס'איז איבע־ריק. דאָס שליחות האָט ער אָפּגעטאָן. איך בין גרייט צו דערציילן די מעשׂה פֿון „יענער נאַכט".

אָבער קודם קומט דאָס קאַפּיטל וועגן מײַנע אָפּיצירס־דינער, כ'מיין, וועגן יענע דינער, וואָס איך געדענק.

ג

מײַן ייִדישער אָפּיצירס־דינער איז געווען אַ קיטעווער, דער נאָמען פֿון זײַן גאַליצישן היימשטעטל איז מיר געבליבן שטעקן אין זכּרון, ווײַל משה (אַזוי האָט ער געהייסן און אַזוי האָב איך אים גערופֿן און מיט מיר אַלע אין דער קאָמפּאַניע) האָט אָפֿט דערציילט וועגן זײַן פֿאָטער, וואָס איז געווען אַ הייסער וויזשניצער חסיד און פֿלעגט כּמעט קיין מאָל שבת נישט זײַן אין דער היים. פֿון קיטעוו קיין וויזשניץ איז אַ קאַצן־שפּרונג. מען דאַרף בלויז אַריבערגיין די בריק איבערן טשעראַמאָש און צושפּאַנען פֿון דאָרט אַ פֿופֿצן־צוואַנציק מינוט צום רבינס הויף. איז דער פֿאָטער פֿרײַטיק נאָך מיטאָג נאָכן מרחץ אַוועק קיין וויזשניץ און איז אַהיימגעקומען שבת נאָך הבדלה.

משה פֿלעגט די מעשׂה וועגן פֿאָטערס שבתים אין וויזשניץ דערציילן אין אַ טאָן פֿון פֿאַרקלאָגעניש. עס זײַנען אים ייִנגלווײַז — האָט ער געזאָגט

— אָפּגעגאַנגען דעם טאַטנס זמירות און דעם טאַטנס הבדלה. זיי האָבן אים געפּעלט דערפאַר וואָס ער האָט ליב געהאַט נגינה און נאָך מער ווײַל דער פּאָטער האָט געהאַט אַ שיין קול צום זינגען. די וויזשניצער חסידים האָבן זיך נישט געקאָנט געוווינען אָפּלויבן פון זײַנע זמרלעך בײַם רבינס טיש.

משה אַליין האָט אויך שיין געזונגען און אַז ס׳איז נאָר געווען אַ ביסל מנוחה אויפן פראָנט (אויף אָפּרו הינטער די טראַנשייען און אין די טראַנ־שייען גופא), האָט ער פאַר מיר און פאַר מײַן חבר, לייטענאַנט פּישלער, אָפּגעציקלט אַ ימים־נוראימדיקע תּפילה, אַז ס׳איז געווען וואָס צו הערן.

משה האָט אין זיך בפּירוש געהאַט דעם שטאָף פאַר אַ בעל־תּפילה, אָבער צו אָפיצירס־דינערײַ האָט ער ווייניק געטויגט. ער האָט קוים זיך אַליין געקאָנט באַדינען. און דאָ גיי האָב אין זינען אַחוץ דיר נאָך אַן אַנדערן. פּוץ אים די שיך, רייניק אים די מלבושים, האַלט אים אין אָרדענונג דאָס ביסל זאַכן און טראָג אים נאָך דעם רוקזאַק. משה איז געווען אַ פּאַוואָליע־טוער און געטאָן גלײַך מיט הילצערנע און נישט מיט זײַנע אייגענע הענט.

לייטענאַנט פּישלער, וואָס איז בטבע געווען אַ גיכער, אַ ספּרונזשינע־דיקער, האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין אומבאַהאָלפנקייט בײַ אַ מענטש מיט גאַנצע אברים. פלעגט ער טאַקע קוקן מיט אומפאַרגינדלעכע אויגן אויף מײַן אָפיצירס־דינער, דער עיקרשט דעמאָלט ווען מיר זײַנען געשטאַנען אין די פאָדערשטע טראַנשייען. אַפילו מיט אַ ימים־נוראימדיקער תּפילה, וואָס פּישלער האָט ליב געהאַט, האָט משה נישט געקאָנט אָפּווישן זײַן אומפאַרגינד־לעכקייט צו זיך. פאַרקערט. אַ סך מאָל האָט אים משהס געמיטלעכקייט ערשט דעמאָלט רעכט דענערווירט.

— צו וואָס דאַרפסטו אים דאָ? — פלעגט זיך מײַן חבר פּישלער צו מיר בייזערן, — אַז ער פּלאָנטערט זיך נאָר אונטער די פיס. גיין גייט ער איבער די טראַנשייען אַן אויסגעצויגענער ווי זײַן פּאָטער אברהם הערש שוחט צום עמוד און טראָגן טראָגט ער דעם רוקזאַק ווי אַ פושקע מיט אַן אתרוג און די ביקס ווי אַ לולב. צו וואָס דאַרפסטו אים דאָ?

פון אים, פון פּישלערן טאַקע, איז געקומען דער אײַנפאַל צו שיקן משהן קיין הײַדענשאַפט, ווו ס׳איז געשטאַנען די הויפּטקיך פונעם רעגי־מענט אין איינעם מיט די סחורה־מאַגאַזינען. דאָרט, אין הײַדענשאַפט, איז אויך געווען דער פעלד־פּאָסטאַמט פון אונדזער דיוויזיע. דאָרט, האָט פּיש־

לער געטענהט, ווער משה האַלטן אין אָרדענונג די זאַכן, וואָס מיר וועלן אים ביידע מיטגעבן. ער וועט באַלייגן ביים פּאָסטאַמט די בריוו וואָס מיר וועלן אים איבערשיקן און דער עיקרשט וועט ער אַכטונג געבן, אַז דער קעכער זאָל אונדזערע מעלשפּייַזן סעפּאַראַט מיטגעבן. די מעשה מיט די מעלשפּייַזן איז געווען זייער וויכטיק, ווייַל אונדזער צייַטווייַליקער באַטאַ־ליאָנס־קאָמענדאַנט, האַופּטמאַן פּרילעסאַוער, האָט געהאַט אַ טבע פון צייַט צו צייַט (כמעט יעדע עטלעכע טעג) צוצונעמען פאַר זיך דעם גאַנצן טראַנס־פּאָרט מיט מעלשפּייַז פאַר די אָפיצירן און צו לאָזן וויסן, אַז דער וועג איז געווען אַ שלעכטער און די פעלדקיך האָט קוים דערשלעפּט דאָס ביסל זופּ מיט פליישׂ. און גיי טענה זיך אויס מיט דעם לאַנגן, דאַרן ווינער גוי, וואָס האָט קיין מאָל קיין שמייכל נישט געטאָן און אַלץ וואָס איז נוגע אַנדערע און נישט אים אַליין איז פאַר אים געווען „ציוויל־לער קוואַטש".

ווען נישט דאָס וואָס ער האָט געציטערט, אַז דער „גוטער האַופּטמאַן פּרילעסאַוער" זאָל זיך נישט דערוויסן, אַז ער איז גאָר אין היידענשאַפט אַנשטאָט אין די טראַנשייען, וואָלט זיך משה געווען געפילט גאָר גוט אין שטעטל. אָבער צו נוץ געקומען איז ער אונדז דאָרט סיי ווי סיי. ער האָט געהאַלטן דאָס ביסל איבעריקע זאַכן אין אָרדענונג, האָט אָפּגעהיט אונדזער קאָרעספּאָנדענץ אַהיים און אויך — אונדזערע שטיקלעך מעלשפּייַז. אַחוץ דעם האָט ער יעדן טאָג מיטגעגעבן מיט דער פעלדקיך צו מיר אַ בריוול וועגן „וואָס מע זאָגט אין היידענשאַפט" און פון צייַט צו צייַט האָט ער אויך געשריבן בריוו צו מייַנע טאַטע־מאַמע.

וואָס ער האָט געשריבן צו מייַנע טאַטע־מאַמע ווייס איך נישט אַקו־ראַט. איך ווייס בלויז, אַז די מאַמע האָט ליב געהאַט משהס בריוו, ווייַל ער האָט איר פאַרזיכערט, אַז ער בעט גאָט פאַר מיר איך זאָל אַהיים קומען געזונט, און דער טאַטע, וואָס האָט געוויינטלעך גערן אַ לאַך געטאָן איבער אַזעלכע שרייַבערצער, האָט שפּעטער אַפילו, נאָך דער מלחמה, אין דער היים, נישט געקאָנט פועלן בייַ זיך דעם מינדסטן שמייכל וועגן משהס בריוו. ער האָט נישט אַ שמייכל געטאָן אויך וועגן יענעם בריוול צו מיר אין די טראַנשייען, ווו משה איז מיר מודיע, אַז ער איז געווען פאַרקילט, האָט געהאַט היץ און ס׳האָט געהאַלטן דערבייַ, אַז מען זאָל אים צונעמען אין שפּיטאָל, און (אין אַלטן בריוונשטעלערישן נוסח) — „געבע גאָט דאָס זעלבע פאָן איהנען צו פאַרנעמען". איך האָב געזען באַשיימפּערלעך אַז דער

טאַטע ז״ל איז נכשל געוואָרן און האָט צוליב אַ ביסל לויב פאַרן זון פאַרלוירן זײַן מחיהדיקן הומאָר.

אין פריִען האַרבסט פון 1917 האָט די אַרמיי־קאָמאַנדע געטאָן אַ חסד מיט אונדזער אויסגעמאַטערטן רעגימענט און אים אַריבערגעוואָרפן פון דעם פײַערפראָנט בײַם איסאַנצאָ אויף אָפּרו צום רוסישן פראָנט, וווּ עס האָט שוין געהערשט פאַקטישער וואָפן־שטילשטאַנד. די וועטעראַנען האָבן באַקומען אורלויב און צווישן די גליקלעכע זײַנען געווען איך און מײַן אָפּיצירס־דינער משה. ווען איך האָב זיך אַ חודש שפּעטער אומגעקערט צו מײַן רעגימענט אין אַ דאָרף בײַם טײַך סערעט, פון וואַנען מיר האָבן אָנגעהויבן אַ מאַרש צו פוס קיין פראָסקוראָוו און פון דאָרט מיט דער באַן צו די שטעט פון דרום־אוקראַיִנע: יעקאַטערינאָסלאַוו, ראָסטאָוו, און מאַריופּאָל, האָב איך משהן נישט געטראָפן.

משה האָט זיך פון אורלויב נישט אומגעקערט. אַנשטאָט אים זײַנען געקומען בריוו מיט בײַגעלייגטע דאָקטאָר־סערטיפיקאַטן אַז ער איז קראַנק און — שווער קראַנק. און וואָס ווײַטער ווייס איך נישט, ווײַל די מייסטע אָפּיציעלע פּאַפּירן זײַנען בײַ דער באַן־קאַטאַסטראָפע איבערן וויאַדוקט אין אַלעקסאַנדראָווסק פאַרלוירן געגאַנגען. דער וואַגאָן מיט אַלע אַרכיוון (קאָמפּאַניע, באַטאַליאָן און רעגימענט), איז אין איינעם מיט זייער היטער, דעם ייִדישן פעלדפעבל העלער, אַראָפּגעפאַלן פון דער בריק און צעשמעטערט געוואָרן.

מיר האָט מען צוגעטיילט פאַר אָפּיצירס־דינער אַ יונגן אוקראַיִנער, אַן אָקאָרשט צוגענומענעם נײַעם זעלנער, וואָס האָט געשטאַמט פון ערגעץ אַ דאָרף לעבן שטעטל גריידיק פון יענער זײַט לעמבערג.

אָפּיצירס־דינערײַ אין דער אָקופּאַציע־אַרמיי איז, פאַרשטייט זיך, ווײַט נישט געווען דאָס זעלבע וואָס אין די טראַנשייען און אַפילו נישט דאָס זעלבע וואָס אויף אָפּרו הינטער די טראַנשייען. שנײַדער און שוסטער־וואַרשטאַטן זײַנען געווען צו דער האַנט און די אָפּיצירן האָבן געהאַט זייערע אייגענע רעסטאָראַנען בײַם באַטאַליאָן, אַזוי אַז אָפּיצירס־דינערײַ איז געווען ממש אַ סינעקור, וואָס דאָס מיינט לוין ווי אַלע, אָבער כמעט אָן אַרבעט.

אין די חדשים פון דער אָקופּאַציע־צײַט האָב איך יורקאָן (דאָס איז

געוועזן דער ערשטער נאָמען פון מײַן אוקראַיִנישן אָפיצירס־דינער) זעלטן ווען געזען און האָב אים דערפאַר ווייניק וואָס געקענט. אָבער דערקענט האָב איך אים אין אַן עת־צרה, ווען ער האָט באַוויזן זײַן געטרײַשאַפט.

ס׳איז געווען אין די טעג ערב סוף פון דער מלחמה, אָקטאָבער 1918, אין דער אוקראַיִנישער שטאָט יעליסאַוועטגראַד. אין איינעם אַ טאָג פון יענעם חודש האָט אונדזער רעגימענט, וואָס האָט זיך אויסגעגלײַכט די ביינער מיט באַקוועמע קוואַרטירן, מיט גוטער שפּײַז און מיט ווייניק אַרבעט אין דער שטאָט מאַריופּאָל בײַם אַזאָווישן ים, געמוזט אין דער גיך פּאַקן די זאַכן און זיך לאָזן אין וועג אַרײַן ראַטעווען דעם דײַטשן פראָנט אין בולגאַריע. די באַן איז נישט ווײַטער דערגאַנגען ווי ביז גאַליציע. דאָרט האָט זיך אָנגעהויבן די רעוואָלוציע, און יעדער זעלנער און יעדער אָפיציר מיט די אַראָפּגענומענע שטערן פונעם קאָלנער האָט גענומען זוכן אַ וועג צו זיך אַהיים.

מיך האָט די באַן נישט דערפירט ווײַטער ווי ביז יעליסאַוועטגראַד. ווען מיר זײַנען אָנגעקומען שפּעט בײַ נאַכט אויפן יעליסאַוועטגראַדער וואָקזאַל האָט מען באַמערקט, אַז איינער פון די וואַגאָנען איז קאַליע געוואָרן און מען מוז אים אויסבײַטן. דער לאָקאָמאָטיוו האָט אָוועקגעפירט דעם אַלטן וואַגאָן אויף אַ זײַטיקן געלייז און אַט קומט ער מיט אַ נײַעם וואַגאָן און די אײַזערנע טאָצן פון בײדע וואַגאָנען האַלטן זיך שוין — בײַם צעקושן. איך האָב אין יענער נאַכט געהאַט דינסט און בין אַרומגעלאָפן אַכטונג געבן פון איין אָרט צום צווייטן, אָבער ווי אַזוי איך בין פּלוצעם אויסגעוואַקסן צווישן די אײַזערנע טאָצן, ווייסט איין גאָט.

די וואַגאָנען צעברוגזטע פּאָר מײַנע „אינמיטן דרינען" האָבן מיך אַ כאַפּ געטאָן מיט די טאָצן און מיך אַרויסגעשלײַדערט אויף דער פּלאַטפאָרמע. איך בין געבליבן ליגן אַ פאַרחלשטער און האָב זיך אויפגעכאַפּט ערשט נאָך כּמעט צוויי פולע מעת־לעת אין יעליסאַוועטגראַדער מיליטער־שפּיטאָל.

אין שפּיטאָל האָט שוין געהערשט די שטימונג פון מיליטערישן צעפאַל. די דאָקטוירים און די סאַניטאַרן האָבן געטאָן אַ טובה אַז זיי זײַנען געקומען אָנקוקן און באַדינען אַ חולה.

דער רעגימענט־דאָקטער האָט מיר פאַרשריבן פּילן צום באַרויִקן און — דער דיאַגנאָז איז געווען: „אויב דו באַקומסט נישט די „שפּאַנישע" (עס האָט דעמאָלט געבושעוועט די שפּאַנישע גריפּע און האָט געהאָלפן אָפּרייניקן

די שפּיטאָלן) ווערסטו בלײַבן לעבן. און יאָ, — האָט ער מוסיף געווען, — ס׳וואָלט גוט געווען צו טרינקען אַ סך מילך אי פֿאַר די לונגען און אי אַקעגן דער גריפּע. אָבער די שפּיטאָל־אַדמיניסטראַציע האָט נישט קיין מילך. ס׳איז נישט צו באַקומען. און ס׳איז שוין נישט די צײַט צו נעמען עפּעס בײַ די אײַנוווינער מיט כּוח״.

דעם דײַטשן שמועס מיטן רעגימענט־דאָקטער האָט יורקאָ נישט פֿאַר־שטאַנען. אָבער אַז ער האָט זיך פֿון מיר דערוווּסט וועגן וואָס ס׳גייט — איז געוואָרן אַ שפּע מיט מילך. יעדן אין דער פֿרי איז יורקאָ פֿאַרשוווּנדן אויף אַ שעה־צוויי אין שטאָט אַרײַן און האָט געבראַכט מילך. און געגאַנגען אַרום מיר איז דער יונגער בחור מיט דער צערטלעכקייט און מיט דער ליבע פֿון אַ ברודער. ער איז געווען מײַן דאָקטאָר און מײַן קראַנקנשוועסטער. עס איז געווען דאָס איינציקע מאָל אין מײַנע דרײַ יאָר אָפּיצירשאַפֿט, וואָס איך האָב געפֿילט די זכיה פֿון האָבן אַ דינער.

נאָר כּמעט צוויי וואָכן צײַט האָט מיר אָנגעהויבן בעסער צו ווערן און יורקאָ און איך האָבן גענומען טראַכטן ווי אַזוי נישט צו פֿאַרשפּעטיקן די לעצטע באַן פֿאַר דעמאָביליזירטע וואָס האָט אַ ליאַדע טאָג געדאַרפֿט אָפּגיין פֿון יעליסאַוועטגראַד. מיר האָבן געפֿירט לאַנגע שמועסן און נישט־ווילנדיק זיך איינער דעם אַנדערן דערציילט וועגן היים און משפּחה און מיר זײַנען אַזוי אַרום נאָענט געוואָרן. און דערמוטיקט פֿון דער נאָענטשאַפֿט האָט מיך יורקאָ אין איינעם אַ טאָג פּלוצעם אין מיטן אַ שמועס וועגן „ווען און ווי אַזוי פֿאָרט מען אַהיים״ אַ פֿרעג געטאָן: „וואָס איז געשען אין יענער נאַכט ווען לייטענאַנט פּישלער האָט אײַך געראַטעוועט פֿון אַ זיכערן טויט?״

— פֿון וואַנעט ווייסטו? — האָב איך געשטאַמלט און געשריִען פֿאַר שטוינונג און פֿאַר פּחד, — פֿון וואַנעט ווייסטו? דו ביסט דאָך נאָך דעמאָלט אין איטאַליע נישט געווען בײַם רעגימענט.

אַ ביסל אַ דערשראָקענער פֿון מײַן שטאַמלען און שרײַען האָט יורקאָ קודם געשוויגן און דערנאָך אַז איך האָב אים מיט די אויגן געהאַלטן אין איין פֿרעגן און איבערפֿרעגן, האָט ער שטיל און פֿאַרשעמט אַ זאָג געטאָן:

— פֿון אײַך, הער לייטענאַנט, ווייס איך עס. איר אַליין האָט עס דער־ציילט.

— ???

— ווען איר זענט די ערשטע טעג דאָ געלעגן אין פיבער און האָט גערעדט פון היץ.

— ווען נישט לייטענאַנט פּישלער אין יענער נאַכט, — האָב איך אַ דערלייכטערטער וואָס כ'בין איבערגעקומען די פיבערטעג און פיל זיך בעסער, יורקאָן שפּאַסיק געענטפערט — וואָלט מיך דײַן מילך דאָ אין יעלי־סאַוועטגראַד אויך נישט געקאָנט ראַטעווען.

איך האָב איצט פאַרשטאַנען ווי טיף אין האַרץ עס איז מיר אַרײַן און ווי טיף איך האָב געגלייבט אין פּישלערס „קום מיט מיר, איך האָב גליק". דער גלויבן מײַנער אין דעם כּוח פון מײַן חבר פּישלערס גליק איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז איך האָב אין מײַן באַוווּסטלאָזן צושטאַנד זיך געקלאַמערט אין זײַן גליק און תּפילה געטאָן צו אים.

ד

איך האָב דעמאָלט יורקאָן אויפן שפּיטאָל־בעט אין יעליסאַוועטגראַד דערציילט די געשיכטע פון יענער נאַכט און דערצייל זי איצט איבער לויט פּישלערס ווּנטש, וואָס ער האָט מיר איבערגעשיקט דורכן ברוקלינער „קלינער".

מיר זײַנען אין דער דערמאָנטער אויגוסט־נאַכט פון 1917 געלעגן מיט אונדזער באַטאַליאָן אין רעזערוו געציילטע עטלעכע קילאָמעטער הינטער די פאָדערשטע טראַנשייען. דער שונא האָט אין משך פון מעת־לעתן געהאַלטן דעם גאַנצן פראָנט אונטער אַן אומגעווייַנטלעכן אַרטילעריע־באַראַזש. ער האָט געשאָסן מיט אַן אומהיימלעכער צילזיכערקייט און האָט אָנגעטאָן גרויס שאָדן. דער עיקרשט האָט ער ממש צעשמעטערט די פאָדערשטע טראַנשייען. האַופּטמאַן אַדאַמיטשקאַס באַטאַליאָן האָט זיך געמוזט צוריק־ציִען און זוכן אַ וויינקער „אײַנגעשאָסן" פּלאַץ אויף זיך אײַנצוגראָבן, און מיר, דער רעזערוו־באַטאַליאָן, האָבן זיי געדאַרפט צושטעלן אַ ביסל בוי־מאַטעריאַל און פאַר אַלעמען אַמוניציע, וואָרעם אַלץ האָבן די איטאַליענער צעשאָסן.

האָט אונדזער באַטאַליאָנס־קאָמענדאַנט, האַופּטמאַן טינקל, אַרויסגעשיקט לייטענאַנט פּישלערן און מיך מיט צוויי הונדערט מאַן צושטעלן בוי־מאַטע־ריאַל און אַמוניציע צו דער פאָדערשטער ליניע.

די נאַכט איז געווען אַ סוף חודשדיקע, אַ פינצטערע. דער באַרגיקער

וועג אַ שמאָלער, באַשאָטנט פון ביידע זײַטן מיט קליינע ביימלעך און קשאַקעס און דאָ און דאָרט פאַרשטעלט מיט פעלדזן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי אומהיימלעכע בײַכער, וואָס זײַנען פאַרבליבן ליגן נאָכן אָפּהאַקן אַלע אברים פונעם מאָנסטער.

ס׳איז געווען אַ גינציקע נאַכט אויף זיך אויסצובאַהאַלטן פאַרן שונאס אַרטילעריע. די זעלנער זײַנען געגאַנגען אין „גאָנער־מאַרש", ד״ה איינער אָדער העכסטנס צוויי אין דער ברייט און אויף אַ דיסטאַנץ פון אַן ערך צוואַנציק שריט פון איינעם צום אַנדערן אין דער לענג. געטראָגן האָט מען ברעטער און אויך באַלקנס, מאַשין־ביקסן און אַמוניציע־קעסטלעך און געצײַג צום גראָבן די ערד און צו דרילן די שטיינער.

מיר זײַנען ביידע געווען לייטענאַנטן: פישלער און איך, אָבער ער עלטער פון מיר אין ראַנג (אויך מיט פינף, זעקס יאָר עלטער און מיט אַ כלה, אַ סטודענטקע אין ווין, וואָס האָט אין אירע בריוו פאַר אים געמאָלן מיט אַלע דעטאַלן ווי אַזוי ס׳וועט אויסזען זייער וווינונג אין סטאַניסלאַוו). איז ער על־פּי מיליטערישן שולחן־ערוך געגאַנגען בראש פון דער קאָמפּאַניע און איך בײַם סאַמע סוף. די זעלנער האָבן, ווי באַפוילן, געהיט זיך אַ שטאַרקן טראָט צו טאָן מיט זייערע גענאָגלטע שיך אויפן האַרטן שטייניקן וועג. מ׳האָט ממש אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם און — אָרום איז פינצטער און כמעט ווי רויִק. ערגעץ ווו גיט צו מאָל אַ רעווע אַ האַרמאַט, אָבער מע האָט דאָס געפיל, אַז דער שאָס איז געווען אַ בלינדער, ד״ה ער האָט נישט עקספּלאָדירט, אָדער ער איז ערגעץ ווו אַרײַנגעפאַלן אין אַ וואַסער און דערטרונקען געוואָרן.

מיר זײַנען אָפּגעגאַנגען כמעט אַ שעה און ס׳האָט אויסגעזען אַז מיר זײַנען, ווי מ׳זאָגט דאָס, אַרויס מיטן רעכטן פוס, נאָך אַ שעה־אַנדערטהאַלבן און מיר וועלן דערגרייכן די פאָדערשטע ליניע און מיר וועלן נאָך באַווײַזן זיך אומצוקערן אונטערן צודעק פון דער נאַכט.

מיט אַ מאָל האָט אַ מעהע געטאָן אין די אויגן אַ שײַנוואַרפער. מיר האָבן זיך אַלע אַ שלײַדער געטאָן צו דער ערד, ד״ה נישט אַלע, נאָר די וואָס האָבן געקענט. די זעלנער מיט די ברעטער און מיט די קלעצער אויף די אַקסלען האָבן זיך קוים געקאָנט אײַנבייגן און די סאָלדאַטן מיט די אַמוניציע־קעסטלעך זײַנען געפאַלן כורעים פּאַוואָליע און מיט גרויס פאָרזיכטיקייט עס זאָל פון דעם קלאַפּ נישט אַרויס קיין עקספּלאָזיע.

אָבער גאָט צו דאַנקען: דער שײַנוואַרפער האָט זיך אויסגעלאָשן. ס'הייסט, האָט אונדז דער „ווונטש־געדאַנק" אונטערגעזאָגט, דער שונא האָט בלויז אַ קוק געטאָן און — גאָרנישט געזען.

מיר האָבן זיך ביטער אָפּגענאַרט. די שײַנוואַרפערס האָבן שוין דווקא גוט געזען. די איטאַליענישע קאָמאַנדע האָט, ווײַזט אויס, גוט געקענט דעם וועג און געוווּסט, אַז אונדזער קאָלאָנע פון אַמוניציע־ און ברעטער־טרעגער וועט באַלד אַרויסקומען אויף אַ שטיקל באַרג־אַרויף ווו ס'איז כּמעט פרײַ פון ביידע זײַטן. און דעמאָלט —

יאָ, דעמאָלט האָבן נישט נאָר די שײַנוואַרפער פון דאָס נײַ געלויכטן, אָן אויפהער געלויכטן, נאָר אויך די אַרטילעריע האָט גענומען שיסן אָן הפסקות.

די האַרמאַטן־קוילן האָבן צעהאַקט די ברעטער און עס זײַנען אויסגע־וואַקסן לעכער צווישן די סאָלדאַטן וואָס האָבן געטראָגן דאָס געהילץ. ס'האָט זיך דערהערט געכאָרכל פון שטאַרבנדיקע און געשריי און געקרעכץ פון פאַרוווּנדעטע, די סאַניטעט־לײַט האָבן געשלעפּט די טויטע און די פאַר־ווונדעטע און זיי אָוועקגעלייגט בײַ די זײַטן פון וועג.

עס זײַנען אַזוי פיל אָוועקגעפאַלן, אַז די רייען זײַנען פון זיך געוואָרן געדיכטער. די וואָס זײַנען אין איינעם מיט מיר געווען בײַם סוף פון דער קאָלאָנע האָבן זיך איצט באַגעגנט מיט זעלנער, וואָס האָבן געוווּסט, אַז זייער פּלאַץ איז אין דער מיט, און אַפילו נאָך פאָרנטער. פאַר מיר זײַנען געגאַנגען צוויי מיט אַ קלאָץ אויף די אַקסלען. דאָס האָט מיך אין אַ געווי־סער מאָס באַשיצט, ווײַל זיי האָבן געשפּונען אַ שאָטן אַרום מיר. אָבער דאָס האָט מיך געבראַכט אויך אין מער סכּנה מחמת בײַ אַ טרעפער האָט דווקא נישט אַ שראַפּנעל, נאָר אַ שטיק פון דעם קלאָץ געקאָנט זײַן דער מלאך־המות. איך האָב מיך נישט געקאָנט אַנידערלייגן און לאָזן פאַרויסגיין צו ווײַט די קלאָצטרעגער וואָס פאַר מיר.

וואָס איך האָב דעמאָלט איבערגעלעבט? איך געדענק בלויז אַזוי פיל, אַז קיין מאָל אין די לאַנגע חדשים אונטער פײַער אויפן פראָנט האָב איך זיך נישט געפילט אַזוי אוממעכטיק, אַזוי אין די לאַפּעס פון טויט ווי דעמאָלט.

פּלוצעם אַ באַפעל וואָס קײַקלט זיך פון לייטענאַנט פּישלער פון מאַן צו מאַן ביז צו מיר. „לייטענאַנט ביקל נאַ פערעד" (לייטענאַנט ביקל זאָל קומען נאָך פאָרנט), האָבן די עטלעכע צענדליק נאָך פאַרבליבענע מײַלער

איבערגעחזרט די ווערטער און זיי איבערגעגעבן איינעם צום אַנדערן מיט קולות, וואָס האָבן געפּרוווט אַריבערשרײַען דעם שונאס אַרטילעריע.

איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז פּישלער איז פֿאַרווונדעט און רופֿט מיך צו פֿאַרנעמען זײַן פּלאַץ. איך בין אַן אײַנגעבויגענער אין צווייען געלאָפֿן פּאַזע די זעלנער פֿון דער רעכטער זײַט וועג.

אונטער די פּיס גריבער, וואָס דעם שונאס אַרטילעריע האָט אויסגעגראָבן; איבערן קאָפּ תּליות פֿון ליכט וואָס דער שײַנוואַרפֿער האַלט אין איין אויפֿשטעלן; אין די אויערן דער גערעווע פֿון קוילן און די קרעכצערײַ פֿון די פֿאַרווונדעטע און — איך לויף אַ פֿאַרפּלייצטער פֿון פּחד און ערגעץ ווו פֿיל איך אויך אַ מין יוגנטלעכן נייגער צו דער אַחריות, וואָס איך דאַרף אָקאָרשט איבערנעמען (איך פֿרעג זיך איצט: צי איז דאָס דאָזיקע געפֿיל פֿון נייגער נישט געווען אין די טיפֿענישן אידענטיש מיט דער אַנונג, אַז איך אַנטרין פֿון טויט?).

און אָט איז פּישלער. ער כאַפּט מיך אָן בײַ דער האַנט און זײַן שאַרף געשניטן פּנים, זײַנע קויל־שוואַרצע אויגן און זײַן דין וואָנצעלע בײַם סאַמע אונטערשטן ראַנד פֿון דער אויבערליפּ — אַלע דרײַ לײַכטן מיר אַנטקעגן מיט וואַרעמקייט און מיט באַרויִקונג.

— ביסט פֿאַרווונדעט? — פֿרעג איך.

— ניין — קומט צוריק פֿון זײַן מויל אַז ענטפֿער מיט געשטאַמל אָבער מיט דעם טראָפּ און מיט דער רוגזאדיקער זיכערקייט פֿון אַ סוף־פּסוק: ווער ס׳האָט אונדז געשיקט מיט די צוויי הונדערט מענטשן אויף דעם גאַנג צו די טראַנשייען איז אַ פּאַ־פּאַ־פּאַרברעכער (צער און פֿאַרדרוס האָבן בײַ דעם וואָרט געשטייגערט פּישלערס שטאַמל און עס איז אים געווען כּמעט אוממעגלעך עס אַרויסצוזאָגן). אַז מיר וועלן צוריקברענגען אַ צענטל פֿון די סאָלדאַטן וועט זײַן אַ סך און — טאַקע דערפֿאַר האָב איך דיך גערופֿן: קום מיט מיר, איך האָב גליק.

פּישלערס ווערטער האָבן מיך פֿריטשמעלעט מיט שטוינונג, מיט גוטחברשאַפֿט און — מיט גלויבן אין דעם וואָס ער זאָגט. צי איך האָב עפּעס געענטפֿערט ווייס איך נישט. איך געדענק נאָר, אַז איך האָב אַרײַנגעלייגט מײַן האַנט אין זײַן אָרעם און האָב זיך צו אים געטוליעט ווי אַ קראַנק קינד, וואָס זוכט באַשיצונג בײַ זײַן פֿאָטער.

ס׳איז נישט פֿאַרבײַ מער ווי קיין פֿערטל שעה זינט איך בין אַרײַן אין

דער זיכערער הייל פון פישלערס גליק און מיר האָבן זיך ביידע און די נאָענטע זעלנער הינטער אונדז אַ וואָרף געטאָן צו דער ערד. אין דער לאַנגער שעה ביז איצט האָבן מיר נאָך אַזאַ שטאַרקן, אַזאַ פולן געביל פון דעם שונאס אַרטילעריע נישט געהערט. ס׳איז געווען אַן אויפרײַס פון גיהנום. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער שונא האָט דערגרייכט אַ פולטרעפער, אָבער וווּ? הינטער די רייען? אָדער אין אונדזערע רייען גופא? אַזוי ווי ס׳האָט זיך נישט געהערט קיין מענטשלעך קול, נישט קיין געשריי און נישט קיין זיפץ, האָבן מיר לכתחילה געמיינט, אַז מיר זײַנען גוט אָפּגעקומען. דער שאָס האָט ערגעץ ווײַט צעשאָסן אַ פעלדז און דערפון דער מוראדיקער קראַך.

אָבער באַלד האָבן אונדזערע זעלנער געגומען „טעלעפאָנירן" פון מאַן צו מאַן אַרויף צום לייטענאַנט פישלער: דער שאָס האָט געטראָפן אין די לעצטע רייען, צעשמעטערט שטיינער, געמאַכט אַן עקספּלאָזיע אין אַ קעסטל מיט אַמוניציע, צעהאַקט דאָס געהילץ און — דערהרגעט אַכט מענטשן. נישטאָ קײַן פאַרוווּנדעטע. אַלע טויט.

*

צו מאָרגנס האָבן די פערטהאַלבן צענדליק לעבן־געבליבענע „אין דער היים", אין דער רעזערוו־שטעלונג, נישט אויפגעהערט איבערצורײדן וועגן דעם וווּנדער וואָס איז מיט מיר געשען און וועגן מופת, וואָס לייטענאַנט פישלער האָט מיט מיר געטאָן. אָפּיצירן האָבן געוואָלט וויסן פון פישלערן ווי אַזוי עס איז אים פלוצעם אײַנגעפאַלן מיך צו רופן און זיי האָבן אויך מיך געפאָרשט צי איך האָב פריִער זיך נישט דורכגערעדט דורכן „טעלע־פאָן" מיט לייטענאַנט פישלער. אַפילו דער „מעלשפּײַז־גנבֿ", דער אופטמאַן פרילעסאַוער, האָט זיך דורך אַ ספּעציעלן קוריער איבערגעשריבן מיט אונדזער באַטאַליאָנס־קאָמענדאַנט האַופטמאַן טינקל און פאַרלאַנגט פון אים פּרטים וועגן וואָס ס׳איז געשען און ווי אַזוי.

סײַ פישלער און סײַ איך האָבן גערן גערעדט וועגן דעם ענין. מיר האָבן געענטפערט אויף פראַגעס און זיך אַרײַנגעלאָזט אין פּסיכאָלאָגישע חקירות אָבער — ביידע האָבן מיר נישט מגלה געווען די מאַגישע ווערטער „קום מיט מיר, איך האָב גליק", וואָס זיי זײַנען געווען אי דער אָנהייב און אי דער סוף פון עם נס.

אין די פערציק יאָר זינט דעמאָלט האָב איך אין מיר אינעווייניק זיך מן־הסתם בלא יודעים, און צו מאָל אפשר אויך ביודעים, אָנגעשפּאָרט אויף לייטענאַנט פּישלערס ווערטער. כ'האָב זיי געפילט ווי עפּעס אַ קמיע, וואָס מע האָט דיר געגעבן און דיר אָנגעזאָגט: היט זיי, ס'איז אַ סגולה.

איך האָב געהיט און דער געבער האָט געשוויגן. איצט האָט לייטענאַנט פּישלער, צי אַ לעבעדיקער אויף דער עלטער, צי אין די יוגנט־יאָרן נאָך זיין אומקום, מיך געלאָזט וויסן, אַז ס'איז צייַט צו דערציילן וועגן דעם. ער האָט אַפילו צו מיר געשיקט אַ שליח. טו איך זייַן ווילן.

אָבער אין האַרצן בויערט אַ פראַגע (זאָל מיר מייַן חבר, צי בין החיים, צי בין המתים, מוחל זייַן מייַן נייַגעריקייט): וואָס מיינט די פּלוצעמדיקע מאָנונג זייַנע? מיינט עס, אַז ער באַנייַט די קמיע? אָדער איז דאָס אַן אָנזאָג אַז ס'איז געקומען די צייַט זי בטל צו מאַכן?

(1963)

פאַרטייַשונג פון לאָקאַליזמען

האָרבעטקע — אַ קלייד, וואָס עס טראָגן אוקראַאינישע פויערטעס.

קיפּטאַרל — אַ פויעריש פוטערן וועסטל.

אַרגאַט — שטאַל־קנעכט.

ריסקאַל — אַ בלעכערנע לאָפּעטע.

פּאָסטאָלעס — לעדערנע וויקלשיך פאַר פויערן.

סעראַטע — טאַנצאָוונט.

מושק — פלייש געבראָטן אויף קוילן.

מעשאַפּן — רייערדיקע פלאַנץ, וואָס וואַקסט ביי די טייכן און וואָס מען מאַכט פון איר שטעקנס.

וועספּער — קאַטוילישער אָוונט־געבעט.

דאַסקאַל — זינגער אין קלויסטער.

וואמעש — דער צאָל־אויפמאָנער.

אָבערסט — אידענטיש מיט דעם ענגלישן קוירנעל און פוי־לישן פולקאָווניק.

ווענעטיק — נישט־איינגעבוירענער, נאָר אַ צוגעקומענער אין שטאָט.

פיאַקער — קאַרעטע.

בריגיטקעס — צענטראַל־תפיסה אין לעמבערג.

בויקעס — גאַליצישע לאַנדלאָזע פויערים, וואָס פלעגן קו־מען איבערן זומער אין דער בוקאָווינע זיך פאַר־דינגען אויף אַרבעט ביי רומענישע פריצים.